STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10746

ALEFBEYZ FUN LENINIZM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קערזשענצעוו און א. לעאָנטיעוו

אלעפבייז
פון
לעניניזם

הילפבוך פאר פארטיי-שולן
און פאר זעלבסטבילדונג

צווייטער טייל

3-טע אינגאנצן איבערגעארבעטע
יידישע אופלאגע

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע — כארקאָוו — מינסק
1931 1931

Главлит № А 84109 Заказ № 2165 Тираж 10.000 экз.

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовая набережная, 10.

קאפיטל VIII. די יעסוידעס פונעם פארטיי-סטאטוט

> וואָס איז אזוינס פארטיי. — די לעניניסטע אָרגאניזיר-פרינציפן. — דער קאמף ארום די אָרגאניזאציאָנעלע פראגן אפן 2-טן פארטיי-צוזאמענפאָר. — די פארטיי-בויונג אינעם פעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע. — נײַע באדינגונגען. — דער קאמף מיט דער פראקציאָנעלקײַט. — די אינערלעך-פארטייאישע דעמאָקראטיע. — זעלבסטקריטיק און די אופגאבן פון דער פארטיי. — דער פארטיי-באשטאנד. — די פארטיי-רייניקונג. — די פארטיי אין די ראטן. — פראקציעס. — קעמערל. — די גרונט-ארבעט פון די קעמערלעך. — די צענטראלע פארטיי-אָרגאנען. — די צק"ק. — די איבערבויונג פון דער פארטיי-ארבעט. — דיסציפלין. — אקטיווקײַט. — דער פארטייער גיט א בײַשפיל. — דער פארטייער און דער אומ-פארטייאישער

די פארטיי-פראָגראם, איר טאקטיק און די פרינציפן פון איר אָרגאניזאציאָנעלער בויונג זײַנען שטענדיק אײנס פארבונדן מיטן אנדערן.

די שלאכט-אופגאבן, וואָס שטייען איצט פארן פראָלעטאריאט, צווינגען דעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל צו האָבן ניט בלויז א נײַע פראָגראם, א גאנץ אנדערע ווי באם 2-טן אינטערנאציאָנאל, נאָר אויך א גאנץ אנדערן סטאטוט, וואָס זאָל זײַן צוגעפאסט צום אָנגעהויבענעם קאמף פאר פארכאפן די מאכט און אײַנשטעלן די פראָלעטארישע דיקטאטור.

אונדזער פארטיי האָט שטענדיק אָנגעוויזן, אז די טאקטיק און אָרגאניזאציאָנס-פאָרמען (סטאטוטן) ווערן אומבאדינגט באשטימט דורך די אייגנטימלעכקײַטן פון דער געגעבענער היסטאָרישער סיטואציע. עס איז ניטאָ און עס קען ניט זײַן קיין אָרגאניזאציאָנס-פאָרם, וואָס זאָל אין א גלײַכער מאָס טויגן פאר אלע פעריאָדן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף. דעריבער האָט מען אויך אינעם פארטיי-סטאטוט געמאכט ענדערונגען אין צוזאמענהאנג מיט דער סיטואציע, וואָס האלט זיך אין ענדערן און מיט דער אָנוואקסונג פון נײַע אופגאבן פאר דער פארטיי. דער פארטיי-סטאטוט דארף פארזיכערן די אידייִשע אויסגעהאלטנקײַט פון דער פארטיי, איר באהעפטקײַט און דיסציפלינירטקײַט, איר קאמף-כאראקטער, איר פראָלעטארישן באשטאנד און נאָענטקײַט צו די מאסן, איר פראָלעטארישן דעמאָקראטיזם, וואָס איז פארבונדן מיט צענטראליזם.

1. די אָרגאַניזיר-פּרינציפּן פונעם באָלשעוויזם

וואָס איז אַזוינס פּאַרטיי?

אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם שאַפט דער אַרבעטער-קלאַס פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. קעדיי צו פירן דעם פּאָליטישן קאַמף, קעדיי צו קעמפן פאַר דער מאַכט דאַרף דער אַרבעטער-קלאַס האָבן זיי אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי.

די עמעסע פּאַרטיי פונעם אַרבעטער-קלאַס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

זי איז דער אַוואַנגאַרד פונעם קלאַס, זיין פאָרגעשריטענע, באַוווסטזיניקע מאַכנע. די פּאַרטיי לערנט, דערציט דעם קלאַס, אָן אַ רעוואָליוציאָנערע קעמפערישע פּאַרטיי קאָן דער אַרבעטער-קלאַס ניט זיגן.

די פּאַרטיי פאַראייניקט בלויז אַ טייל פונעם קלאַס. דער אַרבעטער-קלאַס איז ניט איינאַרטיק. ער וועָרבירט זיך און וואַקסט קעסיידער אפן כעזשבן פון אַרויסגעגאַנגענע פון אַנדעריע קלאַסן, הויפּטזאַכלעך, פונעם פּויערטום. קלאָר, אַז דידאָזיקע נייע שיכטן אַרבעטער ברענגען אינעם אַרבעטער-קלאַס פּויערישע, קליינבירגערלעכע שטימונגען. באַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האָט די בורזשואַזיע אַ מעגלעכקייט, אפן כעזשבן פון עקספּלואַטירן די קאָלאָניעס, אונטערצופּאַשען דאָס אויבערקעפּל פונעם אַרבעטער-קלאַס. דאָס איז די אַזוי-גערופענע אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע. און געשטימט איז דידאָזיקע אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע קלייבנבירגערלעך. זי איז צופרידן מיטן קאַפּיטאַליזם. אַזוי אַרום דרינגט אַריין אינעם אַרבעטער-קלאַס די קלייבנבירגערלעכע ווירקונג, וואָס איז פיינטלעך דעם פּראָלעטאַריאַט, דורך דאָסדאָזיקע הייפל אַרבעטער, וואָס ווערן באַם קאַפּיטאַליזם בעסער באַצאָלט.

אָט-די פאַרשיידנאַרטיקייט פונעם אַרבעטער-קלאַס פאָדערט, אַז עס זאָל זיין אַ געוויסער טייל אַמייסטן באַוווּסטזיניקע, פאָרגעשריטענע און ענערגישע אַרבעטער, וואָס זאָלן אָנפירן מיטן אַרבעטער-קלאַס, זאָלן אים פאַראייניקן און קעמפן מיט די פרעמדע קלאַסן-ווירקונגען, וואָס דרינגען אַריין אין זיינע רייען. די פּאַרטיי איז דער קאַפּ-מאַרך פונעם קלאַס, דעריבער איז ניט ריכטיק אַנטקעגנצושטעלן די פּאַרטיי דעם קלאַס. אין וואָס באַשטייט די קראַפט פון דער פּאַרטיי? אין דעם, וואָס זי פאַרמאָגט אַ ריכטיקע, קלאָרע פּראָגראַם פון אירע פאָדערונגען; אין דעם, וואָס זי זעט קלאָר די גרונט-אינטערעסן פון איר קלאַס און קאָן זיי שטעלן העכער איידער די אינטערעסן פון דער איצטיקער מינוט. די קראַפט פון דער פּאַרטיי באַשטייט אין דעם, וואָס זי קאָן ריכטיק אָנמערקן די מיטלען, וויאַזוי צופירן דעם קאַמף. די קראַפט פון דער פּאַרטיי באַשטייט, ענדלעך, אין דעם, וואָס זי איז פעסט פאַראייניקט, פאַרמאָגט אין אירע רייען אַן אייזערנע דיסציפּלין און איז ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן.

ווען די פּאַרטיי איז ניט פאַרבונדן מיט די מאַסן, קאָן זי זיי נאָך זיך ניט פירן, ווייל זי קאָן ניט אויסדריקן די אינטערעסן פון די מאַסן און די לעצטע האָבן צו איר ניט קיין שום צוטרוי. די פּאַרטיי דאַרף זיך ניט שלעפּן אין עק פון די מאַסן, נאָר גיין פאָרויס פונעם קלאַס און פירן אים נאָך זיך. די פּאַרטיי דאַרף קעסיידער וואַקסן אַפן כעזשבן פון די בעסטע פאָרשטייער פון איר קלאַס. בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דער איינציק־ריכטיקער פירער פונעם אַרבעטער־קלאַס. באַ אונדז אין לאַנד פילט מיט קאָוועד אויס די ראָליע פון אַ פירער פון פּראָלעטאַריאַט — די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס), אַף וועמעס דערפאַרונג עס לערנען זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט.

די לענינישע אָרגאַניזיר-פּרינציפּן

אונדזער פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען און זיך אויסגעבילדעט אין יענער עפּאָכע, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געפונען אונטער די אַכזאָריעסדיקע רעדיפעס פון דער צאַרישער רעגירונג. אין דערזעלבער צייט, האָבן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע עקזיסטירט פאַרשיידענע קליינבירגערלעכע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך געפּרוווט ווירקן אַפן אַרבעטער־קלאַס.

באַ דידאָזיקע באַדינגונגען האָט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּאַרטיי־געבוי גע־דאַרפט באַווארענען די אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט, פון דער פּאַרטיי, די גענוגנ־דיקע קאָנספּיראַטיווקייט, אַ פעסטע פאַרהאַרטעוועטקייט, אַ בויגעוודיקייט אַף מאַנעווּרירן אין די שווערע שלאַכטן קעגן דער זעלבסטהערשונג.

ערעוו דעם 2־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (1903 יאָר) האָט לענין געקעמפט פאַר די פאָלגנדיקע דריי הויפּט־פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי־בויונג.

1) ער האָט געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי דאַרף מען בויען מיט דער הילף און אַרום אַ פּ אַ ר ט י י ־ צ י י ט ו נ ג. דידאָזיקע צייטונג („איסקראַ“) האָט צו יענער צייט פאַרייניקט די גרעסטע פּאַרטיי־טעאָרעטיקער מיט לענינען און פּלעכאַ־נאָוון בעראָש. שאַפן אַ פּאַרטיי אַרום אַ צענטראַלער פּאַרטיי־צייטונג הייסט זיכערן די אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט פון דער פּאַרטיי.

2) אין יעסאָד פון דער פּאַרטיי דאַרף געלייגט ווערן די אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנאַלן — רעוואָליוציאָנערן, ד. ה. אַזעלכע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זיינען איינגאַנצן, מיט לייב און לעבן אַוועק אַף רעוואָליוציאָנערער אַרבעט און האָבן געוואָרפן זייער פריערדיקע אַרבעט. לענין האָט די גאַנצע צייט גע־שטרעבט די גרעסטע פּאַרטיי־טוער זאָלן ווערן רעוואָליוציאָנערן — פּראָפעסיאָ־נאַלן. דאָס איז געווען וויכטיק צוליב קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען — די פּראָ־פעסיאָנאַלן (זיי פלעגן געוויינטלעך ווינען אַף פרעמדע דאָקומענטן און האָבן

נעהאַט אַ דערפאַרונג פון אונטערערדישער אַרבעט) פלעגן זעלטענער אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. דאָס איז געווען וויכטיק אויך דערפאַר, וואָס אָן קאַדרען פאַרהאַרטעוועטע, אויסגעהאַלטענע, געשולטע פירער האָט מען ניט געקאָנט פירן דעם אַרבעטער־קלאַס נאָך דער פּאַרטיי. דורך די קאַדרען פּראָפע־סיאָנאַלן איז גאַראַנטירט געוואָרן די אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט פון דער פּאַרטיי און ניט־איבערגעריסנקייט פון איר קאַמף.

3) לענין האָט געשטרעבט איינצושטעלן אין דער פּאַרטיי **אייזערנע דיסציפּלין** און שטרענגן **צענטראַליזם**. צענטראַליזם הייסט, אַז בעראָש פון דער פּאַרטיי שטייט אַ פעסטער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס בויט די פּאַרטיי און פירט מיט איר אָן. בלויז אַזאַ פעסטער צענטער האָט געקאָנט שאַפן די פּאַרטיי אין די יאָרן פון זעלבסטהערשונג און גאַראַנטירן דער פּאַרטיי איר אידייִשע פעסטקייט און קאַמף־קראַפט.

דידאַזיקע אַלע פּרינציפּן זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער גרונט־אויפגאַבע — האָבן אַ **שלאַכט**־פּאַרטיי, אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַ שמאָלענעם אַוואַנגאַרד פאַרהאַרטעוועטע קעמפער, וואָס זאָל זיין בעקוועם צו פירן נאָך זיך די מאַסן צו שטורעמען דעם צאַריזם.

דער קאַמף אַרום די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אויפן 2-טן פּאַרטיי - צוזאַמענפאָר

די גרונט־מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אויפן 2־טן צוזאַמענפאָר פון דער רסדרא"פּ זיינען געווען, ווי באַוווּסט, אַרום די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. לענין האָט פאָרגעלייגט צו פאָרמולירן דעם 1־טן פּאַראַגראַף פונעם סטאַטוט אַזוי: „פאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד רעכנט זיך יעדע־רער, וואָס אָנערקענט איר פּראָגראַם און שטיצט אונטער די פּאַרטיי סיי מיט מאַטעריעלע מיטלען סיי מיטן **פּערזענלעכן באַטייליקן זיך** אין איינער פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס".

אַזוי אַרום האָט זיך דאָס פּערזענלעכע באַטייליקן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע נערעכנט פאַר נויטיק. מאַרטאָוו האָט פאָרגעלייגט ניט צו פאָדערן דאָס אַריינגיין אין דער אָרגאַניזאַציע, ער האָט געוואָלט, אַז פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי זאָל זיך קאָנען רעכענען יעדערער, ווער נאָר עס גייט אַרבעטן אונטער איר קאָנטראָל. אַזוי אַרום האָט יעדער, וואָס האָט מיטגעהאָלפן דער פּאַרטיי, זיך געקאָנט אָנרופן פּאַרטיי־מיטגליד.

לענין האָט אָנגעוויזן אין די דעבאַטן, אַז מאַרטאָווס פאָרמולירונג „עפנט פּאַנאַנדער די טירן פאַר אַלע עלעמענטן פון דעזאָרגאַניזאַציע, וואַקלונג און

אָפּאָרטוניזם". זי שטרעבט צו מאַכן פון יעדן איינעם אַ פּאַרטיי־מיטגליד. אָבער „בעסער, אַז צען, וואָס אַרבעטן יאָ זאָלן זיך ניט אָנרופן פּאַרטיי־מיטגלידער, איידער איין פּלאַפּלער זאָל האָבן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו זיין אַ פּאַרטיי־מיטגליד".

לענין האָט געשטרעבט צו אַ פ ע ס ט ע ר, פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע פונעם פאָרגעשריטענעם אָטריאַד פונעם אַרבעטער־קלאַס. די מענשעוויקעס האָבן צעוואַסערט די פּאַרטיי.

פּונקט אַזאַ פאַרשיידענער צוגאַנג האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך טיקויעך דער פראַגע וועגן צענטראַליזם. לענין איז באַשטאַנען אַף שאַפן אַ פעסטן צ"ק און רעדאַקציע פונעם צענטראַל־אָרגאַן. ער האָט אַנטשיידן דערווידערט קעגן דער ברייטער זעלבשטענדיקייט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אָדער קעגן אַזאַ פּאַרטיי־געבוי, ווו עס פאַרייניקן זיך עטלעכע אײַנגאַנצן זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען ניט אונטערגעוואָרפן איינע די אַנדערע און האָבן ניט קיין פעסטן איינהייטלעכן צענטער. מע האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ סיסטעם שוואַכט אָפּ די שלאַכט־מאַכט פון דער פּאַרטיי און האָט זיך געקאָנט אָפּרופן אַף איר אידייִשער אויסגעהאַלטנקייט.

די מענשעוויקעס האָבן פאַרטיידיקט דעם עקסטן דעמאָקראַטיזם, האָבן געטײַנעט, אַז לענין שאַפט אין געשטאַלט פונעם צ"ק אַ „פויסט", „באַלאַגערונגצושטאַנד" א. א. וו. לענין האָט זיי איראָניש געענטפערט: „פאַר מענטשן, וואָס זײַנען צוגעווינט צום פרייען שלאָפראָק און שטעקשיך פון דער פאַמיליען־קרייזלשער אָבלאָמעווערײַ, דוכט זיך דער פאָרמעלער סטאַטוט אי שמאָל, אי ענג, אי באַלעסטיקנדיק... אָבער די פּאַרטייִשע פאַרבינדונג דאַרף זיך באַזירן דאַפקע אַפן פאָרמעלן סטאַטוט און אַפן שטרענגען פאָרמעלן קאָנטראָל און דיסציפּלין".

אין יענער צײַט זײַנען געווען אַזוינע, וועמען דידאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע מייִנונגס־פאַרשיידנהייטן האָבן אויסגעוויזן ווי אויסגעטראַכטע און איבערגעטריבענע. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז דער פאַרשיידענער צוגאַנג צום סטאַטוט האָט באַהאַלטן די טיפסטע גרונט־מייִנונגפאַרשיידנהייטן צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבן געשטרעבט צו שאַפן אַ פעסטבאַהעפטע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין גרייט צו אַן אויפשטאַנד, צו אַן אַנטשיידענעם קאַמף פאַר דער מאַכט. די מענשעוויקעס האָבן געטרוימט וועגן עפּעס אַ פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטיי, וואָס זאָל אַרויסטרעטן דעריקער אינעם פּאַרלאַמענט, וואָס האָט אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטן, וואָס איז ניט פעיִק צום קאַמף פאַר דער מאַכט און דורכצופירן אַ האַרבע דיקטאַטור. מיט די מענשעוויקעס איז אויך געווען טראָצקי.

די פּאַרטיי-בויונג אינעם פּעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע

באַ דער אומלעגאַלער לאַגע פון דער פּאַרטיי איז נייטיק געווען צו בויען די פּאַרטיי פון אויבן. אויסגעווײלטקייט, דעמאָקראַטישקייט האָט מען ניט געקאָנט אָנווענדן אַף אַ ברייטן אויפן, ווייל דאָס וואָלט געבראַכט צו דורכפאַלן (אַרעסטן). אָבער לענין האָט געפאָדערט, אַז די קאָמיטעטן אַליין זאָלן אַריינפירן אין זייער באַשטאַנד מער אַרבעטער.

ווי נאָר דער אַלגעמיינער שטרייק פון 1905 יאָר האָט געענדערט די פּאָליטישע באַדינגונגען, האָט אונדזער פּאַרטיי גענומען זיך רעאָרגאַניזירן, צופּאַסנדיק זיך צו די נייע באַדינגונגען — צו דער פּאַקטישער פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פון פאַריינען, פון דער פּרעסע, — אַרומכאַפּן אַלץ נייע שיכטן אַרבעטער.

די באָלשעוויקעס האָבן אָפּן גערופן די פּאַרטיי דורכצופירן טייקעף אין לעבן דעם *וואַל-פּרינציפּ*. באַ די וואַלן אַפן 4-טן צוזאַמענפאָר האָבן שוין געשטימט קימאַט אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ד. ה. די דעלעגאַטן זיינען אויסגעווײלט געוואָרן ניט בלויז דורכן קאָמיטעט, ווי פריער, נאָר דורך אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע.

דעמדאָזיקן פּעריאָד, ווען די פּאַרטיי האָט געקאָנט אַרויסטרעטן אָפּן, האָט לענין פאַרגעלייגט אויסנוצן אַף אַריינציען אין דער פּאַרטיי נייע שיכטן אַרבעטער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטער, וואָס גייען אַריין אין דער פּאַרטיי אינעם מאָמענט פון העלדישן קאַמף קעגן דעם צאַריזם, וועלן זיין זיכערע אָנהענגער פון דער פּאַרטיי. „דאָס אונטערערד וועט כאָרעוו, — האָט געשריבן לענין, — איז דרייסטער פאָרויס, נעמט דאָס נייע געווער, צעטיילט עס צווישן נייע מענטשן, פאַרברייטערט אייערע שטיץ-באַזעס, רופט צו זיך אַלע אַרבעטער סאָציאַל-דעמאָקראַטן *, שליסט זיי איין אין די רייען פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס הונדערטערווייז און טויזנטערווייז".

אָבער אַריינציענדיק וואָס מער אַרבעטער אין דער פּאַרטיי און דורכפירנדיק דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ אינעם לעבן, האָבן די באָלשעוויקעס פאַרגעזעצט דעם קאַמף פאַר אַן אידייִש אויסגעהאַלטענער *זעלבשטענדיקער*, פעסט *דיסציפּלינירטער* פּאַרטיי, וואָס וועט ניט צונויפגעגאָסן מיט אַנדערע מינים אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער-קלאַס.

ווען עס איז אָנגעקומען די רעאַקציע, נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, האָט די פּאַרטיי געמוזט אָפּטרעטן, און זי האָט זיך נאָכאַמאָל

* אין יענע יאָרן האָבן די באָלשעוויקעס אויך גערופן זיך סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

איבערגעבויט, קעדיי פאַרצווזעצן דעם קאַמף. לענין האָט געגעבן אזא פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישער אַרבעט:

„א פעסטע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די פּאַרטיי־צענטרען, א סיסטעמאַטישע אומלעגאַלע פאַרלאַג־אַרבעט, און דעריקער: אָרטיקע און באַזונדערס זאַוואָדישע פּאַרטיי־קעמערלעך, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך די פּאָרגעשריטענע אַרבעטער גופע, וואָס לעבן אין א דירעקטער פאַרבינדונג מיט די מאַסן — אָט איז דער יעסאָד, אַף וועלכן מיר בויען און וועלן אויסבויען דעם אייזן־פעסטן קערן פון דער רעוואָליוציאָנערער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט־דער אומלעגאַלער קערן וועט זיין אָן אַן ערעך ברייטער, איידער אין די פריערדיקע צייטן, ער וועט פאַרשפּרייטן זיינע פינגער, זיין איינפלוס אי דורך דער דומע, אי אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אי אין די קאָאָפּעראַטיוון, אי אין די קולטור־אויפקלער־געזעלשאַפטן".

גראָד אין דעמדאָזיקן פעריאָד פון דער רעאַקציע (1907—1909 יאָר) און פונעם נייעם אופשטייג (1910—1914 יאָרן) איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס ווייטערדיקע „פאַרארבעטערן" אונדזער פּאַרטיי און דאָס פאַרגרעסערן דעם פּראָצענט אַרבעטער אין די אָרטיקע קאָמיטעטן און אין די צענטראַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען.

אין דעמדאָזיקן אונטערערדישן פעריאָד האָט אונדזער פּאַרטיי אויך אַנטוויקלט און פאַרשטאַרקט די סיסטעם קעמערלעך, וואָס פון זיי ווערט געבויט די פּאַרטיי. די פּאַרטיי־קעמערלעך האָבן זיך גענומען שאַפן אין אַלע אַרבעט־געביטן. דורך זיי האָט זיך די פּאַרטיי ענג פאַרבונדן מיט דער מאַסע. דורך זיי האָט זי געפירט די גאַנצע אַגיטאַציאָנעלע, פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין די מאַסן.

2. די פּאַרטיי בא דער מאַכט

נייע באַדינגונגען

נאָכדעם, ווי דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפּט די מאַכט, ווייזט זיך אַרויס זיין פּאַרטיי אין גאָר נייע, אַסאַך מער קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, די פּאַרטיי ווערט איצט א רעגירנדיקע פּאַרטיי, וואָס פון איר האַנדלונג הענגט איצט אָפּ סיי דער גורל פונעם אַרבעטער־קלאַס, סיי די עצעם עקזיסטענץ פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, סיי דער דערפאָלג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין א לאַנד מיט א הונדערט פופציק מיליאָניקער באַפעלקערונג.

די פּאַרטיי איז איצט די אָנפירערן ניט בלויז פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון צענדליקער מיליאָנען אַרבעטנדיקע, אין דער ערשטער ריי, פונעם פּויערשאַפט און מיטלפּויערטום.

באַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אונדזער פּאַרטיי די איינציקע פּאַרטיי אין לאַנד. צוזאַמען מיט די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און פּויערים הויבן זיך אָן צו לאָזן אין אירע רייען אַטאַך עלעמענטן, וואָס פריער האָבן זיי זיך געפונען אין אַנדערע פּאַרטייען, און אויך פאַרשיידענע קאַריעריסטן, וואָס ווילן אויסנוצן פאַר זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן דאָס, וואָס זיי זיינען מיטגלידער פון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי.

נאָכן אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע הערט נאָך די פּאַרטיי ניט אויף צו געפינען זיך אונטער דער געפאַר פון שטאַרקן בורזשואַזן און קלײנבירגערלעכן איינפלוס. די קליינבירגערלעכע מאַסן (לעמאָשל, די קליינע סכוירע־פּראָדוצירער) רינגלען אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע זייטן מיט א קליינבירגערלעכער סטיכיע, דעמאָראַליזירן אים, שטעקן אים אָן מיטן גייסט פון קליינע באַלעבאַטימלעך, מיטן גייסט פון באַלעגופנטום א. א. וו.

דעריבער קומען אויף פאַר דער פּאַרטיי נייע אויפגאַבן און גרויסע שוועריקייטן. בלויז באַ דער אידייִשער איינהייטלעכקייט, אייזערנער דיסציפּלין און באַ דער שטרענגסטער קאָאָרדינירונג פון איר אַרבעט וועט זי קאָנען אויספילן אירע אויפגאַבן.

נאָר באַ דיזאָיקע באַדינגונגען וועט די פּאַרטיי קאָנען אָנפירן מיטן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס.

און וואָס באַשטייט די ריכטיקע אָנפירונג פון דער פּאַרטיי אין אונדזערע היינטצייטיקע באַדינגונגען?

כ' סטאַלין האָט אַפן 16־טן צוזאַמענפאָר געגעבן אַף דעם אַזאַ ענטפער:

„פאַר דער ריכטיקער פּאַרטיי־אָנפירונג איז נויטיק, כוץ אַלע אַנדערע זאַכן, אַז די פּאַרטיי־ליניע זאָל זיין אַ ריכטיקע, אַז די מאַסן זאָלן פאַרשטיין די ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע און זאָלן זי אַקטיוו אונטערשטיצן, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך ניט באַגרענעצן מיט אויסאַרבעטן די גענעראַלע ליניע, נאָר זאָל טאָג־איין־טאָג־אויס דורכפירן זי אין לעבן, אַז די פּאַרטיי זאָל פירן אַן אנטשיידענעם קאַמף קעגן די אָפּנויגן פון דער גענעראַלער ליניע און קעגן דער פּאָלעראַנטער באַציונג צו זיי, אַז אינעם קאַמף קעגן די אָפּנויגן זאָל די פּאַרטיי אויסשמידן די איינהייט פון אירע רייען און אַן אייזערנע דיסציפּלין“.

דער קאַמף מיט דער פראַקציאָנעלקייט

דער ערשטער באַדינג איז, — איינהייטן די אידייִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט פון דער פּאַרטיי. ווען פאַרן 10־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (1921 יאָר)

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאַרטיי־איינהייט געפינט זיך אין אַ געפאַר, אַדאַנק דער אַנטשטייונג פון אַ ריי באַזונדערע פראַקציעס מיט אַן אייגענער פּלאַטפאָרם און מיט אַן אייגענער דיסציפּלין, האָט לענין פאָרגעלייגט אָנצונעמען די אַנט־שיידנסטע מאָסמיטלען קעגן דיראַזיקע סימאָנים פון צעשפּאַלטונג.

פראַקציאָנעלקייט הויבט זיך געוויינלעך אָן דערפון, וואָס אַ גרופּע פּאַרטיי־מיטגלידער פרווט זיך שאַפן אַ פּלאַטפאָרם, וואָס גייט זיך פּאַנאַנדער מיט דער כּצוכיי-ליניע. די פּאַנאַנדערוויקלונג פונעם פראַקציאָנעלן קאַמף ברענגט דערצו, אַז ע טיילט זיך אויס אַ גרופּע באַווײַרים, וואָס פירט אָן מיט די אָנהענגער פון אָט דער נייער פּלאַטפאָרם (אַ פראַקציע - צענטער). עס ווערט באַשאַפן אַן אייגענע פראַקציע - דיסציפּלין, וועלכע רײַסט אונטער די אַלגעמיין-פּאַרטייִשע דיסציפּלין. עס הויבן זיך אָן באַשאַפן גרופּעס אַף די ערטער. די פּלאַטפאָרם און אַנדערע דאָקומענטן פון פראַקציאָנערן הויבן אָן פאַרשפּרייט ווערן.

י. וו. סטאַלין

די פראַקציאָנערן הויבן אָן צו שאַפן אונטערערדישע דרוקערייען. עס ווערט באַשאַפן אַן אייגענע קאַסע. מע הויבט אָן באַנוצן שיפער, קאָנספּיראַטיווע צונעמענישן. האקלאַל, עס דערגייט בעעמעס צו אַ צווייטער, אונטער־ערדישער פּאַרטיי.

דאָס, וואָס עס זיינען פאַראַן פראַקציעס, ברענגט צו דער אָפּשוואַכונג פון דער פּאַרטיי־איינהייט און קומט אַפן בעסטן אויפן צוניץ די ווייסגוואַרדייער און אַלע סאָנים פון דער ראַטנמאַכט. די אַנטשטייונג פון אַ פראַקציע באַטייט, אַז די פיינטלעכע שיכטן ווירקן אַף דער פּאַרטיי.

דער X צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אַז אויב אַ פּאַרטיי־מיטגליד זעט וואָס־סערע עס איז פעלערן פון דער פּאַרטיי, דאַרף ער וועגן זיי זאָגן דער פּאַרטיי גופע און אירע אָרגאַנען, און קלאַל ניט איבערגעבן דאָס אַף דער באַהאַנדלונג

פון באַזונדערע גרופּעס און פראַקציעס. בלויז דורכן דירעקטן אָנטייל פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד אין דער פּאַרטייִשער און סאָוועטישער אַרבעט קאָן מען אויסראָטן די באַגאַנגענע פעלערן.

דער צוזאַמענפאָר האָט פאָרגעלייגט טייקעף פאַנאַנדערצולאָזן אַלע גרופּעס און פראַקציעס און ניט דערלאָזן אַף ווייטער, אַז זיי זאָלן זיך בילדן. פאַר באַטייליקן זיך אין פראַקציעס איז פאָרגעלייגט געוואָרן טייקעף אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז יעטווידער אָפּאָזיציע צו דער פּאַרטיי־מערהייט האָט ניט איין מאָל אויפגעהויבן די פראַגע וועגן איבערקוקן דעמדאָזיקן באַשלוס. באַזונדערס שאַרף איז די פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאָכן XIV צוזאַמענ־פאָר. דער טראָצקיסטישער בלאָק צווישן דעם 14 און 15 צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהויבן פון שאַפן אַ פראַקציע און איז אַריבער צום אָרגאַניזירן אַ צווייטע פּאַרטיי מיט אַן אייגענעם צ״ק און מיט אָרטיקע קאָמיטעטן, מיט אַן אייגענעם אַפּאַראַט, מיט אַ פרעסע, מיט דרוקערייען, מיט שיפערן, „יאַווקעס“, מיט אונטערערדישע אַקטיוו־פאַרזאַמלונגען א. א. וו.

קלאָר, אַז די נייע פּאַרטיי האָט גענומען צוציען צו זיך די סימפּאַטיעס פון די באַלעבאָטישע און אַנדערע פיינטלעכע עלעמענטן — זי האָט גענומען צוציען אויך יענע אַלע אויסלענדישע גרופּעס, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם קאָמינטערן, געפינענדיק זיך אין אַ געוויסע צייט אין זיינע רייען.

דאָס האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז דאָס שאַפן פראַקציעס ברענגט אומ־פאַרמיידלעך צו דער אויסבילדונג פון אַ נייער פּאַרטיי, און דידאָזיקע פּאַרטיי, מיט וואָס פאַר אַ שרייעדיקן נאָמען זי זאָל זיך ניט אָנרופן, ווערט שטענדיק זיין אַ פּאַרטיי, וואָס גייט קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס שוואַכט אָפּ די מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דער קאַמף פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער איינהייט איז דער אויסדריק פונעם קאַמף פון דער פּאַרטיי פאַר איר אידייִשער אויסגעהאַלטנקייט און גאַנצקייט.

די מענשעוויקעס, לעמאַשל, פלעגן אויך ניט איין מאָל זאָגן, אַז זיי זיינען פאַר „איינהייט“, פאַר פאַרייניקן אַלע גרופּעס, וואָס האָבן געקעמפט אין דער פּאַרטיי אינעם פעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע און נאָך איר. אָבער זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט דידאָזיקע איינהייט אַלס אַ פּרינציפּלאָזע, פאָרמעלע פאַרייניקונג פון גרופּירונגען פון פאַרשיידנסטע אָנשויונגען.

די באָלשעוויקעס פאַרשטייען די איינהייט אַלס פאַרייניקונג פון אויסגעהאַל־טענע מאַרקסיסטן — לענינצעס. פאַר זיי איז די איינהייט אַ פאַרייניקונג פון גלייכדענקענדיקע, באַוווסטזיניקע קעמפער פונעם אַרבעטער־קלאַס. דעריבער טאַקע האָבן די באָלשעוויקעס צוליבן איינהייט־צוועק זיך צעשפּאָלטן

מיט די מענשעוויקעס, האָבן „אויסגעשלאָסן אַלע וואַקלדיקע און האָבן אָפּגע־שטויסן פון זיך אַלע ניטשטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן.

אזוי האָט דער XV צוזאמענפאָר אויסגעשלאָסן פון דער פארטיי אַלע מיטגלידער פון די פראקציאָנעלע גרופּעס, בעסויכאָם אויך די הויפּט־פירער פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. נאָכן XV צוזאַמענפאָר האָבן זיך אפן פראק־ציאָנעלן וועג געשטעלט די רעכטע אָפּנויגלער. זיי האָבן ארויסגערוקט זייערע א באַזונדערע ליניע קעגן דער ליניע פון דער פארטיי (האנאָכעם דעם באַלעגוף, אָפּשוואכן דעם טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאציע, א טעאָריע, אז דער באַלעגוף וועט „פרידלעך אריינוואקסן אינם סאָציאַליזם" א. א. וו.). פאקטיש האָבן זיי באשאפן א גאנץ באַזונדערע פּלאטפאָרם. זיי האָבן אָנגעהויבן פאר־שפּרייטן רעכילעס וועגן דער פארטיי, באשולדיקן זי, אז זי טרעט אָפּ פון לע־ניניזם. זיי כאזערן איבער די טראָצקיסטישע באשולדיקונג פון דער פארטיי אין „ביוראָקראטיזם". זיי האָבן געוואָלט דערמיט צודעקן זייער אויווער זיין אף דער פארטיי־דיסציפּלין (די פּאָליטיק פון דעמיסיעס, לעמאָשל). אין דער מאָסקווער אָרגאניזאציע האָבן זיי געפירט א פראקציאָנעלן קאמף קעגן דעם צ"ק. זיי האָבן געפרווט שאפן א פּרינציפּלאָזן בלאָק מיט די געוועזענע טראָצקיסטן א. ד. גל.

די XVI פארטיי־קאָנפערענץ און דער אפּרעל־פּלענום פון צ"ק האָבן אנט־שיידן פארורטיילט דעם רעכטן אָפּנויג, פארורטיילט דיזאַזיקע פראקציאָנעלקייט. אָבער, ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט דער פראקציאָנעלער קאמף פון די רעכטע ניט אופגעהערט, און דער XVI פארטיי־צוזאמענפאָר איז געווען געצווינגען אָנצע־ווייזן דערוף און באשטימען, אז פאר די אָנהענגער פון די רעכטע אָנשוויונגען איז קיין אָרט ניטאָ אין דער פארטיי.

די אידייִשע אייגנהייט און אָרגאניזאציאָנעלע באַ־העפטונג פון דער פארטיי זיינען די גרונט־באדינ־גונגען פון דער עצעם עקזיסטענץ פון דער דיקטאטור.

די אינערלעך - פארטיי־ישע דעמאָקראטיע

פאָדערנדיק א שטרענגע דיסציפּלינירטקייט פון אירע מיטגלידער, שטרעבט אין דערזעלבער צייט די פארטיי צו זייער גרעסטער אַקטיוויטעט. צוליב דעמדאָזיקן ציל ווערט דורכגעפירט די אַרבעטערשע אינערלעך־פּאַרטיישע דע־מאָקראטיע.

די ארבעטער־דעמאָקראטיע באוואָרנט אַלע פּארטיי־מיטגלידער אָן אויסנאם דעם אקטיוון אָנטייל אינעם לעבן פון דער פארטיי, אינעם באהאנדלען און לייזן אַלע פראגן, וואָס ווערן פאר איר ארויסגערוקט. די ארבעטער־דעמאָקראטיע

שליטט אויס די באַשטימערײַ אלס סיסטעם. זי פֿאָדערט ברייטע אויסגע־וויילטקייט פֿון אַלע איינריכטונגען פֿון אויבן ביז אונטן, אז אַלע פּאַרטיי־איינריכטונגען זאָלן ווערן קאָנטראָלירט, זאָלן אָפּגעבן אַ רעגולערן דין־וחשבון א. א. וו.

אַלע וויכטיקסטע פראַגן פונעם פּאַרטיי׳שן און סאָוועטישן לעבן ווערן ברייט באהאנדלט אין אַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען, אָנהויבנדיק פֿון די ערשט־שטאַפּלדיקע קעמערלעך. דאָסדאָזיקע באַהאַנדלען העלפֿט צוגרייטן געמיינזאַם און באַוווסטזיניק די לייזונג פֿון די פּראַגן. עס איז פאַרשטענדלעך, אז נאָכדעם ווי די פּאַרטיי נעמט שוין אָן אַ באַשלוס, ווערט ער אָבליגאַטאָריש און מוז פּינקט־לעך אויסגעפֿילט ווערן.

קעדיי אויסצונוצן אף א ברייטן אויפֿן די נייע קרעפֿטן, ווענדעט די פּאַרטיי א באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט אפֿן ארויסרוקן פֿון אונטן נייע קאַדרען פּאַרטיי־טוער, אף לערנען זיי און אויסנוצן.

פֿון דער אנדערער זייט לייגט פאָר די פּאַרטיי די אָנפֿירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען צוצוהערן זיך אויפֿמערקזאַם צו דער שטים פֿון די ברייטע פּאַרטיי־מאַסן און צו זייער קריטיק.

זעלבסט-קריטיק און די אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטיי

דאָס קריטיקירן אָפֿן די אייגענע פעלערן איז א גויטיקער באַדינג פאַר דער באַלשעוויסטישער פּאַרטיי. לענין האָט געשריבן: „אָפֿן אָנערקענען א פעלער, אויפֿדעקן זיין סיבע, אנאַליזירן די סיטואַציע, וואָס האָט אים ארויסגערופֿן, באַהאַנדלען אויפֿמערקזאַם די מיטלען, פאַריכטן דעם פעלער — אָט דאָס איז א סימען פֿון אַן ערנסטער פּאַרטיי, אָט דאָס הייסט, אז זי פֿילט אויס אירע פֿליכטן, אָט דאָס הייסט דערציען און לערנען דעם קלאַס, און דערנאָך אויך די מאַסן“.

דער לאָזונג זעלבסטקריטיק האָט באַקומען א באַזונדער באַדייטונג נאָכן XV צוזאַמענפֿאָר, ווייל דעמאָלט האָט זיך באַזונדערס קלאָר אַנטפּלעקט די פאַרשאַרפֿונג פֿון די קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד, עס איז אויפֿגעדעקט געוואָרן די אונטערערדישע אַרבעט פֿון אונדזערע סאָנים (דער שאַכטער פּראָצעס א. אנד.), עס זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אונדזערע פעלערן אין דער פּלאַנירונג און די שוועריקייטן מיט די ברויט־פאַרגרייטונגען. גלייכצייטיק איז אַנטפּלעקט געוואָרן א דעמאָראַליזאַציע אין א ריי פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס (סמאָלענסק, סאַטשי, אַסטראַכאַן און אנד.).

די גרונטבאַדייטונג פֿון דער זעלבסטקריטיק באַשטייט אין דעם, אז זי

דארף זיין אן אונגדזעריקע, א באָלשעוויסטישע, ד. ה. ווי סטאַ־לין האָט זיך אויסגעדריקט, זי דארף „האָבן דעם ציל איינצופלאַנצן די פּאַר־טייִשקייט, פארשטארקן די ראטנמאכט, פארבעסערן אונדזער בוויונג, פאַר־שטארקן אונדזערע ווירטשאפטלעכע קאדרען, באוואָפּענען דעם ארבעטער־קלאַס“.

„דער אנדער טנייִ איז, אז צו דער זעלבסטקריטיק זאָלן צוגעצויגן ווערן די ווירקלעך ברייטע מאסן, זי זאָל קומען פון אונטן. און דערצו איז נויטיק פאַ־נאנדערוויקלען די פּראָלעטארישע דעמאָקראטיע אין אלע מאסן־אָרגאניזאציעס פונעם ארבעטער־קלאַס און קוידעמקאָל אין דער פארטיי גופע. אָן דעמדאָזיקן באדינג איז די זעלבסטקריטיק א נול, א פוסטע זאך, א פראזע“.

זעלבסטקריטיק איז דאָס וויכטיקסטע געווער קעגן ביוראָקראטיזם. אָפּשוואכן, אונטערייסן, דעמאסקירן דעם ביוראָקראטיזם פון אונדזערע פארטיי־ישע, פּראָפעסיאָנעלע און אנדערע אָרגאניזאציעס קען מען בלויז דורך זעלבסט־קריטיק, דורך איר אָרגאניזירן מיר דעם קאָנטראָל פון די מאסן, דאָס ארייַנציען די מאסן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, דורך איר צווינגען מיר די טוער פון אונדזערע אָרגאניזאציעס בעעמעס אָפּגעבן דינוועכזשבן פאר דער מאסע. זעלבסטקריטיק העלפט קעמפן מיט קאָמגייווע, זי לאָזט זיך ניט אָפּרייסן פון די מאסן.

די רעכטע אָפּנויגלער האָבן געפּרוווט אף אלערליי אויפאנים פארקריפּלען דעם לאָזונג זעלבסטקריטיק און שטערן איר, זיי האָבן געטיינעט וועגן דעם, אז דערדאָזיקער לאָזונג איז געפערלעך, זיי האָבן געטיינעט וועגן דער איבערגע־טריבנקייט פון דער זעלבסטקריטיק, וועגן רעכילעס טרייבן אף פּאַרטיי־מיטגלידער א. א. וו. דערמיט האָבן די אָפּנויגלער בלויז מיטגעהאָלפן אלע ביוראָקראַטן, און אַלעמען, ווער עס האָט זיך געוואָלט אָפּזונדערן פון די מאַסן. זיי זיינען גע־גאנגען קעגן דער פּאַרטיי־ליניע. די זעלבסטקריטיק שלאָגט קוידעמקאָל יענע, וואָס פארקריפּלען די פארטיי־ליניע. דערפאר מאַקע האָבן זיי אַזוי מוירע פאַר זעלבסטקריטיק.

קלאָר, אז באם דורכפירן די זעלבסטקריטיק טרעפן זיך פעלערן, ניט דאָס איז אָבער דער איקער. אויב די זעלבסטקריטיק איז אָפּטמאָל ניט אינגאנצן גע־רעכט, האָט זי פונדעסטוועגן אופגעדעקט פיל ביוראָקראטן, פיל פארקריפּלונגען, זי האָט געהאָלפן א רייניק טאָן דעם פארטייִשן און פּראָפ־אפּאראט.

זעלבסטקריטיק, „ניט געקוקט אַף קיינעמס יִכעס“, קריטיק פון אויבן ביז אראָפּ איז א נויטיק געווער און א מעכטיק מיטל צו פארפעסטיקן די פארטיי, אויסצולעבן באַצייטנס אלע אירע פעלערן און טאָעסן, א מיטל אינגעם פּראָלעטארישן קלאסנקאמף“*.

* וועגן זעלבסטקריטיק און קאמף מיט ביוראָקראטיזם זע העכער אינעם קאפיטל 2.

אונדזער פארטיי נעמט אויף אין אירע רייען ניט בלויז פראָלעטאריער, נאָר אויך אזוינע, וואָס שטאמען פון אנדערע קלאסן (לעמאָשל, פויערים, אינטעליגענץ), אף וויפל זיי שטעלן זיך אפן שטאַנדפונקט פונעם אַרבעטער-קלאַס און אַרבעטן ערלעך מיטן פראָלעטאַריאַט. אָבער אייגנצייטיק נעמען מיר אָן מאַסטימלען, אז די אנטשיידנדיקע באדייטונג אין דער פארטיי זאָל האָבן דער פראָלעטאריש-ער גרונט-קערן. דעריבער איז לויטן סטאטוט פאר די פראָלעטאריער פון ווארשטאט איינגעשטעלט געוואָרן מער לגאָטנע קלאַלים באם אופנעמען זיי אלם מיטגלידער, און פאר פויערים, אַנגעשטעלטע א. אנד. זיינען דידאָזיקע קלאָלים שווערערע.

כוץ דעם, פלעגט אין דער פארטיי פון צייט צו צייט פאָרקומען א מאסן-צופלום פון ארבעטער פון ווארשטאט (ווי, לעמאָשל, נאָך איליטשס טויט). פאר דידאָזיקע ארבעטער זיינען איינגעשטעלט געוואָרן נאָך לייכטערע באדינגונגען באם אופנעמען אין דער פארטיי — אזוי ארום זיינען אופגענומען געוואָרן עט-לעכע הונדערט טויזנט מאן ארבעטער פונעם „לעניניש]ן פריזיוו" נאָך לענינם טויט, אין צוזאַמענהאנג מיטן צעניאָריקן יובילייַ פון דער רעוואָליוציע א. א. וו.

אין 1921 י. איז אין דער פארטיי געווען 37% ארבעטער.

צום XV צוזאמענפאָר איז בא אונדז אין דער פארטיי שוין געווען 56 פראָ-צענט ארבעטער (אויב רעכענען בלויז די ארבעטער פון ווארשטאט — 38 פראָ-צענט), פויערים — 22 פראָצענט, אַנגעשטעלטע — 22 פראָצענט. צום 1-טן אפרעל 1929 י. האָט זיך דער פראָצענט ארבעטער פארגרעסערט ביז 64%, (ארבעטער פון ווארשטאַט ביז 47%), פויערים — 21, און ערעוו דעם XVI צוזאַמענפאָר, צום 1-טן אַפרעל 1930, איז דער פראָצענט אַרבעטער אוים-געוואַקסן ביז 68.

פאר 4 יאָר (1924—1927 יאָר) האָבן מיר אופגענומען אין דער פארטיי קימאט א האלב מיליאָן ארבעטער, און פויערים בא 200 טויזנט, אַנגעשטעלטע בא 100 טויזנט. אזוי ארום ווערט די פארטיי קאָמפּלעקטירט הויפּטזאכלעך אפן כעזשבן פון די נייַע פראָלעטארישע קרעפטן. די פארטיי האָט באשלאָסן נאָך מער צו פארגרעסערן דעם אופנעם פון ארבעטער אזוי, אז צום סאָף 1930 זאָלן די ארבעטער פון ווארשטאט פאָרשטעלן ניט ווייניקער ווי א העלפט פון אלע מיטגלידער. דערדאָזיקער פראָצענט וועט אָבער דערגרייכט ווערן נאָך פריער. צום XVI פארטיי-צוזאמענפאָר איז אין דער פארטיי, צוזאמען מיט די קאנדי-דאטן, געווען 1.852.000 מאן, ד. ה. קנאפע 2 מיליאָן.

די פּאַרטיי-רייניקונג

די קאָנטראָל־קאָמיסיעס פון דער פּאַרטיי פירן אונטער דער אָנפירונג פון דער צק"ק א סיסטעמאַטישע ארבעט אָפּצורייניקן די פּאַרטיי. פון צייט צו צייט פירט די פּאַרטיי דורך א ספּעציעלן איבערקוק פון אירע מיטגלידער, מאַכט קלאָר זייער קלאַסן־באַוווסטזיניקייט, פּאַרטייִשע אויסגעהאַלטנקייט א. ד. גל. מיר וואַרפן אָפּ פון זיך די קלאַסן־פרעמדע עלעמענטן, קאַריעריסטן, ביוּראָקראַטן, דעמאָראַליזירטע צוגעשמירטע א. א. וו. דאָס ווערט פּאַרווירקלעכט סיי אין דער טאָגטעגלעכער ארבעט פון די קאָנטראָל־קאָמיסיעס, סיי דורך די פּאַרטיי־רייניקונגען, וואָס קומען־פאָר פון צייט צו צייט.

בעיס דער ערשטער אַלגעמיינער רייניקונג אין 1921 י. איז פון דער פּאַרטיי ארויס און אויסגעשלאָסן געוואָרן 175 טויזנט מענטשן, ד. ה. קימאַט א דריטל פונעם גאַנצן באַשטאַנד. דערנאָך האָבן די קאָנטראָל־קאָמיסיעס אויסגעשלאָסן (ביזן 1929 יאָר) 260 טויזנט מענטשן.

אין 1929/30 האָט די פּאַרטיי דורכגעפירט א נייע אַלגעמיינע רייניקונג. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן די מאָביליזיר־גרייטקייט פון דער פּאַרטיי אַף אויסצופילן די שווערע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר איר. מיר דאַרפן האָבן נאָר אַזעלכע מיטגלידער, וואָס וועלן געבן א האַרטן ווידערשטאַנד דעם באַלעבוף און נעפּמאַן, וואָס וועלן זיך ניט וואַקלען פאַר שוועריקייטן, וועלן ניט רעווידירן לעניניזם, נאָר שטענדיק שטיין אַף די קלאַסן־פּאָזיציע פונעם פּראָלעטאַריאַט און פעסט אויספילן אַלע פּאַרטיי־דירעקטיוון.

בעיס דער רייניקונג פון דער פּאַרטיי זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן 117 טויזנט מאַן, ד. ה. בא 10% פון איר באַשטאַנד (בא דער ערשטער רייניקונג, איז ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן 30%). פאַר דערזעלבער צייט זיינען אריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי א האַלב מיליאָן נייע מיטגלידער.

די פּאַרטיי־רייניקונג (וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן אָנטייל פון אומפּאַרטייִשע) האָט פאַרפעסטיקט די פּאַרטיי, האָט אויפגעהויבן איר אווטאָריטעט, האָט פאַרשטאַרקט איר אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט און קאַמף־קראַפט.

די פּאַרטיי און די ראַטן

די פּאַרטיי איז די אָנפירנדיקע הויפּט־קראַפט פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי פירט אָן מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן אין לאַנד — מיט די ראַטן, פּראָפאַריינען, קאָאָפּעראַציע א. א. וו.

די פּאַרטיי מישט זיך ניט אריין אין זייער שטענדיקער ארבעט, אין אַלע

קלייניקייטן, — די פארטיי גיט די הויפט=אָנווייזונגען און צווינגט די קאָמוניסטן דורכפירן זיי אין לעבן.

אזוי ווי די ראטן זיינען די פאָרמען פון דער פּראָלעטארישער מעלוכע, איז זייער וויכטיק, אז עס זאָלן ווי גענעריק איינגעשטעלט ווערן די פארהעלטענישן צווישן די פארטייִשע און סאָוועטישע אָרגאנען.

ווען די פארטיי=אָרגאניזאציע זעט די דעפעקטן פון דער ראטן=ארבעט, האָט זי קיין רעכט ניט אליין צו געבן אדמיניסטראטיווע פאראָרדענונגען. דער פארטיי=קאָמיטעט גיט אָנפירנדיקע אָנווייזונגען די געהעריקע פראקציעס, ד. ה. זי ווירקט דורך די קאָמוניסטן, וואָס ארבעטן און פירן אָן מיטן ראטן=אפּאראַט.

די פארטיי גיט שטרענג אכטונג, אז די אויפגאבן און די פליכטן פון די ראטן=אָרגאנען זאָל מען ניט צונויפמישן מיט די פארטייִשע פליכטן. זי לאָזט אָבער ניט קעגנשטעלן די סאָוועטישע אָרגאנען — די פארטייִשע. די פארטיי=אָרגאניזאציעס טאָרן זיך ניט דירעקט אריינמישן אין דער לויפנדיקער אדמיניסטראטיווער ארבעט פון די ראטן=אָרגאנען. אָבער זיי ריכטן דידאָזיקע ארבעט אינעם גייסט פון די פארטיי=באשלוסן, זיי גיבן אכטונג, אז מע זאָל שטרענג אויספילן דידאָזיקע באשלוסן, זיי קלייבן צו און טיילן פאנאנדער די אָנפירנדיקע טוער פון די ראטן=אָרגאניזאציעס, דערציען די פארטייער, וואָס ארבעטן דאָרט א. א. וו.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס לייזן בלויז די איקערדיקע, די סאמע הויפט=פראגן פון דער ראטן=ארבעט און מישן זיך ניט אריין אין די דעטאלן. די אָנפירער פון די סאָוועטישע און ווירטשאפטלעכע אָרגאנען טראָגן אזוי ארום אין דער פולער מאָס די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר זייער ארבעט.

פראקציעס

קעדיי צו פארווירקלעכן דעם איינפלוס פון די פארטיי=אָרגאנען אף די אומפארטייִשע אָרגאניזאציעס (ראטן, פראָפאריינען, קאָאָפעראטיוון, פרייוויליקע געזעלשאפטן א. א. וו. און אויך אף קאָלערליי צוזאמענפאָרן און באראטונגען), ווערן אין דידאָזיקע אומפארטייִשע אָרגאניזאציעס געשאפן פ ר א ק צ י ע ס. די פראקציעס פאראייניקן אלע פארטיי=מיטגלידער, וואָס ארבעטן אין דער געגעבענער אָרגאניזאציע. די פראקציעס שאפן ביוראָען און ארבעטן אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די פארטיי=קאָמיטעטן. די פראקציעס ווארפן זיך ניט אונטער איינע דער צווייטער. די פראקציע פון צ"ק מעטאליסטן, לעמאָשל, ווארפט זיך אונטער דעם מאָסקווער קאָמיטעט, דעם צ"ק, אָבער בעשומויפן ניט דער פראקציע פון אלפארבאנדישן פראָפראט. זיי זיינען מעכויעוו אויסצופילן אלע פארטיי=באשלוסן. אזוי ווערן אף אלע אומפארטייִשע צוזאמענפאָרן די

פרינציפיעלע פראגן און אויך די צעטלען פון די פערזאָנען, וואָס ווערן אויסגע־ווײלט אפן צוזאמענפאַר, שטענדיק באהאנדלט צוערשט אף דער פראקציע. דעם באַשלוס פון דער פראקציע זיינען אלע מיטגלידער מעכויעוו דורכצופירן אין לעבן.

3. וויאַזוי איז געבויט די פארטיי

דאָס קעמערל

נאָך פאַר דער ערשטער רעוואָליוציע האָט אונדזער פארטיי זיך געשאפן אן אָנשפּאַר אינעם ארבעטער־קלאַס דורך די אונטערערדישע זאוואָדישע און פאבריקישע קאָמיטעטן און קרייזלעך. דאָס איז געווען דער קערן פון די צוקונפטיקע פּאַרטיי־קעמערלעך.

אין יענע יאָרן האָט לענין געשריבן: „די זאוואָדישע קרייזלעך זיינען אונדז באַזונדערס וויכטיק: דען די גאַנצע הויפּט־קראַפט פון דער באַוועגונג איז אין דער אָרגאַניזירטקייט פון די ארבעטער אין די גרויסע זאוואָדן, ווייל די גרויסע זאוואָדן (און פאבריקן) שליסן איין אין זיך יענעם טייל פון דעם גאַנצן אר־בעטער־קלאַס, וואָס איז ניט בלויז דער דאָמינירנדיקער לויט דער צאָל, נאָר נאָך מער דאָמינירנדיקער לויטן איינפלוס, לויט דער אנטוויקלונג, לויט זיין פע־יקייט צום קאמף. יעדער זאוואָד דארף זיין אונדזער פעס־טונג".

לויט אונדזער סטאַטוט איז „די פארטייאישע גרונט־אָרגאַניזאַציע דאָס פאַרטיי־קעמערל". דורך אים פאַרבינדן זיך די אָנפירנדיקע פארטיי־אָרגאַנען אינעם גע־געבענעם אָרט מיט די ארבעטערישע און פּויערשע מאַסן.

דאָס קעמערל ווערט געשאפן אינעם זאוואָד, אין דער פאבריק, אין קאָנ־טאָר, אינעם אַנשטאַלט, אין דער האַנדלס־אונטערנעמונג, אין דאָרף א. א. וו. עס פאַרייניקט אַלע קאָמוניסטן, וואָס ארבעטן דאָרט. וואָס פאַר אַ באַקוועמ־לעכקייט האָט דאָס? אַלע קעמערל־מיטגלידער זיינען פארנומען אין איין געביט, מיט אן ענלעכער ארבעט, אין איין הויז און אין איין אָרט, זיי באַגעגענען זיך אלע טאָג בא דער ארבעט, זיי קענען אייגער דעם אנדערן ניט בלויז פון די זיצונגען, נאָר אויך אין זאוואָד אָדער אונטערנעמונג גופע. זיי באַגעגענען זיך דירעקט מיט דער גאַנצער אַרבעטער־מאַסע, זיי האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן מיט דערדאָזיקער מאַסע. דאָס קעמערל און די איינצלנע קאָמוניסטן קאָנען גוט דערלערנען אלע באַדינגונגען פון דער ארבעט, דעם גאַנצן פערסאָנאַל, וואָס פירט אָן מיט דער ארבעט, צוקוקן זיך צו די אומפארטייאישע ארבעטער. דאָס קעמערל קאָן דירעקט יעדן טאָג און יעדע שאָ פירן אן ארבעט אין דער מאַסע, דערנעענטערנדיק זי צו דער פאַרטיי, צום קאָמוניזם.

דאָס קעמערל קאָן אויך דורך זיינע מיטגלידער וויסן די שטימונג פון דער מאַסע.

אזוי ארום, קאָן די פארטיי דורכן קעמערל אמנאָענסטן צוגיין צו דער מאסע, פארבינדן זיך מיט איר, ווירקן אף איר, אָנפירן מיט איר.

אין די דערפער ווערן די קעמערלעך געשאַפן בא די דאָרפראַטן, בא די ראַטווירטן, קאָלווירטן א. א. וו. קעדיי בעסער אוועקצושטעלן די פארטיי-ארבעט, ווערן אין די גרויסע זאוואָדן געשאַפן פארטיי-קאָמיטעטן.

דער העכסטער אָרגאן פונעם קעמערל איז די אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער. פאר דער לויפנדיקער ארבעט ווערט אויסגעוויילט אף א האלב יאָר א סעקרעטאר און א ביוראָ פונעם קעמערל (ניט מער פון 9 מאַן און 2 קאנדידאטן, וועלכע טיילן אויס פון זייער באשטאנד א סעקרעטאר). די קליינע קעמערלעך האָבן בלויז א סעקרעטאר.

די גרונט-ארבעט פון די קעמערלעך

פאר יעדן קעמערל, ווי עס ווייזט אָן דער סטאטוט פון אונדזער פארטיי, שטייען פיר גרונט-אופגאבן: 1) דורכפירן אין די מאסן דעם פארטייזשן איינפלוס, 2) צוציען נייע מיטגלידער און דערציען די פארטיי-מיטגלידער, 3) העלפן דעם אָרטיקן פארטיי-קאָמיטעט אין זיין ארבעט, 4) אקטיוו באטייליקן זיך אינעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון לאנד. דאָס קעמערל פארווירקלעכט אָט-די אלע אופגאבן, באטראכטנדיק אלע פראגן, וואָס שטייען פארן זאוואָד אָדער אנשטאלט.

די וויכטיקסטע אופגאבע פונעם קעמערל איז צו זיין אין א שטענדיקער, לעבעדיקער און ענגער פארבינדונג מיט דער גאנצער מאסע און דורכפירן אין איר די פארטייזשע ווירקונג. די פאַרבינדונג מיט דער מאַסע ווערט קוידעם-קאָל דערגרייכט דורכן אקטיוון קאמף פונעם קעמערל אפן פראָנט פון דער פּראָדוקציע. דאָס קעמערל איז פאראנטוואָרטלעך פאר יענעם באצירק פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווו עס ארבעט. אויב אינעם זאוואָד, אינעם צעך איז א דורכרייס אינעם אינדפּלאן, עס וואקסט דאָס פּוסטעפּאסעווען א. אנד. — איז פאראנטוואָרטלעך ניט בלויז דער ווירטשאפטלעכער אָנפירער — לויטן דער פארטיי-ליניע פאלט די פאראנטוואָרטלעכקייט אויך אפן קעמערל.

צוליב דעמדאָזיקן ציל דערקלערן דאָס פארטיי-קעמערל און זיינע מיטגלידער דער מאסע דעם זין פון די פארטיי-באשלוסן, די פּאָליטישע לאגע. זיי דערקלערן וואָסערע ווירטשאפטלעכע מאָסנאָמען די ראטן-רעגירונג נעמט אָן א. א. וו. דאָס קעמערל פירט אָקטיוו דורך די קאָלאָפּמאַך-קאמפּאניע, דעם סאָצגעוועט, עס פירט אָן מיט דער ארבעט פון די פּראָדוציר-באראטונגען, אָרגאַניזירט די

שלאָגלעריי, דעם קאַמף פאַר אראָפּזעצן דעם קערנקאָסט, פאַר ראַציאָנאַליזאַציע, דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם, קעגן דעם פוסטעפּאַסעווען א. א. וו. אינעם גאַנצן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון זאַוואָד דאַרף דאָס קעמערל זיין דער טרייבער, דער איניציאַטער, דער אָנפירער.

אזוי ארום פארבינדט זיך דאָס קעמערל אין פּראָצעס פון דער סיסטעמאַטישער, טאָגטעגלעכער ארבעט מיט דער גאנצער ארבעטער-מאַסע און פירט אָן מיט איר.

דאָס קעמערל דאַרף צוציען די אומפּארטייִשע צו אקטיווער ארבעט, איינלאַדן זיי אף זיינע אָפענע זיצונגען, אריינציען זיי אין דער ארבעט פון זאַווקאָם, פון די קאָמיסיעס, צוציען די אומפּארטייִשע צו די וואַלן אין די ראַטן, אין די קאָאָפּעראַטיוון, פּראָפּאַריינען א. א. וו. דאָס קעמערל דאַרף אופהויבן דעם קולטור-שטאַנד פון די אומפּארטייִשע. העלפן זיי זיך לערנען, פארשפּרייטן צייטונגען א. א. וו. און אייגנציייטיק דאַרף עס וויסן די נויטן און באַדערפענישן פון די מאַסן, זייערע אומצופרידנהייטן אָדער ספּייקעס.

נייע פּארטיי-מיטגלידער ווערן אופגענומען דורכן פּארטיי-קעמערל. די מער באַוווּסטזיניקע און אקטיווע אומפּארטייִשע דאַרף דאָס קעמערל אריינציען אין דער פּארטיי. זיינע נייע מיטגלידער באַקענט דאָס קעמערל מיט דער פּראָגראַם און מיטן סטאַטוט פון דער פּארטיי, מיט די פּארטיי-איניאָנים. דאָס קעמערל דערציט זיי פאַר עכטע פּארטייער.

דאָס קעמערל איז מחויב אופצוהויבן דעם שטאַנד פון אלע זיינע מיטגלידער — שאַפן קרייזלעך, שולן, ווירקן זיי זאָלן זיך נעמען פאַר זעלבסטבילדונג א. אז. וו. א באַזונדער אופמערקזאַמקייט ווערט אָפּגעגעבן דער פּאָליטישער דערציִונג פון די מיטגלידער, דעם קאַמף קעגן די אָפּנויגלער פון דער פּארטיי-ליניע און קעגן דער טאָלעראַנטער באַציִונג צו זיי.

די קעמערלעך טיילן פאַנאַנדער די פּארטיי-ארבעט צווישן זייערע מיטגלידער און גיבן אכטונג אף דער פּארטיי-דיסציפּלין, אף דער אידייִשער אויסגעהאַלטנקייט א. אנד.

דאָס קעמערל פילט אויס אלע אופגאַבן פונעם אָרטיקן פּארטיי-קאָמיטעט.

דאָס קעמערל איז מחויב צו שטעלן פּראַקטיש אין זיין זאַוואָד אָדער אנשטאַלט דיזאָזיקע פראַגן, און גיט באַגרענעצן זיך בלויז מיט גוטע רעזאָליוציעס. דאָס קעמערל וועט דאַרפן ענטפערן, אין וואָס דריקט זיך קאָנקרעט אויס זיין קאַמף מיטן ביוראָקראַטיזם, וויפל מענטשן האָט עס אריינגעצויגן אין די שלאָג-בריגאַדעס, וויאזוי האָט עס געהאָלפן אויספילן דעם אינדפינפּלאַן, וויאזוי עס האָט אוועקגעשטעלט די זעלבסטקריטיק, אף וויפל האָט עס געהאָלפן פאַרקלענערן די ביי-הויצאָעס, וואָסער עקאָנאָמיע טע האָט זיך דערשלאָגן.

די צענטראלע פארטיי - אָרגאנען

דאָס פארטיי־קעמערל אין שטאָט ווארפט זיך אונטער דירעקט דעם ראַיאָ־נעם קאָמיטעט, אָדער דעם שטאָט־קאָמיטעט (אויב די שטאָט איז ניט צע־טיילט אף ראַיאָנען). די דאָרפישע קעמערלעך ווארפן זיך אונטער דעם ראַיקאָם. ווייטער ווערט די פארטיי־נעץ געבויט פונקט אזוי, ווי די אדמיניסטראטיווע טיילונג פון לאַנד. די געגנטן (קאַנטן) און רעפובליקן האָבן זייערע געגנטלעכע (קאַנטלעכע) און צענטראַלע קאָמיטעטן.

אין יעדער אָרגאניזאציע איז דער העכסטער אָנפירנדיקער אָרגאן די אלגע־מיינע פארזאמלונג (לעמאָשל, באם קעמערל) אָדער די קאָנפערענץ און צוזא־מענפאָר (לעמאָשל, אין דער געגנט, אין דער רעפובליק). די צוזאמענפאָרן ווילן אויס שטענדיק ארבעטנדיקע פארטיי־קאָמיטעטן.

דער העכסטער פארטיי־אָרגאן איז דער צוזאמענפאָר פון דער פארטיי, וואָס ווערט צונויפגערופן איין מאָל אין צוויי יאָר. אין דער צווישנצייט ווערן צונויפ־גערופן, לויט דער נויטיקייט נאָך, פארטיי־קאָנפערענצן, נאָר זייערע באשלוסן ווערן גילטיק ערשט נאָכדעם, ווי דער צ״ק באשטעטיקט זיי.

דער פארטיי־צוזאמענפאָר הערט אויס די באריכטן פונעם צ״ק און פון די אנדערע העכערע אָרגאנען, ווילט אויס די אָנפירנדיקע אָרגאנען, קוקט איבער און ענדערט די פראָגראם און סטאטוט פון דער פארטיי, נעמט אָן גרונט־באשלוסן איבער די לויפנדיקע פראגן א. אז. וו.

צווישן די צוזאמענפאָרן נעהערט די העכסטע אָנפירונג אין דער פארטיי דעם צענטראל־קאָמיטעט. איצט באשטייט ער פון 71 מיטגלידער און 67 קאנ־דידאטן. אף צו לייזן די סאמע וויכטיקסטע פראגן קלייבט זיך צונויף דער צ״ק אייניקע מאָל אין יאָר אין זיין פולן באשטאנד (פלענום).

די גאנצע לויפנדיקע ארבעט פילן אויס די אָרגאנען, וואָס דער צ״ק ווילט אויס — די פאָליטביוראָ (פון 10 מיטגלידער און 5 קאנדידאטן) פאר דער פאָליטישער אָנפירונג, די אָרגביוראָ (פון 11 מיטגלידער און 4 קאנדידאטן) אף אָנפירן מיט דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט און דער סעקרעטאריאט (פינף מיטגלידער און 2 קאנדידאטן) פאר דער לויפנדיקער ארבעט פון אָרגאניזאציאָ־נעלן און אויספיר־כאראקטער.

דער אפאראט פונעם צ״ק איז איינגעטיילט אף ספעציעלע אָפטיילן: אינ־סטרוקטערישער, קולטור־פראָפאגאנדישער, אגיטאציע־מאסן־קאמפאניעס און פארטיילערישער אָפטייל.

די צק״ק

דער פארטיי־צוזאמענפאָר ווילט אויך אויס די צק״ק (צענטראלע קאָנטראָל־קאָמיסיע) אין באשטאנד פון 187 מאן. די אויפגאבע פון דעמדאָזיקן אָרגאן איז

צו קעמפן קעגן אויווער זיין מיצאד די פארטיי-מיטגלידער די פראָגראם, דעם סטאטוט און די באשטימונגען פון דער פארטיי, צו קעמפן קעגן די אידייִשע אָפּנוייגן אין דער פארטיי און קעגן דער דעמאָראליזאציע פון אירע מיטגלידער, דורכצוארבעטן די מאָסמיטלען אף פארבעסערן דעם סאָוועטישן און ווירטשאפטלעכן אפּאראט, צו קעמפן מיטן ביוראָקראטיזם, מיטצווירקן דער ראציאָנאליזאציע פון דער אינדוסטריע, ארייגציען אין די פארטיי-רייען דעם בעסערן טייל ארבעטער און פויערים א. ד. גל.

צום ערשטן מאָל האָט די פארטיי געשאפן די צק"ק אין 1920 יאָר פון 7 מאן. פארן 12-טן צוזאמענפאָר האָט לעגין אין אייניקע ארטיקלען פאָרגעלייגט צו פארגרעסערן באדייטנדיק דעם באשטאנד פון דער צק"ק, צוגויפגיסן א טייל ארבעט אירע מיט דער ארבעט פונעם קאָמיסאריאט פאר ארבעטער-פויערשער אינספעקציע (ר. ק. אי) און געבן איר ברייטערע פליכטן באַזונדערס אף פאַרבעסערן אונדזער מעלוכע-אַפּאַראַט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז שוין אַפן 12-טן צוזאַמענפאָר די צאָל מיטגלידער פון דער צק"ק פארגרעסערט געוואָרן ביז 50, דערביי זיינען צוגעצויגן געוואָרן אַ ריי ארבעטער און פויערים.

דער פאָרזיצער פון צק"ק איז איצט אויך דער פאָלקס-קאָמיסאר פאר ארבעטער-פויערשער אינספעקציע. די מיטגלידער פון דער קאָלעגיע און די הויפּטטוער פונעם פאָלקאָמאט זיינען מיטגלידער פון דער צק"ק. די צק"ק, ווידער, דעלעגירט אין דער פאָליט-ביוראָ 4 מיטגלידער אירע. דער פלענום פון דער צק"ק פאַרזאַמלט זיך אָפט אינאיינעם מיטן פלענום פונעם צ"ק און די גרונטפראגן פונעם פארטיי-לעבן ווערן געלייזט אף אַזוינע געמיינזאַמע זיצונגען.

אין דער צק"ק גיסט זיך צונויף די פארטיי-ארבעט מיט דער סאָוועטישער. אף די ערטער ווערן געשאפן קאָנטראָל-קאָמיסיעס מיט דיזעלבע אופגאבן.

די צק"ק פילט אוים זייער א גרויסע ארבעט סיי לויט דער פארטייִשער, סיי לויט דער סאָוועטישער ליניע. די צק"ק האָט געקעמפט פאר איינהייטן די פארטיי-ליניע און די פארטיי-איינהייט קעגן דער אָפּאָזיציע. זי האָט דורכגעפירט דורך די ראטן-אָרגאנען א ריי מאָסמיטלען אף פארקירצן די שטאטן, פארן עקאָנאָמיע-רעזשים, פארן קאמף קעגן ביוראָקראטיזם, פאר רעקאָנסטרויִרן די אינדוסטריע, רייניקן די פארטייִשע און סאָוועטישע אָרגאנען א. אז. וו.

די מיטגלידער, ווידער, פון דער צק"ק, די ארבעטער און פויערים, באקומען לויט לעניגס גדאנק, דורכן באטייליקן זיך אין דעמאָקראטישן ווויכטיקן פארטיי-אָרגאן דערפארונג אף אָנפירן מיט דער מעלוכישער און פארטיי-ארבעט.

די איבערבויונג פון דער פארטיי-ארבעט

פאר דער לעצטער צייט איז אונדז אויסגעקומען איבערצובויען די פארטיי-ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די שנעלע טעמפּן פון דער סאָציאליסטישער

בוויונג און מיט די נייע אויפגאבן — פון דער אינדוסטריאליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע.

דער פּאַרטיי-שער אַפּאַראַט איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן, קעדיי עס זאָלן גענויער באַשטימט זיין די אויפגאַבן פון זיינע אָפּטיילן און יעדן אָפּטייל זאָל איבערגעגעבן ווערן די פראַגע פון צוגרייטן און אָפּקלייבן די אַנטשפּרעכנדיקע קאַדרען. אַזוי דאַרפן די אָפּטיילן פאַר קולטור און פּראָפּאַגאַנדע, כוצן אָנפירן מיטן גאַנצן קולטור-וועזן (פּאָלקסבילדונג, וויסנשאַפטלעכער אַרבעט א. א. וו.), זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָפּקלייבן און פאַרטיילן די מענטשן אין דעם דאָזיקן געביט און פאַר צוגרייטן זיי.

אין דערזעלבער צייט, איז דורכגעפירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון מער אַקטיוון אָנטייל פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אין דער אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט פון די אונטערנעמונגען.

די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גענומען אַסאַך מער פאַרנעמען מיט די פראַגן פון אינדפינפּלאַן, פון דער פאַרזיי-קאַמפּאַניע, פון קאָלעקטיוויזאַציע, פון אַראָפּזעצן דעם קערנקאָסט א. אַנד.

אין אַ ריי אונטערנעמונגען איז מיט דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן די נייע פאָרם פּאַרטיי-אַרבעט, נעמלעך: אָנשטאָט קאָמיסיעס איבער פאַרשיידענע פראַגן זיינען געשאַפן געוואָרן גרופּעס בעראָש מיט אָנפירער, און זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אָדער יענעם טייל אַרבעט. עס איז געשאַפן אַ גענויערע צעטיילונג פון דער גאַנצער אַרבעט און אַ מער ריכטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָט דאָס אַלץ האָט געהאָלפן פאַרבעסערן די גאַנצע אַרבעט און פאַרגיכערן איר טעמפּ.

4. די פליכטן פון א פּאַרטיי-מיטגליד

דיסציפּלין

די מיטגלידער פון יעטוועדער אָרגאַניזאַציע זיינען מעכויעוו אויסצופילן אירע באַשלוסן און די באַשטימונגען פון די העכערע אָרגאַנען. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס פאַר דער שלאַכט-אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט — פאַר זיין פּאַרטיי, די סאַמע שטרענגסטע **פּאַרטיי-דיסציפּלין** איז די סאַמע **ערשטע פליכט** פון יעטוועדער פּאַרטיי-מיטגליד און פון יעדער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. די באַשטימונגען פון די פּאַרטיי-צענטרען דאַרפן אויסגעפילט ווערן שנעל און פּינקטלעך.

פאר אן אייזערנער דיסציפלין אין דער פארטיי האָבן די באָלשעוויקעס שטענ־
דיק געקעמפט. די פארטיי איז א מין מיליטערישע שלאכט־אָרגאניזאציע פונעם
קלאס, וואָס הערט ניט אוף דעם קאמף אף קיין איין רגע, און וויאזוי וואָלט
מען געקאָנט פירן די קלאסן־מילכאָמע, אויב די פארטיי־מיטגלידער וואָלטן זיך
ניט אונטערגעוואָרפן דעם צענטער, אויב זיי וואָלטן ניט אויסגעפילט די פארטיי־
באשטימונגען, אויב זיי וואָלטן געצווייגן אין פארשיידענע זייטן?

פאר אויווער זיין די פארטיי־דיסציפלין ווענדן מיר אָן די אנטשיידנסטע מאָס־
מיטלען ביז אויסשליסן פון דער פארטיי.

אָבער אונדזער דיסציפלין פאָדערט פון די מיטגלידער פולשטענדיקע באַ־
וווּסטזיניקייט. די פארטיי־מיטגלידער דארפן פאַרשטיין, פארוואָס ס'איז
וויכטיק דורכצופירן די פארטיי־באשלוסן, לעמאָשל, וועגן דעם קאמף מיטן ביוּ־
ראָקראטיזם. אלע גרונט־באשלוסן ווערן דעריבער באהאנדלט אין די קעמערלעך.

עס זיינען פאראן שטרייטיקע און נייע פראגן, וואָס איבער זיי איז נאָך ניטאָ
קיין באשלוס פון דער פארטיי. דעמאָלט ווערן דיזאָזיקע פראגן ברייט באהאנדלט
אין די קעמערלעך און אין אנדערע פארטיי־אָרגאניזאציעס מיטן ציל קלאָר צו
מאכן די פארטיי־ליניע. אָבער נאָכדעם ווי דער באַשלוס איז אָנגענומען גע־
וואָרן ענדיקט זיך די דיסקוסיע און אלע זיינען מעכויעו אויסצופילן דעם פארטיי־
באשלוס, אויב אפילע זיי זיינען מיט אים פריער ניט איינשטימיק געווען. דער
אלגעמיינער באשלוס, דער אלגעמיינער ווילן איז וויכ־
טיקער פונעם ווילן און פון דער מיינונג פונעם איינצלנעם פארטיי־מיטגליד.

וויבאלד דער פארטיי־באשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, טרעטן מיר ארויס
ווי איין מענטש. לעניִן האָט מיקויעד דעם געזאָגט, אז גראָד דערין ווייזט זיך
ארויס די אָרגאניזירטקייט. „דער קויעד פונעם ארבעטער־קלאס איז אָרגאניזאַ־
ציע: אָן דער מאסן־אָרגאניזירטקייט איז דער פראָלעטאריאט גארניט. אָן אָרגאַ־
ניזירטער איז ער אלץ. די אָרגאניזירטקייט איז די איינהייט פון טאט, די איינ־
הייט פון פּאָליטישער ארויסטרעטונג“.

ווען נאָכן XIV צוזאמענפאָר האָט די אָפּאָזיציע גענומען אנטקעגנשטעלן
קעגן די באשלוסן פונעם צוזאמענפאָר איר פּאָזיציע און איר טאקטיק, האָט זי
אף א גראָבן אויפן אויווער געווען די פארטיי־דיסציפלין. ווען זי האָט זיך גע־
פּרוווט דורכשלעפן אירע פאָדערונגען וועגן פרייהייט פון פראקציעס טראָץ אלע
באשלוסן פון די צוזאמענפאָרן, איז זי געגאנגען קעגן אלע איינפאכסטע קלאָלים
פון יעטוועדער דיסציפלינירטער אָרגאניזאציע. דאָס סיסטעמאטישע אויווער
זיין די דיסציפלין איז געווען איינער פון די הויפּט־פארברעכנס פון דער אָפּאָזי־
ציע. ווען אייניקע פאָרשטייער פונעם רעכטן אָפּנויג האָבן, טראָץ אלע באשטי־
מונגען פון צ"ק, פארלאָזט זייערע פאָסטנס, האָבן זיי דערמיט אויווער געווען
די הויפּט־קלאָלים פון דיסציפלין.

אקטיווקייט

מיר רופן אָן די פּאַרטיי דעם סאַמע פּאָרגעשריטענעם, אַקטיוון און באַוווּסטזיניקן טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס. דעריבער דאַרפן די פּאַרטיי־מיטגלידער זיך אויסצייכענען מיט זייער אַקטיווקייט, באַוווּסטזיניקייט און אַזוי ווייטער.

אין וואָס זאָל דער פּאַרטיי־מיטגליד אַרויסווייזן זיין אַקטיווקייט? קודעם־כּל אויספילן די פּאַרטיי־פליכטן. אָפטמאָל צאָלט דער פּאַרטייער פּינקטלעך זיינע מיטגליד־אָפּצאָלן, קומט אַקוראַט אויף די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און מיינט, אַז דערמיט האָט ער אַלע זיינע פליכטן אויסגעפילט. אָבער דאָס איז ווייניק. ער דאַרף דערלערנען די פראַגן, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער פּאַרטיי, זיין אַ טעטיקער טוער אינעם פּראָפאַריין, אינעם קאָאָפּעראַטיוו, מיט איין וואָרט זיין אַ ק ט י ו ו אין איטלעכער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און ד ו ר כ פ י ר ן די פּ אַ ר ט י י ־ ל י נ י ע.

אַ פּאַרטייער דאַרף רעגולער לייענען די פּאַרטיי־צייטונגען — די „פּראַוודאַ“ אין דער ערשטער ריי *. בלויז דורך דער פּרעסע וועט ער קאָנען וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. וואָסערע באַשלוסן די פּאַרטיי האָט אָנגענומען, ווי־אַזוי עס גייט דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט אין אַנדערע לענדער א. א. וו. די צייטונג וועט אויך העלפן דעם פּאַרטייער אופהויבן זיינע קענטעניש, וועט אים אויסלערנען בעסער צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די געשעענישן.

אַ פּאַרטייער דאַרף וויסן מ ע ר פון אַנדערע, ווייל זיין פליכט איז צו דער־קלערן די אומפּאַרטייִישע די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי. און פון דער ראַטנמאַכט, דערציִען זיי אויף די ביישפּילן פונעם לעבן.

דעריבער דאַרף יעדער פּאַרטייער זיך ל ע ר נ ע ן און ל ע ר נ ע ן. מע דאַרף גיין אין שול, אין קרייזל, באַזוכן די פּאַרטשאָגן, און דעריקער — אַליין לייענען. אָן זעלבסטבילדונג קאָן מע זיך בעשומויפן ניט באַגיין. אויב דער פּאַרטייער וועט ניט לייענען קיין ביכער, וועט ניט דערלערנען די ווערק פון לענין, מאַרקס און פון אַנדערע פירער, — וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען זיין קיין עכט־נוצלעכער פּאַרטיי־מיטגליד. ד אָ ס ל ע ר נ ע ן ז י ך — א י ז אַ ק אָ מ וּ ־ נ י ס ט י ש ע ר כ ו י ו ו.

דער פּאַרטייער דאַרף זיין פעסט, שטאַנדהאַפטיק, קאָנסעקווענט אין זיינע אָנשוווּנגען. ער טאָר ניט אָראָפּגליטשן זיך פון די קלאַסאָווע, פּראָלעטאַרישע פּאָזיציעס. ער דאַרף דרייסט קריטיקירן די פעלערן, וואָס ער באַמערקט, אָבער

* די פּאַרטיי־מיטגלידער, פאַר וועלכע עס איז לייכטער צו לייענען יידיש, דאַרפן לייענען דעם „עמעס“, „אָקטיאַבר“ און „שטערן“.

ער דאַרף זיך ניט לאָזן באײַנפלוסן פון יענע אָפּאָזיציאָנעלע פלאַפלער, וואָס גראָבן זיך אונטער דער פּאַרטיי און ווילן איר אונטערוקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, מענ־שעוויסטישע אָנשוויונגען.

דער פּאַרטייער איז ניט בלויז אַ מיטגליד פון דער אַלק"פּ(ב), נאָר אויך אַ מיטגליד פונעם קאָמינטערן. ער מאָר זיך ניט אײַנשליסן בלויז אין די איניאָנים פונעם ראַטנפאַרבאַנד, ער אינטערעסירט זיך מיטן קאַמף פון די כינעזישע אַרבע־טער קעגן די יאַפּאַנישע, ענגלישע א. אַנד. אימפּעריאַליסטן, מיט די שטרייקן אין ענגלאַנד, מיט די לאָקאַוטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, מיטן בלוטיקן ערשטן מיי אין דײַטשלאַנד און פּוילן, מיטן גאַנצן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון די אַרבעטנדיקע אין דער גאַנצער וועלט.

דער פּאַרטייער גיט אַ בײַשפּיל

די אַרבעטער־מאַסע קוקט באַזונדערס אויפן פּאַרטייער. דען ער איז דאָך אַ קאָ־מוניסט, ער איז אַ מיטגליד פונעם פאָרגעשריטענעם אַוואַנגאַרד. אים שטעלט די אַרבעטער־מאַסע אַרויס באַזונדערע פאָדערונגען. לויט אים אורטיילט זי וועגן דער **גאַנצער פּאַרטיי.**

די קאָמוניסטן זאָגן, אַז די רעליגיע איז סאַם פאַרן פאָלק, און דער פּאַרטיי־מיטגליד טוט־צוליב זײַן אַלטער באָבען, כאַפּט זיך אַריין אָפּזאָגן קאַדעש נאָכן פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דער קאָמוניסט ג. קאָן ניט אײַנרייסן מיט זײַנע קרוי־ווים און איז מאַל זײַן זון, דער קאָמוניסט ז. וויל יוצא זײַן פאַר די שכנים און קויפט מאַצע אויף פּייסעך. דאַרף דאָס אַזוי זײַן?

די קאָמוניסטן דערקלערן, אַז שיקרעס רייסט אַרונטער די פּראָדוקציע, פירט צו כוליגאַנערײַ א. א. וו. און אָט פלעגן אָנגעזעענע פּאַרטיי־מיטגלידער אין סאָמשי און אין סמאָלענסק אײַנאָרדענען עמעסע שיקורים־הוליאַנקעס פאַר אַלעמען אין די אויגן. צי ברענגט דאָס דען ניט קיין שאָדן דער פּאַרטיי? פאַרשטייט זיך, אַז יאָ. די פּאַרטיי באַשטראָפט אַנטשיידן פאַר אַזאַ אויפירונג.

די פּאַרטיי־מיטגלידער זײַנען ווי אונטער אַ גלאָז, אַלע זעען זיי, זיי דאַרפן סיי אינעם זאַוואָד, סיי אין דער היים, סיי אינעם קלוב זיך פירן אַזוי, אַז בײַ די אומפּאַרטייִשע זאָל וואַקסן די אַכטונג און דער צוטרוי צו דער פּאַרטיי.

אויף דער פּראָדוקציע קעמפט ער מיט פּוילאַקעס, מיט יענע, וואָס זאָרגן זיך בלויז וועגן דער אייגענער פעל. ער ווײַזט אַ בײַשפּיל, ווי מע דאַרף אַרבעטן אינעם סאָוועטן־לאַנד. ער איז אין די ערשטע רייען באַם דורכפירן דעם סאָציאַליסטישן געוועט, ער איז דער בעסטער שלאָגלער. דער קאָמוניסט, וואָס טוט עס ניט, איז אַ שלעכטער קאָמוניסט.

אין דאָרף אָרגאַניזירט דער קאָמוניסט קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, רופט אַרײַ־בערגייִן צו פיל־פעלדערײַ, פירט אָן מיטן קאַמף קעגן באַלעגופּ.

דער קאָמוניסט דארף שטענדיק זיין א ביישפיל, וויאזוי מע דארף קעמפן קעגן די קלאסן־סאָנים, וויאזוי מע דארף ארבעטן, וויאזוי מע דארף זיך לערנען.

דער פארטייער און דער אומפארטייִשער

יעדן טאָג קומט דער פארטייער אין באריר מיט די אומפארטייִשע. ער ארבעט מיט זיי באם ווארשטאט, וווינט אין איין הויז, באגעגנט זיך אין קלוב, אף פארזאמלונגען, אין גאָרקיך, אף דעמאָנסטראציעס און מיטינגען.

דאָ ווערט אָפטמאָל פארפירט א שמועס וועגן דער פארטיי, וועגן דעם צ"ק, וועגן איינצלנע פירער, וועגן דער אָפּאָזיציע. אסאך אומפארטייִשע טראָגן זיך ארום מיט פארשיידענע קלאנגען, באָבע־מייסעס, זיי שטעלן א פראגע וועגן דער פארטיי. וויאזוי דארף זיך האלטן א פארטייער? קוידעמקאָל דארף ער פעסט פארטיידיקן די זאך פון דער פארטיי, די באשלוסן פון דער פארטיי און די פארטיי־אָרגאנען. ער האָט קיין רעכט ניט צו ריידן מיט די אומפארטייִשע וועגן אינערלעכע פארטיי־פראגן אָדער וועגן אינערלעכע מיינונגס־פארשיידנהייטן, אויב די פארטיי האָט נאָך וועגן דעם גאָרניט פארעפנטלעכט.

אלע פארטיי־באשלוסן איז ער מעכויעוו צו פארטיידיקן, אפילע אויב ער אליין, לאָמיר זאָגן, צווייפלט אין זיי. די פארטייער טרעטן ארויס אין איין באהעפטן פראָנט פאר דער פארטיי.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. דער פארטייער דארף טאָג־טעגלעך, באַ יעטוועדער געלעגנהייט פירן א פארטיי־אגיטאציע, דערקלערן די אומפארטייִשע, וויאזוי די פארטיי קעמפט מיטן ביוראָקראטיזם, פאר וואָס מיר דארפן א קוועטש טאָן אף די באלעגופים, פארוואָס דארף מען שנעלער אנטוויקלען די קאָלעקטיוויזאציע, פארוואָס מיר דארפן מיט א שנעלן טעמפ אינדוסטריאליזירן דאָס לאנד א. א.

בלויז אין אזא טאָג־טעגלעכער ארבעט וועט דער פארטייער זיין בעקויעך צו דערווערבן דעם איינפלוס אף די אומפארטייִשע און אליין זיך אונטערגארטלען.

דער פארטייער דארף באזונדערס איבערציינגן יענע ארבעטער, וואָס זיינען אָפּגעשטאנען פון דער גאנצער ארבעטער־מאסע, וואָס פארשטייען נאָך ניט די וויכטיקייט פונעם אלגעמיינעם קאמף פארן סאָציאליזם, פאר אופצוהייבן די פראָדוקציע. אסאך ארבעטער, וואָס זיינען ערשט ניט לאנג געקומען פון דאָרף, קוקן אף דער פאבריק בלויז ווי אף אן אָרט, וו מע קען פארדינען א פאָר גראָשן. אזוי קוקן אף דער פאבריק אויך די נייע ארבעטער, וואָס זיינען ערשט נעכטן געקומען פון שטעטל, פון דער קליינער קוסטאר־פראָדוקציע. דער פארטייער דארף זיי

מיטהעלפן פאנאנדערקלייבן זיך אין די גרונט־פראגן פון קלאסן־קאמף, הערויסקן אין זיי דאָס קלאסן־געפיל.

מיט שטענדיקער ארבעט צווישן די אומפארטייִשע ארבעטער ווערט דער פארטייער פארפעסטיקן די לאגע פון דער פארטיי און די זאך פון זיין קלאס.

ענטפערן אף פראגן

פארוואָס נעמען מיר ניט אוף אין דער פארטיי די ארבעטער גאנ־צע צעכנווייז אָדער זאוואָדנווייז?

פארן לעצטן יאָר האָבן זיך פארמערט די פאלן פון אָנגעבן מעלדונגען אין דער פארטיי מיצאד גאנצע צעכן און אפילע גאנצע זאוואָדן.

דאָס באטייט, אז דער אווטאָריטעט פון דער פארטיי צווישן די ־ארבעטער איז אומגעהויער אויסגעוואקסן און פאר די ברייטסטע מאסן איז קלאָר, אז בלויז אונדזער פארטיי איז דער ווירקלעכער אָנפירער פונעם פראָלעטאריאט און פון אלע ארבעטנדיקע.

לויטן אלגעמיינעם קלאל נעמט די פארטיי אוף פאר מיטגלידער נאָכן דעווי־דירן יעדן באזונדער, אָבער ניט אלעמען מיטאמאָל.

פארוואָס אזוי? ווייל די פארטיי איז דערפאר א פארטיי, ד. ה. א פעסטע, אויסגעהאלטענע, פאָרגעשריטענע, רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע, ווייל זי האָט אריינגענומען אין זיך די בעסטע קלאסן־פארהארטעוועטע, רעווידירטע און שטאנד־האפטיקע עלעמענטן פונעם קלאס. זיינען דאָך אין יעדן זאוואָד און יעדן צעך פאראן ניט בלויז פעסטע, פאָרגעשריטענע ארבעטער, נאָר עס זיינען פאראן אויך אָפגעשטאנענע, וואָס האָבן זיך ניט געשיידט מיט די קליינאייגנטימערישע, פויער־שע געפילן און געדאנקען, עס זיינען פאראן בארייסער, עס זיינען פאראן באלע־גופישע נאָכטאנצער, עס זיינען פאראן סעקטאנטן, עס זיינען אפילע פאראן שע־דיקער און קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן.

ווען די פארטיי וואָלט אופגענומען גאנצע צעכנווייז, וואָלט דאָס באדייט, אז זי וואָלט אריינגענומען אין זיך אויך דידאָזיקע עלעמענטן פונעם ארבעטער־קלאס. דאָס וואָלט באדייט, אז עס איז גענוג צו דערקלערן „איך וויל זיין אין דער פארטיי“, און מע גיט דיר טייקעף א פארטיי־ביכל.

אזוי קאָן ניט זיין. קעדיי איינצוהיטן איר קראפט און איינפלוס, דארף די פארטיי אריינעמען אין זיך די בעסטע פאָרגעשריטענע קרעפטן פונעם ארבעטער־קלאס, און ניט אלעמען, וואָס דערלאנגען א מעלדונג.

אזוי האָט זיך די פארטיי פריער געבויט, אזוי בויט זי זיך אויך אצינד. גראָד דידאָזיקע שטרענגקייט באם אופנעמען אין דער פארטיי גיט דער פארטיי די אויסגעהאלטנקייט, איינהייט און קלאסן־מאכט.

קאָנטראָל-פראגן

1) וואָס פאר א באדייטונג האָט דער פּארטיי-סטאטוט פאר דער אָרגאניזאַציאָנעלער און אידעאָלאָגישער אייגהייט פון אירע מיטגלידער?

2) וועלכע מיינונגס-פארשיידנהייטן איבער אָרגאניזאציאָנעלע פראגן זיינען געווען צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס?

3) וויאזוי האָבן זיך געביטן די אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמען פון אונדזער פארטיי אין פארשיידענע עטאפּן פון רעוואָליוציאָנערן קאמף פונעם פּראָלעטאריאט?

4) פארוואָס איז ניט דערלאָזבאר קיין פרייהייט פון פראקציעס און גרופּירונגען אין אונדזער פּארטיי?

פּראַקטישע אויפגאבן

1) שרייבט עפּעס אָן אויף דער טעמע: „וויאזוי ווערט אין דער ארבעט פון דער פּארטיי-אָרגאניזאציע פון אייער אונטערנעמונג פארווירקלעכט דער פּרינציפּ פון דעמאָקראטישן צענטראליזם“.

2) דערלערנט לויט די מאטעריאלן פון דער פּארטיי-ביוראָ אלע פאלן, ווען מיטגלידער פון אייער קעמערל האָבן געבראָכן דעם פּארטיי-סטאטוט. אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָפּאגאנדיסט שרייבט אָן א נאָטיץ אין וואנט-צייטונג און קריטיקירט דאָרט די מער ערנסטע פאלן פון ברעכן די פּארטיי-דיסציפּלין.

ליטעראטור

1) סטאטוט פון אלק"פּ(ב).

2) רעזאָליוציע פונעם נאָיאבער-פּלענום פון צ"ק 1928 יאָר וועגן ווערבירן ארבעטער און רעגולירן דעם וווּקס פון דער פּארטיי.

3) לענין. — „א טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק“, באנד V (ערשטע רוסישע אויסגאבע), ז. 336 ביזן סאָף זייטל; ז. 338 פון די ווערטער „אין מארטאָווס פּראָעקט...“ ביז די ווערטער „דעראבע, גראָד... אפן ז. 339; פּאראגראף און ז. 346 ביז די ווערטער: „זיך סוימעד זיין אף דעם, וואָס...“ אפן ז. 351; ז. 458 פון די ווערטער „דאָס אָנעמען די פּראָגראם...“ ביז די ווערטער „די רעדאקציע פון דער נייער „איסקרא“...“ אפן ז. 464.

4) לענין — „וואָס דארף מען טאָן?“, ב. I. ט. 2 (יידישע אויסגאבע) ז. 10 „וואָס איז אזוינס פרייהייט פון קריטיק“ ביזן סאָף קאפּיטל.

5) כ' קאהאנאָוויטשעס פּאָרטראָג אפן 16-טן צוזאמענפאָר.

קאַפּיטל XI. דער קאַמף קעגן מענשעוויזם

דער קלאסנקאמף אין דער ערשטער רעוואָלוציע. — וויאַזוי די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַצט די רעוואָלוציע. — די הויפּט-קוויכעס פון דער רעוואָלוציע. — די ראָליע פונעם פויערטום. — דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום. — די טאַקטיק פון באָלשעוויזם. — אַפן צימבל בא דער בורזשואַזיע. — טראָצקיזם. — סטאָליפּיניאַדע. — דער קאַמף קעגן ליקווידאַטאָרײַ. דער קאַמף קעגן די „אָטזוויסטן" און אנד. „לינקע" אָפּנייגן. — די אויפלעבונג פונעם שטרײַקן-קאַמף. — די געשעענישן אַף לענע. — די פאַרפעסטיקונג פונעם באָלשעוויזם. — די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס. — דער קראַך פונעם II-טן אינטערנאַציאָנאַל. — די מענשעוויקעס און טראָצקי

אונדזער פּאַרטיי האָט זיך געבויט און געשטאַרקט אינעם אומדערמידלעכן קאַמף פאַר דער רעוואָליוציאָנערער מאַרקסיסטישער אויסגעהאַלטנקײַט, קעגן יעטווידער אָפּאָרטוניזם, פּשאָרעמאַכערײַ, רעוויזיאָניזם.

די פּאַרטיי האָט געקעמפט פאַר באַהעפטקײַט און אײנהײַט — פאַר אײנהײַט אַף א פּרינציפּיעלן יעסאָד, אַפן באָדן פון רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם.

איר קאַמף אין דער אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען געצילט סײַ קעגן דער רעכטער פּשאָרעמאַכערישער שטרעמונג (לעמאָשל, קעגן די „עקאָנאָמיסטן", „מענשעוויקעס", „עסערן"), סײַ קעגן די „פראַזע-רעוואָליוציאָנערן", וואָס האָבן קאָקעטירט מיט לינקע לאָזונגען (ווי טראָצקי), קעגן לינקע אָפּנייגן, די „אָטזאָוויסטן" און אנד. דער קאַמף איז געגאַנגען אַף צוויי פראָנטן.

די לעצטע יאָרן האָט די פּאַרטיי פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר אײנהײַט, קעגן די רעכטע און לינקע אָפּנייגן, קעגן דער פּשאָרעמאַכערײַ צווזיי.

אין אָט דעם אומאויפהערלעכן קאַמף האָט זיך פאַרהאַרטעוועט די אויסגעהאַלטענע לענינשע פּאַרטיי פון באָלשעוויקעס.

ביים דער ערשער רעוואָלוציע (1905—1907 י. י.) האָט דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פויערטום דערלאַנגט א שטאַרקן קלאַפּ דער זעלבסטהערשונג און די הערשנדיקע קלאַסן. שוין אין יענער צייט

האָט זיך אונדזער פּאַרטיי ארויסגעוויזן אלס דערווירקלעכער פירער פון די ארבעטנדיקע. זי האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף פונעם פּראָלע-טאַריאַט און (דורך אים) מיט די פּויערשע אופשטאַנדן.

די רעוואָליוציע האָט דעמאָלט געליטן א מאַפּאָלע, זי האָט אָבער אופגעטרייסלט די פילמיליאָניקע מאסן, אין קאַמף האָט זי פּאַרהאַר-טעוועט די ארבעט און פּויערים, זי האָט געגעבן אונדזער פּאַרטיי א גרויסע דערפאַרונג און האָט צוגעגרייט די פעווראַל-און אָקטיאַבער-רעוואָליוציעס.

אפן ביישפּיל פון דער ערשטער רעוואָליוציע (1905—1907 י. י.) קאָן מען זען, וואָס עס גיט דעם קלאַס קויעך, ווי וויכטיק עס איז א פּ אָ ל י ט י ש ע פּ א ר ט י י פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווי א ר י כ ט י ק ע ט ע אָ ר י ע העלפט אים צו קומען, ווי שעדלעך עס זיינען אַלערליי וואקלענישן, פּשאָרעמאַכעריי א. א. וו.

1. די באָלשעוויקעס וועגן דער רעוואָלוציע

דער קלאסנקאַמף אין דער ערשטער רעוואָלוציע

די הויפט-קראַפט, אף וועלכער עס האָט זיך געהאַלטן די צאַרישע זעלבסט-הערשונג, זיינען געווען די פּ ר י צ י ם. די מאַכט פון די פּריצים האָט זיך אָנ-געשפּאַרט קוידעמקאָל אף דעם, וואָס זיי האָבן באַהערשט פיל מיליאָנען העקטאַר בעסטע ערד.

אינעם אייראָפּעישן רוסלאַנד איז געווען 280 מיליאָן העקטאַר באַקוועמע ערד, פון זיי איז 102 מיליאָן געווען אין פּריוואַטע הענט, 139 מיליאָן — „נאַדיעל"-ערד (פּויערשע) און 39 מיליאָן קאַזיאָנע ערד.

א גרויסער טייל פון די פּריוואַט-אייגנטימערישע ערד האָט געהערט צו גרויסע גוטבאַזיצער. 28 טויזנט גרויסע גוטבאַזיצער האָבן פאַרמאָגט 62 מיליאָן העקטאַר.

קימאַט א העלפט פון די פּויערשע ערד-נאַכלעס (64 מיליאָן) האָט געהערט צו א זעקסטכיילעך פון אַלע הויפן (2 מיל. הויפן). דאָס איז געווען דער באַלעגו-פישער טייל פון דאָרף. אין דאָרף איז געווען 30% פּראָצ. אָנפּערדיקע הויפן און ביז 30% הויפן מיט איין פערד.

פון דידאָזיקע ציפער איז קלאָר איבער וואָס עס האָבן צווישן זיך געקעמפט די פּריצים מיט די פּויערים.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. די פּויערים זיינען געווען געצווונגען צו באַאַר־בעטן די פּריצישע ערד מיט זייער אינווענטאר, טיילווייז פאר געלט, טיילווייז פאר נאטור־לוין (פאר ערד אָפּשניטן, פּאשע א. א.). דידאָזיקע „אָפּאַרבעטונגען" (אויב מיר זאָלן רעכענען אין געלט) פלעגן באַצאָלט ווערן אסאך נידעריקער, איידער פרייע לוין־ארבעט, די פּויערים זיינען אָבער געווען געצווונגען צו גיין אף דעם, ווייל זיי האָבן ניט געקענט דורכלעבן פון זייערע אָרעמע ערד־נאכלעס.

אכוץ אָט דער עקאָנאָמישער מאכט איבערן פּויערטום, האָבן די פּריצים נאָך געהאלטן אין זייערע הענט די גאנצע פּאָליטישע מאכט אף די ערטער. אלע הויפּט־שטעלעס אין גובערניע און אויעזד זיינען פארנומען געווען דורך די פּריצים, זיי האָבן געהאט אן איבערוואָג אין דער זעמסטווע (אין איר רעשוס זיינען געווען די שולן, שפּיטאָלן, אגראָנאָמישע הילף א. ד. גל.). די פּאָליציי און מיליטער־טיילן פלעגן אכזיאָריעסדיק דערשטיקן אלע פּרוּוון פון די פּויערים צו קעמפן קעגן די פּריצים.

דאָס פּויערטום האָט געצאָלט דער קאזנא גרויסע דירעקטע שטייערן, אף אים זיינען געפאלן אויך גרויסע אומדירעקטע שטייערן. דאָס דאָרף איז כאָרעוו געוואָרן. בלויז א מינדערהייט פונעם דאָרף, — די באלעגופים־עקספּלואטאטאָרס, — האָבן זיך געהויבן ארוף.

די פּריצים זיינען, נאטירלעך, געווען דער זיכערסטער שטיץ־פּונקט פאר דער זעלבסטהערשונגס־סיסטעם. יעדער אָפּ־שוואכונג פון דער זעלבסטהערשונג האָט פריער פאר אלץ ארונטערגעריסן זייער עקאָנאָמישע מאכט אין לאנד און זייער הערשנדיקע פּאָליטישע לאגע.

קעמפנדיק קעגן די פּריצים, האָט דאָס פּויערטום אזוי ארום געקעמפט קעגן די הויפּט־יעסוידעס פון דער צארישער מאכט.

ערעוו דער רעוואָליוציע איז די רוסישע אינדוסטריע זייער שנעל געוואקסן און אנטוויקלט זיך. גלייכצייטיק איז אויך געוואקסן די בורזשואזיע.

ניט געקוקט אף דער אלץ וואקסנדיקער ווירטשאפטלעכער באדייטונג, האָט די בורזשואזיע פונדעסטוועגן קיין אָנפירנדיקע פּאָליטישע ראָליע אין לאנד ניט געשפּילט. דער גאנצער מעלוכע־אפּאראט איז געווען אין די הענט פונעם פּריצישן קלאס. די פּריצים האָבן פארנומען פּאָסטנס אין די מיניסטעריומס, זיי האָבן פארנומען די קאָמאנדיר־הויכן אין דער ארמיי, די גובערנאטער־פּאָסטנס, אדל־מארשאלעקס, זעמסקע שעפן א. א. וו.

די זעלבסטהערשונג, וואָס האָט זיך אָנגעשפּארט אף די פּריצים און פארטיידיקט זייערע אינטערעסן, האָט געשטערט דער ברייטער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

די בורזשואזיע, כאָטש זי האָט אַליין אויך געליטן פון דער זעלבסטהערשונג און געשטרעבט זי צו באַגרענעצן, איז געווען פונדעסטוועגן ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער מעלוכע-סיסטעם. זי פלעגט טיילווייז אויסנוצן דעם רעגירונג-מעכאַניזם צוליב זיך: צוליב דעם האָט זי אונטערגעקויפט די טשינאָווניקעס, זי פלעגט רייך ווערן פון קאַזיאָנע אופקויפן און באַשטעלונגען, זי פלעגט אויסנוצן די פאָליציי און מאַלדאַטן צוליב קאַמף מיט די אַרבעטער א. א. וו.



די פויערים-באַוועגונג אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1861—1907

(די ציפער אף די זײַלכלעך באַטײַטן די צאָל גובערניעס פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, וואָס די באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט)

באַגלייך מיטן וווּקס פון דער רוסישער אינדוסטריע האָט זיך אין סאָף פון XIX-טן יאָרהונדערט שנעל פאַרגרעסערט דער פּראָלעטאַריאַט. דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט האָט ערעוו דער רעוואָליוציע געציילט 2½ מיליאָן מענטשן. דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען דער סאַמע אונטערדריקטער קלאַס אין לאַנד. אין אים האָט שוין דערוואַכט דער קלאַסן-באַוווּסטזיין, עס איז געוואַקסן זיין אָרגאַניזירטקייט.

דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס איז אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָליוציע, שוין האָבנדיק זיין פּאָליטישע פּאַרטיי. נאָך אין 1898 יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר, אף וועלכן עס איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן די

פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָנגערופן „רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבע־טער־פּאַרטיי (רסדא"פּ).

פיר הויפּט־קלאַסן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין פּעריאָד פון דער רעוואָ־ליוציע. די פּריצים האָבן מיט אַלע קויכעס פּאַרטיידיקט דעם צאַרישן רעזשים, די



דער וווּקס פון דער צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער אין פאַרגלייך מיטן וווּקס פון דער באַפעלקערונג פאַר די י. י. 1865—1913.

(די צאָל אַרבעטער און דער סכום באַפעלקערונג אין 1866 יאָר זיינען אָנגענומען פאַר 100)

ט נ יי - צ יי כ נ ס:

די גאַנצע באַפעלקערונג ——————— אַרבעטער — — — —

בורזשואַזיע האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צו דער מאַכט, נאָר זי איז גרייט געווען צו גיין אויף יעדן אויסגלייך מיטן קייסער און מיט די פּריצים, אַבי נאָר שטערן די רעוואָליוציע. קעגן דער זעלבסטהערשונג און קעגן דער מאַכט פון די פּריצים

און בורזשואזיע האָבן אנטשיידן געקעמפט דער פּראָלעטאריאט און דאָס פּויערטום.

דער הונגער אין 1900 און 1901 י., דער אינדוסטריע־קריזיס, די רוסיש־יאפּאַנישע מילכאָמע האָבן דערנעענטערט די רעוואָליוציע און פארשארפט דעם קלאסנקאַמף.

וויאזוי די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאצט די רעוואָלוציע

נים לאנג פאר דער רעוואָליוציע, אפן 2־טן פּארטיי־צוזאמענפאָר (1903 י.) האָט זיך די פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט * צעשפּאָלטן אף צוויי טיילן — אף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס".

אין אָנהויב האָבן די בעלוקעדייעס (ווי מיר האָבן געזעען אין פאָריקן קאַפּיטל) אָנגערירט הויפּטזעכלעך די אָרגאניזיר־פראגן. די באָלשעוויקעס האָבן געבויט א שטארקע צענטראליזירטע פּארטיי מיט א שטרענגער דיסציפּלין, א פּארטיי, וואָס זאָל קענען אָנפירן מיטן פּראָלעטארישן קאמף. די מענשעוויקעס האָבן דערווידערט קעגן דעם צענטראליזם, מוירע געהאט פאר דיסציפּלין, זיי האָבן שטארק געוואָלט אריינציען אין דער פּארטיי וואָס מער אינטעליגענטן. זיי האָבן געקלערט נים פון א שלאכט־פּארטיי פונעם פּראָלעטאריאט, נאָר מער פון א פּארטיי, וואָס פירט א שטילע פרידלעכע ארבעט.

די בעלוקעדייעס צווישן אָט די צוויי טיילן פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע האָבן זיך באזונדערס בוילעט ארויסגעוויזן בייס דער רעוואָליוציע.

וויאזוי האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעשאצט די רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן? זיי האָבן געהאלטן, אז די רעוואָליוציע אונדזערע איז א בורזשואזע, דאָס הייסט: די אויפגאבן פון יענער איבערקערעניש, וואָס קומט אצינד פאָר אין רוסלאנד, גייען נים ארויס יעדנפאלס, די ערשטע צייט, אויסער די ראמען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. אפילע דער פולער ניצאָכן פון דער איצטיקער רעוואָליוציע, ד. ה. דעראָבערן א מערסט דעמאָקראטישע ר עפּובליק און קאָנפיסקירן די גאנצע פּריצישע ערד פארן פּויערטום, ריירט לאכלוטן נים אָן די יעסוידעס פון דער בורזשואזער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. דאָס פּריוואט־אייגנטום אף די פּראָדוציר־מיטלען און די סכוירע־ווירטשאפט פארבלייבן. די ווידערשפּרוכן פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט און די איקערדיקע פון זיי — צווישן לוין־ארבעט און קאפּיטאל — איז נים נאָר זיי פארשווינדן נים, נאָר, פאר־

* זי האָט זיך דאן אָנגערופן „רוסלענדישע סאָציאלדעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי" (רסדא"פּ).

קערט, זיי ווערן נאָך מער פארשארפט און פארטיפט. דעם הויפט־קלאפ גיט די בורזשואזע רעוואָליוציע איבערן ליב־איינגנטום.

לעניִן האָט אונטערגעשטראָכן, אז די רוסישע רעוואָליוציע וועט זיין א באווע־גונג ניט פון עטלעכע כאדאָשים, נאָר פון א ס א ך י אָ ר ן, אז דאָס פולשטענ־דיקע אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג וועט אָנצינדן א רעוואָליוציאָנערע סרייפע אויך אין אייראָפּע. דער רעוואָליוציאָנערער אופשטייג אין אייראָפּע וועט האָבן זיין ווירקונג אף רוסלאנד און וועט „פון דער עפּאָכע פון עטלעכע רעוואָליוציאָ־נערע יאָרן שאפן אף עפּאָכע פון עטלעכע רעוואָליוציאָנערע יאָרצענדליקער“. דערביי וועט די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע, ד. ה. די רעוואָליוציע, וואָס שטעלט פאר זיך די אויבן אָנגעוויזענע צילן (אראָפּשלייִדערן די זעלבסטהערשונג, קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד, א רעפּובליק) קאָנען בא געוויסע באדינגונגען די־רעקט אריבערגיין, אריבערוואקסן אין א פּראָלעטארישע, א סאָציאליסטישע, ד. ה. אזא רעוואָליוציע, וואָס פארניכטעט די הויפּט־יעסוידעס פון דער בורזשואזער אָרדענונג — דאָס פּריוואט־איינגנטום אף פּראָדוציר־מיטלען און פארניכטעט די עקספּלואטאציע.

אזויארום האָבן די באָלשעוויקעס געהאלטן, אז די בורזשואז־דעמאָקראטישע רעוואָליוציע איז בלויז דער ערשטער שריט, און עטאפּ צו דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. די ערשטע רעוואָליוציע וואקסט אריבער אין דער צווייטער, די צווייטע לייזט אגעוורכע די אופגאבן פון דער ערשטער, פארפעסטיקט איר זאך.

דידאָזיקע לעניִנס לערע וועגן דעם אריבערוואקסן פון דער בורזשואז־דעמאָקרא־טישער רעוואָליוציע אין א סאָציאליסטישער האָט באשטימט די טאקטיק פון באָלשעוויזם.

לויט דער מיינונג פון די באָלשעוויקעס טראָגט די בורזשואזע רעוואָליוציע א ספּעציפישן כאראקטער: אין איר יעסאָד ליגט די פּויערשע א ג ר א ר ־ ר ע־ וו אָ ל י ו צ י ע, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורכן פּראָלעטאריאט.

די הויפּט-קוויכעס פון דער רעוואָלוציע

די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן אף א פארשיידענעם אויפן אָפּגעע־שאצט די ראָליע פון די טרייב־קרעפטן אין דער רעוואָליוציע. די באָלשעוויקעס האָבן געהאלטן, אז די רעוואָליוציע וועט דורכמאכן ניט די בורזשואזיע, נאָר ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט א ר י א ט א ו ן פּ ו י ע ר ט ו ם. דער פּראָלעטאריאט און פּויער־טום ליידן מער פון אנדערע פון די לייבאייגנטימערישע רעשטלעך און גויטיקן זיך מער פאר אנדערע אין פּאָליטישער פרייהייט און פארניכטונג פונעם פּרי־ציש יאָך.

פאַרוואָס קען די בורזשואַזיע ניט זיין ניט קיין אָנפירער און ניט קיין וויכ־טיקסטע טרייב־קראַפט פון דער רעוואָליוציע? די באָלשעוויקעס האָבן דערויף געענטפערט: עס זיינען פאַראַן דריי סיבעס.

ערשטנס, די לאַגע פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנער־קענט אַלס א פּאָליטישע קראַפט, אַלס א באַזונדער קלאַס און האָט זיך פאַריייניקט אין א זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע. יעדע דערשיינונג פון פּאָליטישע רעכט (לעמאַשל, דער אָנטייל אין פּאַרלאַמענט) וועט ער אויסנוצן קעגן דער בורזשואַזיע.

פון דער צווייטער זייט האָט די בורזשואַזיע מוירע צו דערפירן די רעוואָליוציע צום פולן ניצחון (ד. ה. אראָפּשליידערן דעם צאַריזם), ווייל דאָס קאָן זייער פאַרשטאַרקן דעם פּראָלעטאַריאַט. דערפאַר האָט זי מוירע, דערפאַר וואַקלט זי זיך, שטרעבט אָפּשטעלן די רעוואָליוציע אויף האַלבן וועג און איז גרייט קומען צו א פּשאָרע מיטן קייסער קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. שוין נאָך די ערשטע ניצחוינעס פון דער רעוואָליוציע ווייזט די בורזשואַזיע אַרויס איר קאָנטר־רעוואָליו־ציאָנערן פּאַרצוף און גייט אַריבער אין לאַגער פון די סאָנים פון דער רעוואָ־ליוציע.

און לעסאָף, די דריטע אייגנטימלעכקייט — די שאַרפקייט פון דער ערד־פראַגע. די פויערשע רעוואָליוציע, וואָס ליגט אין יעסאָד פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד, איז געווענדט הויפּטזעכלעך קעגן דעם פּריצישן ערד־באַנוץ און פּריצים־קלאַס און דערמיט גופע קעגן זעלבסטהערשונג. דאָס פאַר־וואַנדלט דאָס פויערטום אין א גרויסער רעוואָליוציאָנערער קראַפט און שרעקט נאָך מער די בורזשואַזיע.

לעניין האָט אַזוי פאָרמולירט די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס: „די בורזשואַ־זיע קאָן ניט זיין ניט דער הויפּט־באַוועגער און ניט דער פירער פון דער רעוואָליו־ציע. דערפירן זי ביזן סאָף, ד. ה. ביז א פולן ניצאָכן איז אימשטאַנד בלויז דער פּראָלעטאַריאַט. דערדאָזיקער ניצאָכן קען אָבער דערגרייכט ווערן בלויז דאַן, ווען דעם פּראָלעטאַריאַט וועט זיך איינגעבן צו פירן נאָך זיך דאָס ראָוו פויערטום. דער ניצאָכן פון דער איצטיקער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד איז מעגלעך בלויז אַלס א רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום“.

אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, האָבן די באָלשעוויקעס געהאַלטן פאַר נויטיק אומעטום אויפצודעקן די האַלבקייט, אומשטאַנדהאַפטיקייט און קאָנטר־רעוואָליוציאָנערישקייט פון דער בורזשואַזיע, אָנווייזן אויף איר אומפאַרמיידלעכן פאַראַט פון דער רעוואָליוציע און האָבן אַנטשלאָסן געקעמפט קעגן יעדער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע אויפן פּראָלעטאַריאַט.

די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעוויזן, אַז נים די בורזשואַזיע (ווי די מענשעוויקעס האָבן געהאַלטן), נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז די אָנפירנדיקע קראַפט אין דער רעוואָלוציע און איר הויפּט־פירער (העגעמאָן). בלויז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן דערפירן די רעוואָלוציע ביזן סאָף, בלויז ער קאָן פירן נאָך זיך און אָנפירן מיטן פּויערטום. דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום באַשטימען מיט זייער קאַמף דעם גאַנג און דעם אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע, דעם פּראָלעטאַריאַט געהערט אָבער די ערשטע, אָנפירנדיקע ראָליע. ער איז דער פירער פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע.

די ראָליע פונעם פּויערטום

אַזוי ווי די פּויערשע רעוואָלוציע איז געווען דער כּמעט־שעדרע פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט געדאַרפט אויפמערקזאַם באַציִען זיך צום פּויערשן קאַמף און שאַפן אַן ענגע פאַרבינדונג מיטן רעוואָלוציאָנערן פּויערטום. אַן ענגער בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, באַ דער אָנפירנדיקער ראָלע פונעם ערשטן, האָט געקאָנט פאַרזיכערן דעם ניצחון איבער דער זעלבסטהערשונג, און מאַכן פאַר אומשעדלעך די וואַקלענדיקע בורזשואַזיע. דעריבער איז קלאָר, אַז די אַגראַר־פראַגע און די לאַגע פון דאָרף האָבן צוגעצויגן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מיצאַד לענינען און די באָלשעוויקעס.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין אין אָנהייב רעוואָלוציע באַדאַרפט מיט מייסים באַווייזן, אַז ער איז דער ווירקלעכער פאַרטיידיקער פון אַלע אַרבעטנדיקע קענן יעדער עקספּלואַטאַציע און אין דער ערשטער ריי צוציִען אויף זיין זייט דאָס פּויערטום.

דערפאַר האָבן די באָלשעוויקעס אין זייער אַגראַר־פּראָגראַם אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון קאָנפיסקירן די בורזשואַזע ערד און שאַפן רעוואָלוציאָנערע פּויערשע קאָמיטעטן. ווייטער, נאָך דער איינשטעלונג פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, איז אָנגעמערקט געוואָרן די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד. אַכוץ דעם האָבן זיי באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אַ באַזונדער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פאַרן דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דידאָזיקע פּראָגראַם האָט דירעקט גערופן דאָס פּויערטום צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף, צו שאַפן רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען אין דאָרף (קאָמיטעטן), זי האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ פולן פּאָליטישן ניצחון (שאַפן אַ רעפּובליק), אַלס פּניי פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער פּויערשער רעוואָלוציע, זי האָט

אָנגעמערקט א קלאסן־ליניע אין דאָרף — די פאַרייניקונג פונעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט.



באַריקאַדן אַף דער רויטער פּרעסניע

דאָס שטיצן די פּויערשע באַוועגונג מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט האָט באַדאַרפט פאַרגרינגערן אויך דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. די דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע איז דאָך לויט לענינס געדאַנק ענג פאַרבונדן מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־ליוציע. לענין האָט געשריבן: „מיר וועלן מיט אַלע קויכעס העלפן דעם פּויערטום מאַכן די רעוואָליוציע פאַר א דעמאָקראַטישע, קעדיי עס זאָל אונדז, דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, זיין גרינגער ווי ווייט מעגלעך שנעלער אַריבער צו א נייער און העכערער אויפגאַבע — צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע".

אַרויסגייענדיק פון אַזא אָפּשאַצונג פון דער רעוואָליוציע און אירע הויפּט־קרעפטן, האָט לענין שוין אין 1905 י. אָנגעמערקט אַזא קאַמף־פּלאַן „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דערפירן ביזן סאָף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, פאַ־רייניקנדיק צו זיך די מאַסע פּויערטום, קעדיי צו דערשטיקן מיט קראַפט דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטהערשונג און פאַראַליזירן די אומשטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, פאַרייניקנדיק צו זיך די מאַסע האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, קעדיי מיט געוואַלד צו צוברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פאַראַליזירן די אומשטאַנדהאַפטיקייט פונעם פּויערטום און דער קליין־בורזשואַזיע.

די נאָענטסטע אויפגאבן פאר דער פארטיי פון פראָלעטאריאט אין דער רעוואָ־ליוציע פון 1905 יאָר זיינען, לויט לענינס מיינונג, געווען פאָלגנדיקע:

ערשטנס, פארפעסטיקן די פארטיי פון פראָלעטאריאט, פארשטארקן איר ווירקונג אפן ארבעטער־קלאס, דערשלאָגן זיך צו דער מאקסי־מאלער אָרגאניזירטקייט און באוווסטזיניקייט פונעם פראָלעטאריאט, ער זאָל קענען אויספילן די אויפגאבן פון אן אָנפירער אין דער רעוואָליוציע.

צווייטנס, האָט מען באדארפט שטיצן דאָס פויערטום אין זיין קאמף קעגן צאריזם, אָנפירן מיטן דיאָזקן קאמף, דערביי באזונדערס אָרגאניזירן די פראָלעטארישע און האלב־פראָלעטארישע עלעמענטן אין דאָרף.

דריטנס, האָט מען באדארפט אויפדעקן די פשאָרעמאכעריי פון דער בורזשואזיע, קעמפן קעגן איר, ארויסרייסן פון אונטער איר ווירקונג דעם פראָלעטאריאט און דאָס פויערטום.

דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און פויערטום

דער פראָלעטאריאט און פויערטום זיינען לויט דער מיינונג פון די באָלשע־וויקעס געווען די הויפט־קרעפטן פון דער בורזשואזיש־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע. קעדיי צו ברעכן דעם ווידערשטאנד פון דער זעלבסטהערשונג און פארווירקלעכן אלע נויטיקע דעמאָקראטישע רעפאָרמעס (קאָנפיסקירן די פריצישע ערד, איינ־שטעלן א דעמאָקראטישע רעפובליק, איינפירן דעם 8־שאָ:קן ארבעט־טאָג און אז. וו.), איז נויטיק באלד נאָך דער איבערקערעניש איינצושטעלן די רעוואָליוציאָ־נער־דעמאָקראטישע דיקטאטור פון די נידעריקע קלאסן, ד. ה. די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום.

פארטיידיקנדיק דעם לאָזונג דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעוויזן, אז אויב עס וועט זיגן דער באוואָפנטער אויפ־שטאנד, וועט נאטירלעך אויפשווימען די פראגע וועגן דעם, וואָס פאר א מאכט זאָל געשאפן ווערן אָנשטאָט דער זעלבסטהערשונג. נאָכן ניצאָחן וועט זיך פאָדערן א גוואלדיקע אָנשטרענגונג פון אלע קויכעס, קעדיי ענדגילטיק צו דערשטיקן די זעלבסטהערשונג און די פריצים און דערפירן די רעוואָליוציע ביזן סאָף, ד. ה. פארווירקלעכן א ריי מאָסטיטלען, ווי, לעמאָשל, באזאָרגן די דעמאָקראטישע פו יי־היטן, דורכפירן דעם 8־שאָ:קן ארבעט־טאָג א. א. וו. דאפקע נאָכן ניצאָחן וועט זיך דער קאמף באזונדערס פארשארפן, ווייל אלע רעאקציאָנערע קויכעס וועלן זיך ראַן פארייניקן.

קלאָר, אז עס וועט אויסקומען צו שאפן א צייטווייליקע רעגירונג. אהין וועלן אריין די פאָרשטייער פון אלע רעוואָליוציאָנערע קויכעס, וואָס וועלן פירן דעם הויפט־קאמף, ד. ה. דער פראָלעטאריאט און דאָס פויערטום. אזוי ווי

דערדאָזיקער רעגירונג וועט אויסקומען אָנצופירן מיט א פארביטערטן קאמף און שנעל דורכפירן א ריי ווינטיקסטע מאָסמיטלען, וועט זי מוזן טראָגן די פאָרם פון דיקטאטור, ד. ה. א אומבאגרענעצטע מאכט, וואָס שפארט זיך אָן אף קראפט.

די אופגאבע פון דער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און פויערטום איז גיט דורכפירן די סאָציאליסטישע מאָסמיטלען, נאָר דערפירן ביזן סאָף די בורזשואזע רעוואָליוציע און דערמיט גופע צוגרייטן די באדינגונגען פאר דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע.

אין די סאָוועטן פון ארבעטער-דעפוטאטן, וועלכע זיינען אנטשטאנען ביים דער ערשטער רעוואָליוציע, האָבן די באָלשעוויקעס געזען א שפּראָצונג פון גייע מאכט-אָרגאנען און א געוועזער פארן דירעקטן פראָלעטארישן קאמף. לעניך האָט אָנגעוויזן, אז אין פאָל, ווען דער אופשטאנד וועט זיגן, וועט די מאכט אומפארמייד-לעך אריבער צו די סאָוועטן — זיי וואָלטן געוואָרן א קערן פון דער רעוואָליוציאָ-נערער רעגירונג. אנדערש גערעדט, די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און פויער-טום וואָלט אָנגענומען די פאָרם פון סאָוועטן.

די טאקטיק פון באָלשעוויזם

די באָלשעוויקעס האָבן געזען די אופגאבע פון דער רעוואָליוציע אין דער פו-לער פארניכטונג פון דער זעלבסטהערשונג, אין דער קאָנפיסקירונג פון די פריצישע ערדן, אינעם איינפירן אן אכטשאָיקן ארבעטס-טאָג א. ד. גל. עס איז קלאָר געווען, אז דער צאריזם און די פארמעגלעכע קלאסן וועלן ארויסווייזן א פארביסענעם ווידערשטאנד. בלויז א באוואָפנטער אופשטאנד פונעם פאָלק קאָן זיכערן דעם ניצאָכן איבערן צאריזם.

דעם לאָזונג פון א באוואָפנטן אופשטאנד האָבן די באָלשעוויקעס ארויסגערוקט נאָך לאנג פאר דער רעוואָליוציע. נאָכן 9-טן יאנוואר איז די זאך שוין געשטעלט געוואָרן אף פראקטישע רעלסן. אונדזער פארטיי האָט אָנערקענט פאר גויטיק צוגרייטן דעם אופשטאנד, באוואָפענען די ארבעטער-מאסן, שאפן ספּעציעלע מיליטער-גרופעס א. ד. גל.

דערביי האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אז דער וועג צום אופשטאנד קאָן ליגן דורך אן אלגעמיינעם שטרייק. א פּאָליטישער מאסן-שטרייק מוז זיך אומפארמייד-לעך פארוואנדלען אין א באוואָפנטן אופשטאנד. דער אופשטאנד דארף זיין פאר-בונדן מיט דער פויערשער באוועגונג.

נאָכן דעקאבער-אופשטאנד, ווו עס האָבן גענומען באוואָפנטע פּראָלעטארישע דרוזשינעס — דערדאָזיקער פּראָטאָטיפּ פון דער קומענדיקער רויטער גווארדיע, — איז די פראגע וועגן אופשטאנד ווידער באהאנדלט געוואָרן.

געמענדיק אין אכט די דעקאבער־דערפארונג, האָבן די באָלשעוויקעס גע־טיינעט, אז דער באוואָפנטער אופשטאנד איז געוואָרן דער גרונט־מעטאָד פון קאמף. זיי האָבן גערופן צו שאפן שלאכט־דרוזשינעס, פארבעסערן דאָס באזאָרגן דעם פּראָלעטאריאט מיט געווער א. א. וו. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז דער מאָסקווער אופשטאנד האָט אופגעהויבן דעם קאמף פונעם פּראָלעטאריאט אף א נייער, העכערער שטופע, זי האָט דערוויזן די מעגלעכקייט צו פירן א באריקאדן־קאמף קעגן מיליטער.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן ביים דער ערשטער רעוואָליוציע ארויסגערוקט דעם לאָזונג פון א באוואָפנטן אופשטאנד, האָבן זיי קלאָר אונטערגעשטראָכן, אז די רעוואָליוציע איז א דירעקטער קאמף פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלק.

2. די מענשעוויקעס וועגן דער־רעוואָליוציע

אפן צימבל בא דער בורזשואזיע

גאָר אנדערש האָבן געקלערט די מענשעוויקעס. אויב די רעוואָליוציע איז א בורזשואזע, — האָבן זיי געטיינעט — וועט איר אָנפירנדיקע קראפט זיין די בורזשואזיע. די בורזשואזיע באשטימט די וועגן פון דער רעוואָליוציע און ווערט דער הערשנדיקער קלאס גאָכן זיג איבער דער זעלבסטהערשונג.

די מענשעוויקעס האָבן נאַיוו געגלויבט, אז די בורזשואזיע וויל בעעמעס אראָפּ־שלײדערן דעם צאריזם און שאפן א דעמאָקראטישע רעפּובליק.

אזוי ווי די בורזשואזיע איז די אָנפירנדיקע קראפט אין דער רעוואָליוציע, — האָבן געטיינעט די מענשעוויקעס — דארף דער פּראָלעטאריאט זוכן פארשיידענע וועגן, קעדיי צו גיין מיט איר האנט בא האנט. דער גרעסטער טאָעס — האָבן געלערנט די מענשעוויקעס, — איז אָנפאלן אף דער בורזשואזיע און ארויסרופן אינעם ארבעטער־קלאס אן אומצוטרוי צו איר רעוואָליוציאָנערישקייט און א סינע צו איר פּאָליטישער טעטיקייט. באזונדערס געפערלעך איז „אָנשרעקן די בורזשואזיע", לעמאָשל, מיט לאָזונגען וועגן גאָענטן סאָציאַליזם, וועגן אופשטאנד, ווייל אויב די בורזשואזיע וועט זיך אָפּשאָקלען פון דער רעוואָליוציע, וועט עס ביכלאל אָפּשוואכן דעם רעוואָליוציאָנערן קאמף און דעם פארנעם פון דער רע־וואָליוציע.

לויט דער מייגונג פון די מענשעוויקעס, האָט דער פּראָלעטאריאט ניט געקאָנט זיין די אָנפירנדיקע קראפט אין דער רעוואָליוציע. ער האָט בלויז געדארפט „אונ־טערשטופן" די בורזשואזיע.

אנדערש געזעדט, זיי האָבן געווצעט דעם פּראָלעטאריאט טאנצן אפן שטריקל בא דער בורזשואזיע און איר האכנאָעדיק פאָלגן. די ערשטע פּאָליטישע ראָליע געהערט צו דער בורזשואזיע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האָבן די מענשעוויקעס געשטרעבט, אז אין אלע פאלן זאָל דער פּראָלעטאריאט שטיצן די בורזשואזע ארויסטרעטונגען, שליסן אָפּמאכן מיט די בורזשואזע פארטייען וועגן געמיינזאמע פּאָליטישע ארויס־טרעטונגען, בלאָקירן זיך מיט זיי ביים די וואלן אין דער מעלוכע־דומע א. א. וו.

בוקנדיק זיך פאר דער בורזשואזיע, האָבן זיך די מענשעוויקעס געגאטיוו באַ־צויגן צו די לאָזונגען וועגן דערנעענטערן דעם פּראָלעטאריאט מיט דער רעוואָ־ליוציאָנערער פּויערים־מאסע. זיי האָבן געטיינעט, אז דאָס פּויערטום אלס קליין־בורזשואזיע איז רעאקציאָנער, אז די פּויערשע סטיכיע וועט אָנשטעקן דעם פּראָלעטאריאט מיט קליינבירגערלעכקייט, אז שטיצן די פּויערשע לאָזונגען הייסט שטויסן די רעוואָליוציע אָף צוריק.

אין צוזאמענהאנג מיט אזא פּאָזיציע איז אויך די אגראר־פּראָגראם פון די מענשעוויקעס געווען גיט קיין רעוואָליוציאָנערע. זיי האָבן גיט גערופן די פּויערים צו פארכאפּן די ערד, זיי האָבן געוואָלט דורכפירן די אגרארע איבעראנדערשונג דורך דער צארישער מעלוכע־דומע. אָנשטאָט קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד, האָבן די מענשעוויקעס געטאינעט וועגן אנטאייגענונג, ד. ה. די פּויערים זאָלן אויסקויפן די ערד א. א. וו.

די מענשעוויקעס האָבן געקוקט אפן פּויערטום גיט ווי אָף א פארביגדעטן פונעם פּראָלעטאריאט, נאָר גיכער ווי אָף א סוינע. זיי האָבן אבסאָליוט גיט פארשטאנען, אז קעמפנדיק פאר ערד, גראָבט דאָס פּויערטום דערמיט אונטער די יעסוידעס פון דער זעלבסטהערשונג און ווערט א טרייער מיטקעמפער פארן ארבעטער־קלאס.

די מענשעוויקעס האָבן קאטעגאָריש דערווידערט קעגן דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט און פּויערטום, זיי האָבן געוואָלט, אז נאָכן אראָפּשליידערן דעם צאריזם זאָל די מאכט אריבער צו דער בורזשואזיע.

די מענשעוויקעס האָבן קאטעגאָריש דערווידערט קעגן דער באוואָפענונג פונעם פּראָלעטאריאט, קעגן דער צוגרייטונג צום באוואָפנטן אופשטאנד. נאָך די דעקא־בער־שלאכטן אין מאָסקווע זיינען די מענשעוויקעס נאָך שארפער ארויסגעטראָטן קעגן דער טאקטיק פון באוואָפנטן אופשטאנד. זיי האָבן געטיינעט, אז „מע האָט זיך גיט געדארפט נעמען פאר געווער" (פּלעכאנאָוו). זיי האָבן ביכלאל געטרויט גיט וועגן קאמף, זיי האָבן נאָר געזוכט א פּשאָרע און שאָלעמבאים מיט דער בורזשואזיע. זיי זיינען געווען גרייט אָנצוכאפּן זיך פאר יעדן צארישן געזעץ, אבי וואָס גיכער אריבערפירן דעם רעוואָליוציאָנערן קאמף פון די מאסן אָף רעלסן פון פרידלעכער געזעצלעכער ארבעט.

אין טאָך זיינען די מענשעוויקעס געווען דירעקטע מיטהעלפער פון דער בורזשואזיע, זיי האָבן געפּרוווט אונטער־וואַרפן די ארבעטער־באוועגונג אונטער דער בורזשוא־

זער ווירקונג. דורך זיי האָט די בורזשואזיע געפּרוּווט דעמאָראַליזירן דעם פּראָלעטאַריאַט, אָראָפּפירן אים פון זיין רעוואָלוציאָנערער פּאָזיציע און פאַרוואַנדלען אים אין א געהאָרכזאַם געצייג.

טראָצקיזם

פּונקט אזא ראָליע פון א מיטהעלפער פאַר דער בורזשואזיע האָט אויך געשפּילט טראָצקי.

טראָצקים גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט איז געווען א קאַמף קעגן דעם לעניניזם. שוין נאָכן 2-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט טראָצקי אַרויסגעלאָזן צוויי בראָשורן, וואָס זיינען געווען געצילט קעגן דעם באָלשעוויזם. ער האָט באַשולדיקט לענינען אין דעם, אַז ער איז א „פּאַרטיי-דעזאָרגאַניזאַטאָר", א „פירער פונעם רעאַקציאָנערן פליגל פון אונדזער פּאַרטיי", א „דיקטאַטאָר" א. א. וו. נאָך זיין מיינונג האָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר אַדאַנק לענינען ניט געשאַפן, נאָר צעשטערט די פּאַרטיי. דעם אָרגאַניזיר-פּלאַן פון די באָלשעוויקעס האָט ער דערקלערט אַלס סיסטעם פון „דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט", דעם צ"ק האָט ער אָנגערופן „בוראַמפּשניק" א. א. וו.

אין דער רעוואָלוציע פונעם 1905-טן יאָר האָט זיך טראָצקי געוואָרפן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס.

טראָצקי האָט אַרויסגעוויזן א פולן פּלאָנטער אינעם פאַרשטיין די בורזשואזע רעוואָלוציע און איר אונטערשייד פון דער סאָציאַליסטישער. בלויז דורך א רייע עטאַפּן וואַקסט די בורזשואזע רעוואָלוציע אַריבער אין א סאָציאַליסטישער. טראָצקי, אָבער, האָט געהאַלטן, אַז די בורזשואזע רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1905-טן י. וועט באַלד ווערן א דירעקטע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, אַז זי וועט זיך טייקעף פאַרבינדן מיט דער וועלט-רעוואָלוציע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

טראָצקי האָט אַרויסגערוקט א גאַנצע טעאָריע וועגן דער „פּערמאַנענטער" (ד. ה. אָנאויפהערלעכער) רעוואָלוציע. ער האָט געהאַלטן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז די איינציקע רעוואָלוציאָנערע קראַפט אין לאַנד. שוין אין פאַרלויף פון בורזשואזער רעוואָלוציע וועט ער קומען צו דער מאַכט און וועט אָנהויבן פאַרווירקלעכן סאָציאַליסטישע מאָסנאַמען: דערביי וועט ער קומען צו א פיינטלעכן צוזאַמענשטויס מיט די ברייטע מאַסן פּויערטום. דעריבער וועט בלויז די וועלט-רעוואָלוציע קענען ברענגען א רעטונג פון דער געשאַפענער שווערער לאַגע, ווען קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט וועט שטיין ניט בלויז די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע בורזשואזיע און פּריצים, נאָר אויך דאָס פּויערטום, דער איינציקער פאַרבינדעטער פון דעם רוסישן אַרבעטער וועט זיין בלויז דער צווישנפעלקערלע-

בער פּראָלעטאריאט, וואָס וועט מאכן זיין אייגענע פּראָלעטארישע רעוואָליוציע און העט אף אזא אויפן ראטעווען אויך די רוסישע רעוואָליוציע.

אָט די „לינקע“ פראזן טראָצקים זיינען אין טאָך דורך און דורך מענשעוויסטיש, זיי זיינען געגאנגען האנט בא האנט מיט די סאמע „רעכטע“ מאיסים.

ער האָט געקוקט פון אויבן אראָפּ אפן רעוואָליוציאָנערן קאמף פונעם פּויערטום, ניט געהאלטן פאר נויטיק אופצוהויבן דאָס פּויערטום צום קאמף אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָלעטאריאט. דערין שטעקט דאָס פולע ניט פארשטיין די ראָליע פונעם פּויערטום אין דער רעוואָליוציע, און דאָס ניט דערשאצן דאָס פּויערטום. דערין שטעקט אָבער אויך דער אומגלויבן אין די קויכעס פון פּראָלעטאריאט, אין זיין מעגלעכקייט צו זיין א פירער און וועגווייזער פאר אלע ארבעטנדיקע. לויט טראָצקים מיינונג וועט דער ארבעטער-קלאס באלד נאָכן ניצאָכן ניט נאָר איזאָלירט פון די אנדערע גרופּן ארבעטנדיקע, נאָר ער טרעט אפילע אריין אין קאמף מיט זיי. דער באָלשעוויזם האָט, ווי באוווסט, געהאלטן, אז דאפקע אפן סמאך פון ענגן בונד מיטן פּויערטום איז מעגלעך דער ניצאָכן פונעם פּראָלעטאריאט איבערן צאריזם, ווי אויך דער ווייטערדיקער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט.

די ערשטע רעוואָליוציע האָט פולקום באשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאָזיציע. דער פאראקשנטער רעוואָליוציאָנערער קאמף פונעם פּראָלעטאריאט און פּויערטום האָט דערלאנגט דער זעלבסטהערשונג די שווערסטע קלעפּ. די בורזשואזיע האָט שוין נאָכן 9-טן יאנואר אָנגעהויבן זוכן א פּשאָרע מיטן צאר, דער פירער פון די ליבעראלן (פון דער בורזשואזיע), מיליוקאָוו, איז שטילערהייט געלאָפן צו די צארישע הענקער טרעפּאָוו און סטאָליפּין, קעדיי צו צונויפרעדן זיך וועגן קאמף קעגן דעם ארבעטער-קלאס און פּויערטום.

דער ארבעטער-קלאס איז געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין 1905 י.

3. דער קאמף פאר דער פּארטיי אינעם פּעריאָד פון רעאקציע

סטאָליפּיניאדע

די ערשטע רעוואָליוציע האָט זיך געענדיקט מיטן ניצאָכן פון דער זעלבסטהערשונג. ס'איז אָנגעקומען א שווערע רעאקציע. די העגקער האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. פאר דריי יאָר (1907—1909) זיינען אומגעבראכט געוואָרן זיבן טויזנט מאן. בלויז פאר איין 1907 יאָר האָבן 11 טויזנט מאן (הויפּטזעכלעך ארבעטער, פּויערים און סאָלדאטן) באקומען א שטרענגע שטראָף לויטן געריכט. פיל טויזנטער זיינען פארשיקט געוואָרן אָן שום געריכט-אורטייל.

די שווערסטע קלעפּ האָט דער צאַריזם געווענדעט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס.

אַלע פּאַרטייִשע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס זיינען צעשמעטערט געוואָרן קימאַט ביזן גרונט.

די זעלבסטהערשונג האָט פאָרגעזעצט ווייטער אָנצושפּאַרן זיך אויף די לייב־אייגנטימער־פּריצים. די גרויסע האַנדלס־אינדוסטריעלע בורזשואַזיע (די פּאַרטיי „אָקטיאַבריסטן") האָט געשטיצט די רעגירונג אין איר קאַמף קעגן די אַרבעטער און פּויערים.

די ליבעראַלע פּאַרטיי „קאַדעטן", וואָס האָט פאָרגעשטעלט די אינטערעסן פון די מיטעלע שיכטן בורזשואַזיע און האָט פריער צוויעסדיק גערעדט וועגן אירע סימפּאַטיעס צום פאָלק, איז פּאַקטיש אַריבער אויף דער זייט פון דער זעלבסט־הערשונג.

די צאַרישע רעגירונג האָט געפּרוווט געפינען אַ באַזע אויך צווישן די פאַרמעגלעכע באַלעגופישע שיכטן אין דאָרף. דער פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין האָט צוליב דעם דורכגעפירט עטלעכע נייע געזעצן. פריער האָט די רעגירונג געשטיצט די דאָרפישע געמיינדע אַלס מיטל צו עקספּלואַטירן דאָס פּויערטום און ווי וויט מעגלעך גרינגער אָנצופירן מיט אים. אַצינד האָט זי אַליין אָנגעהויבן כאָרעוו צו מאַכן די געמיינדע, קעדיי געבן די מער רייכערע פּויערים אַ מעגלעכקייט אויסצוטיילן זיך און פאַרפעסטיקן זיך אַפּן כעזשבן פון דער אָרעמשאַפט. די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט געזעצן, וואָס האָבן געהאָלפן די באַלעגופישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אָפּזונדערן זייער ערד, אַרויסגיין אויף אַ כוטער און ווערן אומאָפּהענגיק פון דער געמיינדע. די ערד, וואָס די פּריצים פלעגן פאַרקויפן, איז אויך מערסטנטייל אַריבער צו די באַלעגופים.

דידאָזיקע פאַרפעסטיקונג פון די באַלעגופישע, פאַרמעגלעכע שיכטן אין דאָרף האָט אַרויסגערופן אַ ווייטערדיקע פּראָלעטאַריזאַציע פונעם איבעריקן טייל דאָרפישער באַפעלקערונג. די אָרעמפּויערים זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן די באַלעגופים זייער ערד.

פאַר די ערשטע אַכט יאָר נאָך דער סטאָליפינישער רעפאָרם האָבן זיך צוויי מיליאָן באַלעבאַטים, ד. ה. קימאַט אַ פינפטל פון אַלע הויזבאַלעבאַטים ענדגילטיק אויסגעטיילט פון דער געמיינדע. פאַר פינף יאָר נאָך 1905 י. איז העבער 5 מיליאָן העקטאַר פּריצישע ערד אַריבער צו די באַלעגופים.

דער קאַמף קעגן ליקווידאַטאָרײַ

זעענדיק די מאַפּאָלע פון דער רעוואָליוציע, האָבן לענין און די באָלשעוויקעס געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס מוז צוריקטרעטן און גרייטן אַ נייעם שטורעם קעגן דער זעלבסטהערשונג.

זיי האָבן זיך אָבער אף איין רענע ניט אָפּגעזאָגט ווייטער ארויסצושטעלן פאר די מאסן די הויפּט־אופגאבן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, וואָס זיינען דורך דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר ניט געלייזט געוואָרן — אראָפּשליידערן די זעלבסטהערשונג, קאָנפיסקירן די ערד, איינפירן דעם 8־שאָיִקן ארבעטס־טאָג א. א. וו.

די מענשעוויקעס האָבן גאָר אנדערש אָפּגעשאַצט דעם פּעריאָד פון רעאקציע. אין אָט דער צייט האָבן צווישן זיי געהאט א גרויסע ווירקונג די אזויגערופענע „ליקווידאטאָרס“.

זיי האָבן געהאלטן, אז קיין שום באָדן פאר דער רעוואָליוציע איז ניט געבליבן. די מאָנארכיע פון די ראָמאנאָווס, וואָס איז פריער געווען א פּריצישע מאָנארכיע, איז געוואָרן איינגאנצן א בורזשואזע מאָנארכיע, דער פּראָלעטאריאט האָט דעריבער ניט וואָס צו קלערן וועגן א נייעם אופשטייג פון דער רעוואָליוציע. מע דארף זיך אָפּזאָגן פון אלע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען. עס איז צייט אריבערצוגיין צו א לעגאלן קאמף, ד. ה. אזא, וואָס איז דערלויבט דורכן געזעץ. די הויפּט־פאָרם פון קאמף איז דער קאמף אין דער מעלוכע־דומע. קלאָר, אז בא אזא אָפּשאַצונג פון דער לאגע האָבן די ליקווידאטאָרס ארויסגערוקט אלס הויפּט־פאָרשלאָג — ליקווידירן, פאנאנדערלאָזן די אומלעגאלע פּארטיי פון פּראָלעטאריאט און לאָזן גאָר יענע אָרגאניזאציעס, וואָס זיינען דערלאָזט דורך דער צארישער רעגירונג.

די מענשעוויקעס האָבן פּארטיידיקט די אידייע וועגן צונויפרופן א ברייטן אומפּארטייאישן ארבעטער־צוזאמענפאָר, וועלכער דארף שאפן אן ארבעטער־פּארטיי אפן שמייגער פון די „ברייטע“ ארבעטער־פּארטייען, וואָס עקזיסטירן אין מיירעוו, דידאָזיקע פּארטיי וועט דארפן פאראייניקן אין זיך די סאמע פארשיידנארטיקע עלעמענטן, גאנצע פּראָפּאריינען א. ד. גל. צונויפרופן אזא מין צוזאמענפאָר וואָלט פאקטיש באטייט ניט אנדערש ווי באזייטיקן די סאָציאַל־דעמאָקראטיע פון אָנצופירן מיטן ארבעטער־קלאס און וואָס וואָלט געהייסן — אונטערוואַרפן דעם פּראָלעטאריאט אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע.

אינעם פּעריאָד פונעם ניצאָכן פון דער רעאקציע האָבן די מענשעוויקעס שוין פולקום קלאָר דערעדט זיך ביז אזא מין אויספיר. זיי זיינען שטענדיק גרייט געווען פאר יעדן פּרייז צו קויפן זיך רעכט אף א לעגאלע עקזיסטענץ, ד. ה. אזא, וואָס איז דערלויבט דורך דער פּאָליציי.

רופנדיק צו ליקווידירן די פּארטיי, מעלדנדיק מיט פרייד, אז פאקטיש עקזיסטירט שוין ניט די פּארטיי, אז זי איז צעגראָמירט, האָבן די ליקווידאטאָרן אין דערזעלבער צייט ניט געקארגט קיין פארבן אבי אויסצומאָלן די אלטע פּארטיי אלס א שעדלעכע און ביוראָקראטישע. זיי האָבן ליב געהאט קעסיידער איבערצוכאזערן, אז די פּארטיי — דאָס איז בלויז דער „אפּאראט“, וואָס שטייט איבער

און קעגן דער ארבעטער־מאסע, (אָט ווו עס געפינען זיך די וואָרצלען פון שפּע־טערדיקן טראָצקיס אָנפאַלן אפן פארטיי־אפּאראַט).

רופנדיק צו פארניכטן די אומלעגאַלע פארטיי, האָבן די ליקווידאטאָרן דער־קלערט א פולן צוריקטריט אף דער גאַנצער ליניע. האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען און טאַקטיק, פון דער פארטיי־פּראָגראם. זיי האָבן זיך, צום ביישפּיל, אָפּגעזאָגט פונעם לאָזונג — אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, און געפונען פאר נויטיק בלויז שטיצן די פארשיידענע קליינע פאָדערונגען, ד. ה. לייגן לאַטעס אפן צעריסענעם צארישן בעגער. זיי האָבן אופגעהערט צו ריידן וועגן קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד, האַלטנדיק, אז די פריערשע פראגע וועט שוין איצט געלייזט ווערן אף א פרידלעכן אויפן, דורך די דומע־געזעצפּראָיעקטן.

דער יידישער „בונד" זינקט אליין טיפער אינעם מענשעוויסטישן זומפּ. אין צענטער פון זיין גאַנצער ארבעט ווערט געשטעלט דער אָנטייל אין דער נאַציאָנאַ־לער קולטור־בוווּנג (פאָלקס־אוניווערסיטעטן, שולן, קולטורעל־אופקלערערישע געזעלשאפטן, אָוונט־שולן, דראַמקרייזן, קלובן א. א. וו.). דאָס שטעלט אויך די לעגאַלע ארבעט אפן ערשטן אָרט. דער „בונד" קייקלט זיך צו ליקווידאַטאָרישקייט. פון קליינע פאָדערונגען אין דער אלגעמיינער־נאַציאָנאַלער ארבעט קומט דער „בונד" צו קליינע פאָדערונגען אין דער אלגעמיינער ארבעטער־פאָליטיק, אָנשטאָט ווייטערדיקן רעוואָליוציאָנערן קאַמף — דער לאָזונג פון טיילווייזע פאָדערונגען. דאָס איז מענשעוויזם, מענשעוויסטישע טאַקטיק אין פעריאָד פון רעאַקציע.

די ליקווידאַטאָרן האָבן אָפּן פאַראַטן די ארבעטער־זאַך. דאָס זיינען געווען ניט קיין רעוואָליוציאָנערן, נאָר רעפאָרמיסטן, פּשאָרע־מאַכער, מעשאָרסים פון דער בורזשואזיע. אין יענער צייט האָט די ליק־ווידאַטאָריי מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רעכטן, אָפּאָרטוניסטישן אָפּנויג אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג — די אגענטור פון דער בורזשואזיע אינעם ארבעטער־קלאַס.

טראָצקי איז דעמאָלט, ווי עס פּאַסט פאַר אים, געזעסן צווישן צוויי שטולן און האָט באַזונדערס ענערגיש געקעמפט קעגן באָלשעוויזם, פּרוּווּנדיק צונויפ־קלאַפּן א צעפּוילטן בלאָק פון אלע אַנטי־פּאַרטייִשע ריכטונגען — קעגן באָל־שעוויזם.

די באָלשעוויקעס (און אפילע אייניקע מענשעוויקעס, לעמאַשל, פּלעכאַנאָוו) האָבן, פארשטייט זיך, אָנגעהויבן א קאַמף קעגן אזא שעדלעכער פּאָליטיק.

די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעוויזן, אז בלויז די אומלעגאַלע פּאַרטיי פאַרזיכערט א ריכטיקע אָנפירונג מיט דער באַוועגונג (מאַסן־קאַמף, ארבעט פון דער דומע־פראַקציע א. א.) און גיט יענעם פעסטן באָדן, ארום וועלכן עס קען זיך בויען די פּאַרטיי. פאַרפעסטיקן די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע האָבן די באָלשע־וויקעס דערקלערט פאַר דער וויכטיקסטער אָרגאַניזיר־אופגאַבע פון דער פּאַרטיי.

דער קאַמף קעגן די „אַפּרופער“
און אנד. „לינקע“ אָפּנייגן

קעמפנדיק קעגן דעם „רעכטן“ אָפּנויג פון יענער צייט — קעגן דער ליקווי־דאטאָריי, — האָט די פּאַרטיי אין דערזעלבער צייט אויך געקעמפט קעגן די „לינקע“ אָפּנויגן, וואָס עס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די „אָפּרופער“, די „אולטימאַטיסטן“ און אנד. די ליקווידאַטאָריי איז געווען א שטרעמונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מענשעוויקעס, צווישן די באָלשעוויקעס האָט זי אָבער קיין אָנהענגער ניט געהאַט.

די אָפּרופער האָבן געפאָדערט אָפּצורופן אונדזערע דעפּוטאַטן פון דער מעלוכע־דומע, ווייל די דומע איז דאָך בלויז א געצייג פונעם צאַריזם און נעמענדיק אין איר אן אָנטייל, זאָגן מיר זיך, קלוימערשט, דערמיט גופע אָפּ פון אונדזערע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען.

דער גרונט־פעלער פון די „אָפּרופער“ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט צופּאַסן די טאַקטיק צו די געענדערטע באַדינגונגען, זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די באַזונדערקייטן און ספּעציפישקייט פונעם מאָמענט.

די „אָפּרופער“ האָבן פאַקטיש געקעמפט די פּאַרטיי אָפּצוזאָגן זיך פון אויסנוצן די טריבונע פון דער מעלוכע־דומע פאַר דער אַגיטאַציאָנעלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. דאָס פאַרווירקלעכן זייערע לאָזונגען וואָלט אָבער געבראַכט דערצו, אַז די פּאַרטיי וואָלט אינגאַנצן אוועק אין אונטערערד און וואָלט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די לעגאַלע קאַמף־פאָרמען.

קיין אייגענע פּרעסע האָבן מיר ניט פאַרמאָגט. בלויז דורך די אַרויסטרעטונגען פון אונדזערע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן געפונען אַן אָפּרוף אין דער אַלגעמיינער פּרעסע און אין די סטענאָגראַמעס, האָבן מיר געהאַט א מעגלעכקייט ברייט צו פּראָפּאַגאַנדירן אונדזערע לאָזונגען. אָננעמענדיק דעם פאָרשלאָג פון די אָפּרופער, וואָלטן מיר אָנגעוואָרן דידאָזיקע מעגלעכקייט אויסצונוצן די דומע־טריבונע פאַר דער רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

מיט דער „אָפּרופעריי“ האָט ענג געגרענעצט אויך א צווייטע שטרעמונג — דער „אולטימאַטיזם“. די „אולטימאַטיסטן“ האָבן פאָרגעלייגט אוועקצושטעלן פאַר די דעפּוטאַטן אַן אולטימאַטום: זיי מוזן זיך אבסאָליוט אונטערוואַרפן די דירעקטיוון פון צ״ק און אויספילן אַלע אומלעגאַלע פאַרגעבונגען, וועלכע מע זאָל זיי פאַרגעבן. אין פאַל, ווען זיי זאָגן זיך אָפּ, דאַרפן די דעפּוטאַטן טייקעף אָפּגערופן ווערן.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז אָנשטאָט סיסטעמאַטישן און געדולדיקן אַריינציען די דעפּוטאַטן אין דער אַלגעמיין־פּאַרטיי:שער אַרבעט (אייניקע פון די אויסגעוויילטע אַרבעטער־דעפּוטאַטן זיינען געווען זייער שוואַך פאַרבונדן מיט דער

פּאַרטיי), שטעלן די אולטימאַטיסטן די פראגע קאַטעגאָריש, און ווילן פּאַקטיש פאַרווירקלעכן דיזעלבע „אָפּרופעריי“.

די „אָפּרופער“ און די „אולטימאַטיסטן“ זיינען געווען קעגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויסנוצן ניט נאָר די מעלוכע־דומע נאָר אויך אַנדערע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. לעניז האָט דיזאָזיקע ריכטונגען אָנגערופן מענשעוויזם אַף דער לינקער זייט.

די „אָפּרופער“ האָבן ניט געקאָנט דיסקאָנטירן דער ספּעציפישקייט פונעם מאָמענט און צופאַסן די אַלטע אָרגאַניזאַציע צו די נייע אויפגאַבן. אינעם פּעריאָד פון רעאַקציע האָט מען געדאַרפט אויסנוצן אַלערליי לעגאַלע פאָרמען (אויך די מעלוכע־דומע), קעדיי צו אָרגאַניזירן און פּאָליטיש דערציען די אַרבעטער־מאַסן. אָפּזאָגנדיק זיך דערפון, וואָלטן מיר פּאַקטיש געהאָלפן דערזעלבער ליקווידאַטאָריי.

אין יענער צייט זיינען אויך אויפגעשוווּמען טעאָרעטישע און פילאָזאָפישע אָפּ־נויגן בא אייניקע באָלשעוויקעס (באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי). דיזעלבע כאַוויי־רים — די „אָפּרופער“ און „אולטימאַטיסטן“ — האָבן זיך גענומען פאַריכטן מאַרקס לערע אַפּן יעסאָד פון די אידעאַליסטישע טעאָריעס פון די בורזשואַזע געלערנטע. אייניקע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן געפּרוווט פאַרבינדן דעם סאָציאַליזם מיט רעליגיע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א „גאָט־זוכעניש“, מע האָט אָנגעהויבן שאַפן זיך א פּאַסיקן גאָט (די „גאָט־זוכער“ און „גאָט־בויער“).

די „אָפּרופער“, „אולטימאַטיסטן“ און ענלעכע צו זיי זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. דאָס איז אין טאָך גענומען געווען דער ערשטער שאַרפער קאָנפליקט אין די באָלשעוויסטישע רייען. שוין דעמאָלט איז פאַר דער פּאַרטיי געווען קלאָר, אַז בלויז די פולקומע אידייִשע אייִנהייט זיכערט דעם ניצאָכן, אַז אַרויסטרייבנדיק פון די אייגענע רייען אַלע „לינקע“, וואָס קאָנען ניט אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע ווערן אונדז אָנגעבונדן דורך דער געשיכטע, וועט די פּאַרטיי פאַרשטאַרקט ווערן. שוין דעמאָלט האָט די פּאַרטיי געזאָגט, אַז קיינע פראַקציעס וועט זי אין איר סוויווע ניט דולדן.

די באָלשעוויקעס האָבן ווייטער געקעמפט פאַר די הויפּט־לאָזונגען — פאַר די „דריי וואַלפיש“, ווי מע פלעגט דעמאָלט פאַרשטעלט זאָגן: פאַר ערד־נאַציאָנאַליזאַציע, אַכט־שאָ׳קן אַרבעט־טאָג און דע־מאָקראַטישער רעפּובליק.

דידאָזיקע לאָזונגען האָבן די באָלשעוויקעס פאַרבונדן מיט זייער גאַנצער אַרבעט אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

דער קאַמף אַף צוויי פראָנטן — קעגן די ליקווידאַטאָרן און זיינע פאַרקריפּלונ־גען פון מאַרקסיזם און קעגן „לינקע“ איז געווען יענע פּאָליטישע שול, וואָס האָט געלערנט און פאַרהאַרטעוועט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי.

גראָד אין דעם מאָמענט האָט אונדזער פארטיי אף א ברייטן אויפן אָנגעהויבן שאפן אומלעגאלע פארטיי-קעמערלעך אין די לעגאלע אָרגאניזאציעס. דאָס קעמערל איז געוואָרן דער שטיצפונקט פאר דער פארטיי. לענין האָט טאָגנגע-וויזן, אז „האָבנדיק אזעלכע קעמערלעך, וועלן צוויי דריי פארטייִשע סאָציאַל-דעמאָקראטן קענען ניט צעשטויבט ווערן אין דער פאָרמלאָזער לעגאלער אָרגא-ניזאציע, נאָר בא אלע באדינגונגען, בא פארשיידענע אומשטענדן, פירן זייער פארטייִשע ליניע, ווירקן אף דער סוויווע אין פארטייִשן גייסט און ניט לאָזן דער סוויווע איינשלינגען זיי“.

אזוי ארום האָבן די באָלשעוויקעס פארבונדן די ארבעט פון דער אומלעגאלער פארטיי מיט דער ארבעט אין די לעגאלע אָרגאניזאציעס.

4. דער נייער אופשטייג

די אופלעבונג פונעם שטרייקן-קאמף

אין די יאָרן פון רעאקציע איז די צאָל שטרייקן זייער געפאלן. אין 1905 י. איז די צאָל שטרייקער דערגאנגען ביז 3 מיליאָן מענטשן, אין 1906 י. איז זי געפאלן ביז 1 מיל., אין 1907 י. — דריי פערטל מיל. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן א שטארקע פארקלענערונג — אין 1908 י. איז געווען 174.000 שטרייקער, און אין 1909 י. — בלויז 64 טויזנט.

זומער און הארבסט 1910 י. האָט זיך אָנגעהויבן א נייער שטרייק-אופשטייג. אין 1911 י. האָט זיך באדייטנדיק פארגרעסערט די צאָל שטרייקן פון פאָליטישן באראקטער.

די אופלעבונג פון דער ארבעטער-באוועגונג האָט באלד ארויסגערופן אויך אנדערע פאָליטישע ארויסטרעטונגען: דאָס ערשטע מאָל נאָך א לאנג שטיקל צייט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן דעמאָנסטראציעס.

לענין האָט דעמאָלט ריכטיק געשריבן: „די עפּאָכע פון פולער הערשאפט פון דער שווארצמייִקער רעאקציע האָט זיך געענדיקט. עס הויבט זיך אָן א צייט פון נייעם אופשטייג. דער פראָלעטאריאט, וואָס האָט צו-ריקגעטראָטן, הא‎גאם מיט גרויסע האפּסאָקעס, פון 1905 ביז 1909 י., האָט צוזאמענגעקליבן די קויכעס און הויבט אָן אריבערגיין צו א נייעם אָנגריף“.

וויאזוי ס'האָט זיך אין רוסלאַנד אנטוויקלט די שטרייק-באַוועגונג אין די יאָרן 1896—1916

די אלגעמיינע צאָל ארבעטער, וואָס האָבן געשטרייקט



די צאָל ארבעטער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין פּאָליטישע שטרייקן

די צאָל אר-עטער, וואָס האָבן אנטייל גע-ומען אין עקאָנאָמישע שטרייקן



די געשעענישן אף לענע

באזונדערס בוילעט האָט זיך דער אופשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אויסגעדריקט אין די לענער געשעענישן און יענע שטרייקן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער לענער צעשיסונג.

אפן טייך לענא, אין באָדייבאָ, אין דער טאיגא, צוויי טויזנט קילאָמעטער פון אייזנבאַן האָבן זיך געפונען רייכע גאָלד-גרובן. די גאָלד-גרובן האָבן געהערט צו אויסלענדישע און טיילוויז רוסישע פאבריקאנטן און גרויסע משינאָווניקעס. די ארבעטער פלעגן דאָ שרעקלעך עקספּלואַטירט ווערן.

דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ פּאַשעט: די ארבעטער האָבן געפאָדערט

אן אכטשאָזיקן ארבעטס־טאָג, העכערן דעם ארבעטס־לוין, אָפּשאפן די שטראָפן און אזוי ווייטער. דעם 4־טן אפרעל (17־טן לויטן נייעם קאלענדאר) זיינען די אָר־בעטער אוועק צום פּראָקוראָר פירן אונטערהאנדלונגען. די מיליטער־טיילן האָבן אָן שום האסראָע אָנגעהויבן שיסן אין די ארבעטער. 400 מענטשן זיינען דער־הארגעט געוואָרן אפן אָרט און געשטאָרבן פון די וווּנדן. הונדערטער ארבעטער זיינען פארווונדעט געוואָרן.

דידאָזיקע ווילדע צעשיסונג האָט ארויסגערופן א הייסן פּראָטעסט. די ארבעטער האָבן געשריבן אין זייער צייטונג „פּראוודא": „צוזאמען מיט דער צעשיסונג פון די לענער ארבעטער זיינען צעשאָסן אויך אונדזערע ברוסטן. מיר, ארבעטער באשולדיקן אין אזא ווילדן ווילקיר איבערן ארבעטער־קלאס ניט נאָר די אָרטיקע הענקער, נאָר די גאנצע איצטיקע אָרדענונג, באזונדערס די הערשנדיקע מערהייט אין דומע. ניט טרערן און פּראָטעסטן וועלן אונדז העלפן, נאָר אָרגאניזירטער מאסן־קאמף וועט אונדז באפרייען פון אזא לאגע, ווען מיר באקומען קוילן אָנ־שטאָט ברויט און א פריצייטיקן קייווער — אָנשטאָט פרייהייט".

דער מאסן־קאמף האָט זיך טאקע ווירקלעך אָנגעהויבן: שטרייקן און דעמאָנ־סטראציעס האָבן זיך דורכגעקייקלט איבערן גאנצן לאנד. אין פּעטערבורג האָבן אלס פּראָטעסט געשטרייקט 110 טויזנט מאן. סאכאקל האָט פאר די ערשטע פיר כאדאָשים פון 1912 י. די צאָל אָנטיילנעמער אין פּאָליטישע שטרייקן (9 יאנוואר, לענער טעג, 1 מיי) דערגרייכט 600 טויזנט מאן, ד. ה. מער איידער פארן גאנצן 1906 אָדער 1907 יאָר.

פארן 1912 איז די צאָל פּאָליטישע שטרייקער איבערגעוואקסן א מיליאָן מאן. דאָס באווייזט, אז דער ארבעטער־קלאס האָט אָרגאניזירט זיינע קויכעס און איז גרייט צו א נייעם קאמף־אָנגריף.

די ווייטערדיקע יאָרן האָבן געפירט צו א ווייטערדיקן אופשטייג פון דער באַ־וועגונג. אין 1913 י. איז די צאָל אָנטיילנעמער אין פּאָליטישע שטרייקן שוין געווען 1.300.000 מאן, און אין 1914 י. האָבן בלויז אין די ערשטע כאדאָשים געשטרייקט קימאט 1½ מיליאָן ארבעטער, ד. ה. פּונקט אזויפיל, וויפל עס האָבן געשטרייקט איגם סאמע ברויזנדיקן יאָר פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליו־ציע — 1905 יאָר. אכוץ דעם איז אויך געוואקסן די צאָל עקאָנאָמישע שטרייקן.

די אופלעבונג פון דער ארבעטער־באוועגונג האָט זיך באלד אָפּגערופן אפן דאָרף. אויך דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן „אומרוען". דער רעוואָליוציאָנערער קאמף האָט אופגעלעבט.

ערעוו דער מילכאָמע האָט די זעלבסטהערשונג דערזעען פאר זיך א נייע מעכ־טיקע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג.

א באזונדערע באדייטונג האָט אין דער אָנפירונג מיט דער באוועגונג באקומען די צייטונג „פּראוודא". דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 22־טן

אפרעל (5 מיי לויטן נייעם סטיל) 1912 י. (איצינד פייערן מיר דעם טאָג אלס „פּרעסע־טאָג“).

„פּראַוודא“ איז געווען בעצמעס א קינד פונם ארבעטער־קלאַס. מאַטעריעל איז זי געשטיצט געוואָרן פון געלט־זאמלונגען, וואָס פלעגן אָרגאַניזירט ווערן צווישן ארבעטער. פארן ערשטן האלב יאָר האָבן אין די זאמלונגען אָנטייל גענומען 500 ארבעטער־גרופּן (בעיים די ליקווידאַטאָרישע צייטונג האָט באַקומען שטיצע בלויז פון 15 גרופּן). די אבאָנירונג אף דער „פּראַוודא“ און די זאמלונגען זיינען אַלץ געוואַקסן. די צייטונג איז געוואָרן אן אייגנאַרטיקער אָרגאַניזאַטאָר פון די באָלשעוויסטישע קויכעס. זי האָט די ערשטע געשאַפן א ברייטע ארבקאָרן־נעץ,— גאַנצע זייטן פלעגט די צייטונג אויסטיילן פאר קאָרעספּאָנדענצן פון ארבעטער וועגן שטרייקן, וועגן דער אַרבעטער־לאַגע, וועגן פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג א. א. וו. אזוי, לעמאָשל, איז פארן צווייטן יאָר פון איר עקזיסטענץ געדרוקט געווען 11 טויזנט קאָרעספּאָנדענציעס.

מיט איר הילף האָט די פּאַרטיי אָנגעפירט מיט דער שטרייק־באַוועגונג, מיט אלע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס (לעמאָשל, מיט די וואַלן אין דער מעלוכע־דומע), מיט דער סטראַכירונג־קאַמפּאַניע א. א. וו. די צייטונג איז בעצמעס געווען א געווער אין די הענט פון דער פּאַרטיי, וואָס מיט איר הילף האָט זי געקענט אָרגאַניזירן די ארבעטער־באַוועגונג און פּראָפּאַגאַנדירן די באָלשעוויסטישע אָנשויונגען.

די אַרבעטער האָבן געזען אין דער צייטונג זייער אייגענע נאָענטע אַרבעטער־זאַך. זיי האָבן געשריבן: „וואָס האָט אונדז „פּראַוודאַ“ געגעבן? זי האָט אין די אַרבעטער־הערצער אָנגעצונדן יענע פונקען, וואָס זיינען שוין קימאַט פאַרלאָשן געוואָרן באַ א טייל אַרבעטער. איצט האָט זי אונדז באַלויכטן דעם ברייטן וועג, א וועג, אַף וועלכן עס דאַרפן גיין אַלע באַוווסטזיניקע אַרבעטער“.

די „פּראַוודאַ“ האָט פאַרשפּרייט איר ווירקונג אויך אַף ברייטע שיכטן פון די יִדישע אַרבעטער. די באָלשעוויסטישע אַרבעט צווישן די יִדישע אַרבעטער אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך די געהעריקע קאָמיטעטן פון רסדרא״פּ(ב), אָפטמאָל אין העפטיקן קאַמף מיטן „בונד“, האָט געלאָזט אירע וואָרצלען. געוויסע גרופּן יִדישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּקערעווען פונעם „בונד“ און גיין נאָך די באָלשעוויקעס און נאָך זייערע לאָזונגען. די „פּראַוודאַ“, וואָס איז געוואָרן א ליבלינג פון די אַרבעטער, האָט נויטע־ביין געווען אויך באַם יִדישן אַרבעטער. אין די יאָרן פון אופשטייג האָבן די יִדישע ארבעטער פון האָמעל, וויטעבסק, קאַטערינאָסלאַוו א. א. געשטאַרקט זייערע סימפּאַטיעס צו „פּראַוודאַ“, גרויסע מאַסן אין די אויבנ־אָנגערופענע שטעט האָבן געשיקט זייערע גרוסן דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודאַ“, געזאַמלט פאַר איר געלט, געשטיצט זי מיט אַרטיקע קאָרעספּאָנדענצן א. א. וו.

עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס די צייטונג האָט מען שטאַרק

געררוידעפט. פארן ערשטן יאָר איז זי געווען 41 מאָל קאָנפיסקירט און שטראָפירט אַף 8 טויזנט רובל. דריי פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרס זיינען אַרעסטירט געוואָרן איינער נאָכן צווייטן.

דאָס צווייטע יאָר האָבן זיך די רעדיפעס פאַרשטאַרקט. קימאַט אַ העלפט נומערן פון דער צייטונג זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן. נאָכן 356 נומער איז די צייטונג אינגאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן. אָנשטאָט איר איז דערשינען די „אַרבעטער-פּראַוודא“, דערנאָך — „פּראַוודא טרודא“. קימאַט יעדן כוידעש האָט מען געמוזט בייטן דעם נאָמען. די לעצטע צייטונג „טרודאָוואַיאַ פּראַווראַ“ איז פאַרמאַכט געוואָרן האַרט ערעוו דער מילכאָמע.

זי האָט ווידער אויפגעלעבט אַפן צווייטן טאָג נאָכן פאַלן פונעם צאַריזם.

די פאַרפעסטיקונג פונעם באָלשעוויזם

אין אָט דעם פעריאָד פון רעוואָליוציאָנערן אופשטייג האָבן די באָלשעוויקעס פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר די ניט פאַרקירצטע לאָזונגען — פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפובליק, אַכטשאָ:קן ארבעט-טאָג, פאַר קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד.

דער מענשעוויזם איז צו יענער צייט אינגאַנצן צעפאַלן. די הויפט-ראָל האָבן דאָרט געשפּילט די סאַמע רעכטע ליקווידאַטאָרן.

די לאָזונגען, וואָס די ליקווידאַטאָרן האָבן ארויסגערוקט, האָבן באַדאַרפט אראָפּדריקן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גענומען הויבן. די ליקווידאַטאָרן האָבן געפּרוווט, לעמאָשל, אראָפּרייסן שטרייקן, זיי האָבן גערופן די נייע פּאָליטישע מאַסן-שטרייקן — „שטרייק-אַזאַרט“ א. ד. גל.

אינעם פעריאָד פון דער רעאַקציע און פונעם נייעם אופשטייג האָט טראָצקי זיך געפּרוווט פאַראייניקן די מענשעוויקעס און אַנדערע גרופּעס קעגן דעם באָלשעוויזם (דער „אַווגוסט-בלאָק“). ער האָט געשריבן וועגן לענינען ווי וועגן אַן „אינטריגאַן“ („סקלאָטשניק“) און „פאַרשטייער פון אַליץ, וואָס איז אָפּגעשטאַנען“ אין דער רוסישער „אַרבעטער-באַוועגונג“. וועגן דעם באָלשעוויזם האָט ער געזאָגט: „דער גאַנצער ביניען פון לעניניזם איז אויסגעבויט אַף שעקער און פאַלסיפיקאַציע און טראָגט אין זיך דעם גיפט פון דער אייגענער צעפאַלונג“.

נאָר דער אַרבעטער-קלאַס איז ניט געגאַנגען מיט די ליקווידאַטאָרן, ער איז אויך ניט געגאַנגען מיט די „לינקע“ — מיט טראָצקען.

די פּראָפּאַגאַנדע פון די ליקווידאַטאָרן האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג צווישן די אַרבעטער-מאַסן. דאָס באַווייזן, לעמאָשל, די שוואַכע זאַמלונגען לעטוווּעס דער ליקווידאַטאָרישער צייטונג.

אין די פּראָפּאַריינען, קלובן, אין אַלע אַנדערע מינים פון לעגאַלער אַרבעט פלעגן די באָלשעוויקעס מיט דערפאָלג אַרויסשטויסן די מענשעוויקעס. אין לעני-

גראָד איז נאָך די מענשעוויקעס געגאנגען בלויז איין פּראָפּאַרציע — די דרוקער. די וואַלן צו דער IV מעלוכע-דומע האָבן באַשיימפּערלעך באַשטעטיקט דעם דערפאָלג פון באָלשעוויזם אין דער אַרבעטער-באַוועגונג: אַלע זעקס אַרבעטער-דעפּוטאַטן זיינען דורך לויטן באָלשעוויסטישן צעטל. די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען קימאַט אַ מיליאָן שטימען, — די מענשעוויקעס בלויז 200 טויזנט.

אין אָנהויב 1912 י. איז פאָרגעקומען די „פּראַגער קאָנפערענץ" פון אונדזער פּאַרטיי. ם

די פּראַגער קאָנפערענץ האָט פאַקטיש באַטייט אַ פולן איינרייס מיט די מענשעוויקעס. זי האָט געשאַפן א רײן באָלשעוויסטישן צ"ק. דער באָלשעוויזם האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס זעלבשטענדיקער פּאַרטיי.

5. דער פּעריאָד פון דער וועלט-מילכאָמע

די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס

אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן האָט די בורזשואַזיע פון אַלע לענדער געגרייט די מילכאָמע. דער עקאָנאָמישער קאַמף און קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס.

ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעוויזן, אַז די מילכאָמע טראָגט אַן אימפּעריאַליסטישן רויבער-כאַראַקטער, און זי איז אַרויסגערופן דורך די אַלע באַדינגונגען פון דער עפּאָכע, ווען עס הערשט דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אַז די מילכאָמע איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון דער רויבערישער פּאָליטיק פון די בורזשואַזע קלאַסן אין איירראָפּע. די מילכאָמע גייט צו פאַרפעסטיקן די שקלאַפעריי. זי זעצט פאָר און פאַרפעסטיקט די געדונגענע שקלאַפעריי, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך. זי פירט צו פאַרפעסטיקן די שקלאַפעריי פון די קאָלאָניעס און דעם יאָך איבער פרעמדע נאַציעס. „די סאָציאַליסטן דאַרפן אויסנוצן דעם קאַמף צווישן די קאַפּיטאַליסטן און אַראָפּשליידערן זיי אַלעמען" — אַזוי האָט געשריבן לענין.

אָפּשאַצנדיק די מילכאָמע אַלס רויבערישע, גאַזלאָנישע, וואָס פאַרפעסטיקט בלויז די מאַכט פון דער בורזשואַזיע איבערן פּראָלעטאַריאַט, האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: „פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער-קריג". דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף ניט העלפן דעם קאַמף פון די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען צווישן זיך, ער דאַרף פאָרזעצן זיין קלאַסנקאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און דערפירן אים ביז אַן עכטן בירגער-קריג, ד. ה. ביז אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

כ. לענין האָט געשטעלט אין טאָג־סיידער די פראַגע וועגן אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י־ ש ע ר ר ע וואָ ל י וציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די פאַרהאַנאַכעס צו אַ סאָציאַ־ ליסטישער איבערקערעניש זיינען שוין פאַראַן.

האָט זיך געשטעלט די פראַגע: צי קאָן דער פראָלעטאַריאַט זיגן אין איין לאַנד און אָנהויבן בויען דעם סאָציאַליזם, בעיים די אַנדערע שכיינעסדיקע לענדער פארבלייבן נאָך אונטערן יאָך פון קאַפּיטאַליזם. לענין האָט דערויף געענטפערט, אַז די ניטגלייכמעסיקייט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין באַזונדערע לענדער ברענגט דערצו, אַז אין אייניקע לענדער קענען גיכער רייף ווערן באַדינגונגען פאַר אַ סאָציאַליסטישער איבערקערעניש איידער אין די אַנ־ דערע, לעמאָשל, אויב דער פראָלעטאַריאַט איז דאָרט מער באַוווּסטזיניק און אָרגאַניזירט, אויב ער האָט פאַרבינדעטע (דאָס פּויערטום, לעמאָשל) און די בורזשואַזיע איז שוואַך. לענין האָט געשריבן: „ע ס א י ז מ ע ג ל ע ך ד ע ר ס אָ צ י אַ ל י ז ם ז אָ ל ל ע כ אַ ט כ י ל ע ז י ג ן א י ן ע ט ל ע כ ע אָ ד ע ר א פ י ל ע א י ן א י י ן ב אַ ז ו נ ד ע ר ג ע נ ו מ ע נ ע ם ק אַ פּ י ט אַ ל י ס־ ט י ש ן ל אַ נ ד“.

לענין האָט פאָרויסגעזען דעם קומענדיקן קאַמף פון די סאָוועטישע רעפּובליקן און צוגעגעבן, אַז „דער זיגערישער פּראָלעטאַריאַט פון אָט דעם לאַנד וואָלט, עקספּראָפּריִרנדיק די קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירנדיק בא זיך די ס אָ צ י אַ־ ל י ס ט י ש ע פּ ר אָ ד ו ק צ י ע, זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער איבעריקער קאַ־ פּיטאַליסטישער וועלט, צוגעצויגן צו זיך די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַנדערע לענדער, אופהויבנדיק אין זיי אַן אופשטאַנד קעגן די קאַפּיטאַליסטן, אַרויס־ טרעטנדיק אין פאַל פון נויטווענדיקייט אפילע מיט מילימער־קראַפט קעגן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און זייערע מעלוכעס“.

לענין האָט, הייסט עס, פון די ערשטע מילכאָמע־כאַדאָשים אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ר ע וואָ ל י וציע אַלס אָרדנטלעכע אופ־ גאַבע, וואָס שטייט פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז אין די מער אָפּגעשטאַנענע לענדער, צום ביישפּיל, רוסלאַנד, וועט דער רעוואָליו־ ציאָנערער קאַמף לעכאַטכילע גיין לויט דער ליניע פון אַ בורזשואַזער רעוואָליוציע. דידאָזיקע רעוואָליוציע וועט אָבער אין פּראָצעס פון קאַמף איבערוואַקסן אין אַ פּראָ־ לעטאַרישער, סאָציאַליסטישער.

אָנמערקנדיק קאָנקרעטע פאָרמען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף אינעם פעריאָד פון מילכאָמע, האָבן די באָלשעוויקעס קוידעמקאָל געפאָדערט, דער פּראָלעטאַ־ ריאַט זאָל פאַרזעצן דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן זיין א י י ג ע נ ע ר בור־ זשואַזיע, קעגן זיין א י י ג ע נ ע ר רעגירונג.

די באָלשעוויקעס זיינען געשטאַנען אָפן שטאַנדפּונקט פון „פּ אָ ר אַ ז ש ע נ־ ט ש ע ס ט וואָ“ („מאַפּאָלעריי“), ד. ה. דער ארבעטער־קלאַס האָט לויט

זייער מיינונג געדאַרפֿט באַטראַכטן אַ קריגס־מאַפּאָלע פֿון זיין לאַנד קוידעמקאָל אַלס אַ מאַפּאָלע פֿון ז י י ן ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע און דעריבער דאַרף ער ניט מוירע האָבן, אַז זיין רעוואָליוציאָנערער קאַמף וועט מיטהעלפֿן דערדאָזיקער מאַפּאָלע.

לעניו האָט אָנגעוויזן, אַז דער רעוואָליוציאָנערער קלאַס דאַרף אין דער רעאַקציאָנערער מילכאָמע שטרעבן צו דער מאַפּאָלע פֿון זיין אייגענער רעגירונג.

„אויב דער סאָציאַליסט וועט אויספֿילן זיין כויוו באַ זיך אין לאַנד, — האָט געלערנט לעניו, — און וועט פֿירן דאָס לאַנד קעגן זיין אייגענער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג, דעמאָלט וועט די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בירגער־קריג. אָט דאָס דאַרפֿן מיר זיך דערשלאָגן“.

אַלס ערשטע שריט צום בירגער־קריג זיינען אָנגעמערקט געוואָרן אַזעלכע מאָסמיטלען: דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף שטימען קעגן מילכאָמע־קרעדיטן, מע דאַרף פֿאָדערן די סאָציאַליסטן זאָלן אַרויסטרעטן פֿון די בורזשואַזע רעגירונגען; ער דאַרף קעמפֿן קעגן דעם „פּאַטריאָטיזם“ (שאָוויניזם) אין זיין לאַנד, אין דערעמעסן טאַקע צערייסן מיט דער פּאָליטיק פֿון „בורג־פֿרידן“; שאַפֿן און פֿאַרפֿעסטיקן זיין אומלעגאַלע פּאַרטיי, שטיצן די ברידערונג פֿון די סאָלדאַטן אַפֿן פֿראָנט און ביכלאַל אונטערהאַלטן אַלע רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

בעניויגייע רוסלאַנד האָט אונדזער פּאַרטיי אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פֿון אַ דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע (דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אַכטשאָ:קער אַרבעטטאָג, קאָנפֿיסקירן די פּריצישע ערד). די פּאַרטיי האָט אָנגעוויזן, אַז רוסלאַנדס ניצאָכן אין דער מילכאָמע וועט אומפּאַרמיידלעך פֿאַרשטאַרקן דעם צאַריזם און די וועלט־רעאַקציע, איר מאַפּאָלע וועט דעריבער באַ יעדע באַדינגונגען זיין דאָס קלענסטע בייז.

אין רוסלאַנד גופֿע זיינען די באָלשעוויקעס געווען די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן דער מילכאָמע. אונדזערע באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן זיינען פֿאַר זייער אַרויסטרעטונג אין גייסט פֿון דער פּאַרטיי אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן אין סיביר.

ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקייטן, האָבן די קליינע אומלעגאַלע פּאַרטיי־קעמערלעך פֿאָרגעזעצט דעם קאַמף פֿאַר די רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען.

די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרייניקט די לינקע עלעמענטן אויך אין די אייראָפּעישע פּאַרטייען און האָבן אַף צוויי קאָנפֿערענצן פֿון די לינקע (אין צימערוואַלד און קינטאַל) געפּרוּווט דורכפֿירן זייער שטאַנדפּונקט. עמעס, די באָלשעוויקעס זיינען אַף די קאָנפֿערענצן געווען אין דער מינדערהייט, זיי האָבן אָבער געגעבן אַ געוויסן שטויס צו דער פֿאַרייניקונג פֿון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן.

דאָ איז, אַגעוו, באַהאַנדלט געוואָרן דער לאָזונג פון שאַפן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן ארויסגערוקט נאָך אין אָנהויב מילכאָמע.

דער קראַך פונעם II-טן אינטערנאַציאָנאַל

צום אָנהויב מילכאָמע זיינען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע און אַמעריקע געווען פאַראייניקט אינעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל.

אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן שוין לאַנג געקעמפט צוויי גרופן: רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן און אָפּאָרטוניסטן, ד. ה. יענע, וואָס האָבן דורכגעפירט די בורזשואַזע ווירקונג אַפן אַרבעטער-קלאַס.

די אָפּאָרטוניסטן (צום ביישפּיל, בערנשטיין און זיינע אָנהענגער) האָבן אָנשטאָט קלאַסן-קאַמף געפּרײדיקט די מיטאַרבעטערשאַפט פון קלאַסן; אָנשטאָט אַ רעוואָליוציאָנערע טאַקטיק האָבן זיי גערופן צו אַ פשאָרע מיט דער בורזשואַזיע, צו פרידלעכער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די אידייע פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און די לערע וועגן סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און האָבן געפּרײדיקט אַ פרידלעכן איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם.

פאַרוואָס איז אַנטשטאַנען דער אָפּאָרטוניזם?

אין אַלע הויפּט-לענדער האָט זיך צוליב דער עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניעס אויסגעטיילט אַ שיכט אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע, וואָס ווערט בעסער באַלוינט. זי איז דעריבער אויך פאַרינטערעסירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, זי האָט זיך דורכגעזאַפּט מיט אַ נאַציאָנאַליסטישן גייסט און האָט זיך פאַרבורזשואַזעוועט. כּוח דעם, זיינען אַסאַך אַרבעטער-„פירער" (באַזונדערס יענע, וואָס שטאַמען פון דער אינטעליגענץ און פאַרנעמען פּאָסטנס אין פּאַרלאַמענט, אין די פּראָפאַריינען, אין צייטונגען) אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע, וואָס פלעגט זיי דירעקט און אומדירעקט אונטערקויפן.

די אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע לעקט אָפּ אַ ביינדל פונעם אימפּעריאַליסטישן טיש, זי רייסט זיך אָפּ פון די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס ווערן אונטערדריקט דורכן קאַפּיטאַל, זי שליסט אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע קעגן די פּראָלעטאַרישע מאַסן און איז מאַקרעוו די גרונט-אינטערעסן פונעם אַרבעטער-קלאַס.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, זיינען אַט די אַלע אָפּאָרטוניסטן אַריבער אַף דער זייט פון דער בורזשואַזיע. דער באַהאַלטענער פאַראַט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם פאַראַט פון דער אַרבעטער-זאַך.

אַט די אַלע פאַרעטער האָבן אָנגעהויבן צו שטימען פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן, שטיצן די בורזשואַזע רעגירונג, באַזינגען די מילכאָמע, אַלס אַ באַ-

פרייוונג־מילכאָמע און אָנפאַלן אַף די אַרבעטער־רעוואָליוציאָנערן, ווי אַף פּאַ־רעטער און שפּיאָנען. די אָפּאָרטוניסטן האָבן אָנטייל גענומען אין די בורזשואַזע רעגירונגען אַלס מיניסטאָרן (וואַנדערוועלדע איז געוואָרן מיניסטער אין בעלגיע, טאָמא — אין פראַנקרייך). דערמיט גופע האָבן זיי באַשיימפּערלעך באַוויזן, אַז זיי זיינען ניט פאַר קלאַסן־קאַמף, נאָר פאַר קלאַסן־שאָלעם, פאַר אַן ענגן בונד צווישן פראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

א טייל סאָציאַליסטן־אָפּאָרטוניסטן האָט פאַרנומען אַ וואַקלדיקע פּאָזיציע (קאַוטסקי, לעמאַשל). מיטן מויל האָבן זיי פאַרטיידיקט דעם מאַרקסיזם און מיט מייסים האָבן זיי געשטיצט די אָפענע אָפּאָרטוניסטן. דידאָזיקע „צענ־טריסטן" (ד. ה. די, וואָס האָבן זיך געפונען אין צענטער צווישן די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן און די אָפּאָרטוניסטן) זיינען געווען נאָך שעדלע־כער איידער די אָפענע אָפּאָרטוניסטן.

קאַוטסקי, לעמאַשל, האָט פאַרגעלייגט אָפּהאַלטן זיך באַם שטימען די קרע־דיטן אַף מילכאָמע־הויצאָעס, — אין דער זעלבער צייט האָט ער גערופן דעם פראָלעטאַריאַט צו „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד" און געוואָלט דערוויזן, אַז דייטשלאַנד פירט אַ פאַרטיידיקונג־מילכאָמע. פאַר דער מילכאָמע האָט קאַוטסקי געשריבן אַ בוך וועגן דעם, אַז עס דערנעענטערט זיך די עפּאָכע פון רעוואָליוציע, און בעיים דער מילכאָמע פלעגט ער כוויזעק מאַכן פון יעדן רוף צו דירעקטע רעוואָליוציאָנערע מייסים.

די צענטריסטן האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון „יווישערדיקן שאָלעם". דאָס איז געווען אַ פאַשעטע הילף דער בורזשואַזיע, ווייל אַזאַ געדאַנק האָט געשאַפן אַ אילוזיע, אַז באַם קאַפּיטאַליזם זיינען קלוימערשט מעגלעך „יווישער־דיקע" באַציִונגען צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס.

די זעלבע צענטריסטן האָבן געטיינעט, אַז מע דאַרף פאַרגעסן אָן די פע־לערן פון יענע „פירער" פונעם פראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן בעיים דער מילכאָמע געשטיצט זייער בורזשואַזיע און זייער רעגירונג. זיי האָבן געוואָלט געבן אַ מין קעגנזייטיקע אַמניסטיע — אַלע האָבן דאָך זיך „טויע" געווען.

אַף ווערטער זיינען די צענטריסטן געווען קעגן דעם, די סאָציאַליסטן זאָלן אַריינטרעטן אין בורזשואַזן מיניסטעריום, אַף דערעמעסן אָבער האָבן זיי מיט זייער צווייפּענעמדיקער פּשאָרע־פּאָליטיק גערופן דעם אַרבעטער־קלאַס מאַסקים צו זיין מיטן דאָזיקן פאַראַט. מיט שיינע ווערטלעך האָבן די צענטריסטן צוגעדעקט די געמיינהייט פון די אָפּאָרטוניסטן, זיך געסטאַרעט אַלץ פאַרשמירן, פאַרטושן און צודעקן.

די מענשעוויקעס און טראָצקי

דאָסראָוו מענשעוויקעס (בעסויבעס פּלעכאַנאָוו) האָבן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג — שיצן דאָס פאָטערלאַנד (דערפון איז דער נאָמען — „באַשיצלער"). זיי האָבן געטייַנעט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קוידעמקאָל פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און ערשט דערנאָך, נאָכן ניצאָכן, מעג ער קלערן וועגן זיינע קלאַסן־אינטערעסן, וועגן רעוואָליוציע. זיי האָבן געוואָלט דערווייזן, אַז דער דייטשישער אימפּעריאַליזם איז דער סאַמע ערגסטער, און דעריבער מוז מען אים באַזיגן. זיי האָבן גערופן צו געמיינזאַמער אַרבעט מיט דער בורזשואַזיע—צו *קלאַסן־שאָלעם*.

אַנדערש גערעדט, זיי האָבן פּונקט אַזוי פאַראַטן די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי די אָפּאָרטוניסטן אין אַלע לענדער.

אייניקע פירער פון די מענשעוויקעס (מאַרטאָוו, טשכעידזע) האָבן ניט געשטיצט אָט דעם שטאַנדפּונקט, זיי האָבן אָבער ניט צעריסן מיט די „באַשיצלער". פּונקט ווי קאַוטסקי, זיינען זיי געווען „צענטריסטן", וואָס פאַרטושן די כעלוקעדייעס. זיי האָבן געזוכט אַ פּשאָרע און פאַקטיש געדינט אַלס צודעק פאַרן בורזשואַזן פּאַטריאָטיזם פון פּלעכאַנאָוו און אַנד.

פּונקט אַזאַ צענטריסטישע וואַקלדיקע פּאָזיציע האָט פאַרנומען אויך טראָצקי. אין טאָך איז ער אויך געווען אַ פּשאָרע־מאַכער. ער האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו רייסן מיט די „באַשיצלער". פאַרקערט, ער האָט זיך די גאַנצע צייט אַרויסגעזאָגט פאַר „אייַנהייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קויכעס". ער האָט שאַרף דערווידערט קעגן די באָלשעוויסטישע לאָזונגען פון בירגער־קריג, וועגן אַ מאַפּאָלע פון רוסלאַנד, וועגן שאַפן אַ נייעם, III־טן אינטערנאַציאָנאַל א. א. וו.

לענין האָט אַנטשלאָסן דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז די אופלעבונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף און די אויסבילדונג פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל איז מעגלעך בלויז דורך אַ *פולן איינרייס סיי מיט די אָפּאָרטוניסטן, סיי מיט די צענטריסטן*. דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט־לאָזונגען פונעם באָלשעוויזם.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פעוראַל־רעוואָליוציע, האָט לענין געזאָגט: קיין שום פאַרייניקונג מיט די סאָציאַל־פּאַטריאָטן אָדער מיט אַזעלכע וואַקלדיקע, ווי טראָצקי. מע דאַרף פאַרייניקן בלויז די אויסגעהאַלטענע רעוואָליוציאָנערן — אינטערנאַציאָנאַליסטן.

ניט געקוקט אַף אַלע פּאָליציייִשע רעדיפעס, האָט זיך די אומלעגאַלע אַרבעט פון אונדזער פּאַרטיי געפירט ווייטער און ניט אָן דערפאָלג.

די שטרייק־באַוועגונג האָט זיך אין די מילכאָמע־יאָרן ניט אָפּגעשטעלט. אין 1915 י. און אין דער ערשטער העלפט 1916 י. גייט אַ ריין עקאָנאָמישער

שטרייק־קאמף, וואָס איז אַרויסגערופֿן דורך דער פֿאַרקלענערונג פֿונעם רעאַלן אַרבעטס־לוין, דורך דער אַלגעמיינער פֿאַרערגערונג פֿון דער אַרבעטער־לאַגע. אין 1915 י. האָבן שוין 90 טויזנט פּראָלעטאַריער אָנטייל גענומען אין די פּאָליטישע שטרייקן.

אין 1915 י. האָבן אין די עקאָנאָמישע שטרייקן אָנטייל גענומען סאַכאַקל 360 טויזנט מאַן, אין 1916 י. צוויי מאָל מער — 638 טויזנט מאַן. פֿאַר די ערשטע צוויי כאַדאָשים פֿון 1917 י. — קימאַט 100 טויזנט מאַן, פֿאַר די זעלבע יאָרן (1915, 1916 און די ערשטע צוויי כאַדאָשים פֿון 1917 י.) האָבן אין פּאָ־ליטישע שטרייקן אָנטייל גענומען העכער אַ מיליאָן אַרבעטער, ד. ה. קימאַט אַזויפֿיל, וויפֿל עס האָבן אָנטייל גענומען אינעם עקאָנאָמישן קאַמף.

די כוואַליע פּאָליטישע שטרייקן האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט אין האַרבסט 1916 י. דאָס איז שוין געווען דער אָנהויב פֿון דער רעוואָליוציע. דער פּראָלעטאַריאַט האָט אויפֿגעהויבן זיין מאַזאָליסטן פֿויסט אַף צו צעשמעטערן די פֿאַרשאָלטענע זעלבסטהערשונג.

קאָנטראָל-פֿראַגן

1. וואָסערע קלאַסן־אינטערעסן האָבן געשטויסן די בורזשואַזיע צום בונד מיט די פּריצים און צאַרישער זעלבסטהערשונג?

2. פֿאַרוואָס זיינען דער פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום געווען פֿאַרינטערעסירט אינעם פֿולן ניצאָכן פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע?

3. פֿאַרוואָס האָבן די באָלשעוויקעס געהאַלטן, אַז אַ פֿולן ניצאָכן פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע קאָן זיכערן בלויז די רעוואָליוציאָנער־דע־מאָקראַטישע דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום?

4. וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבינדונג איז פֿאַראַן צווישן דער ליקווידאַטאָריי פֿון די מענשעוויקעס אין די רעאַקציע־יאָרן און זייער טאַקטיק אין דער רעוואָליוציע פֿון 1905 יאָר?

פּראַקטישע אופֿגאַבן

1. בעט עמעצן פֿון די אַקטיווע אָנטיילנעמער אין דער רעוואָליוציע פֿון 1905 יאָר, ער זאָל דערציילן וועגן דערדאָזיקער רעוואָליוציע. נוצט אויס דידאָזיקע זיכרוינעס צום לימעד וועגן דער ערשטער רעוואָליוציע.

2. מאַכט קלאָר אַפֿן ביישפּיל פֿון אייער פֿאַבריק, וואָסערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך דערשלאָגן אין רעזולטאַט פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע און וואָס פֿאַר אַ רעכט וואָלט דער פּראָלעטאַ־ריאַט ניט באַקומען, ווען עס וואָלט געזיגט בלויז די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעפּובליק. זאָגט אַרויס אייער מיינונג וועגן דעם אַפֿן לימעד.

ליטעראטור

1. לענין. „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע“. קאַפּ. „פונוואַנען דראָט דעם פּראָלעטאַריאַט אַ געפאַר אַרויסצוווייזן זיך מיט געבונדענע הענט אין דעם קאַמף מיט דער אומקאָנסעקווענטער בורזשואַזיע?“. ב. II, ט. 1 (יידישע אויסגאַבע. ז. ז. 154—157 ביז די ווערטער „אָט פאַרוואָס אונדזער...“ און ז. ז. 162—163, פון די ווערטער „און אַזאַ זיג...“ ביז די ווערטער „אַף וויפל אזא זיג...“

ג. לענין, — „די אגראר-פראגע און די קויכעס פון דער רעוואָליוציע“. ב. II, ט. 2 (יידישע אויסגאַבע), ז. 205 פון די ווערטער „ווען די ס.-ד. רופן אָן די איצטיקע רעוואָליוציע...“ ביז די ווערטער „באַ אונדז אין רוסלאַנד איז די בורזשואַזיע נאָך פאַכדאָנעסדיקער...“ אפן ז. 207.

קאַפּיטל X. דער קאַמף פאַר דער פּאַרטיי

די אָראַפּגעלייגענע... די אָרגאַניזירונג פון דער זעלבסטהערשאַפט. — די פּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס, — די פּאָזיציע פון כ׳ קאַמענעוו. — די פּאָזיציע פון די מענשעוויקעס. — די יולי-טעג און די קאָרנילאָוו־יאַדע. — די דיסקוסיע וועגן בריסקער שלום — לענינס פּאָזיציע. — אַנדערע טענדענצן פון די „לינקע קאָמוניסטן“. — טראָצקי וועגן די פּראָפּאַרייענען. — לענין וועגן די פּראָפּאַרייענען. — שליאַפּניקאָוס גרופּע. — דער בריוו פון די 46 און טראָצקיס אָרויסטרעטונג. — די פּאַרטיי וועגן דער אָפּאָזיציע. — „וואָס לערנט אונדז אָקטיאַבער“. — ערעוו דעם צוזאַמענפאָר. — די כּעלוקעדייעס אָפן צוזאַמענפאָר. — די אויסבילדונג פונעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. — די פּאַרטיי וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק. — די אומלעגאַלע אַרבעט. — די אָנשווינג-סיסטעם פון דער אָפּאָזיציע.

צום מאָמענט פון די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן פון 1917 י. האָט אונדזער פּאַרטיי שוין פאַרמאָגט פעסט געשלאָסענע מאַכנעם פּראָלעטאַריער, א שטאַרקן באָלשעוויסטישן שטאַב, א רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן אין דער ערשטער רעוואָלוציע און אין די ווײַטערדיקע יאָרן, און א גרויסע דערפאַרונג אין קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אין דער זאַך פון אָנפירן מיטן מאַסן-קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און פויערטום.

אינעם פּעריאָד פון צוגרייטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און נאָכן ניצחון איז געווען באַזונדערס וויכטיק אײַנצוהיטן די פעסטקייט און אייניקייט פון דער פּאַרטיי און ניט דערלויבן די אָפּאָרטוניסטן און די פראַזע-רעוואָלוציאָנערן אַראָפּצושלאָגן דעם פּראָלעטאַריאַט פונעם רעוואָלוציאָנערן וועג.

דעריבער באַקומט אינעם דאָזיקן פּעריאָד דער קאַמף אויף צוויי פראָנטן א באַזונדערע שאַרפקייט און אומבערעכנדיקייט.

פּאַרטייען וואָס רופן זיך אָן „סאָציאַליסטישע“ (מענשעוויקעס, עס-ערן, טראָצקיסטן), גייען צוביסלעכווײַז איבער אין לאַגער פון די אָפענע שׂונאים פונעם פּראָלעטאַריאַט און פאַראייניקן זיך אינגאַנצן מיט דער בורזשואַזיע.

די באָלשעוויסטישע שטאַנדהאַפטיקייט און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט זיכערן אונדזער פּאַרטיי אָן אידייִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט און פירן דעם פּראָלעטאַריאַט צום ניצחון.

1. אַף מאָרגן נאָכן פאַלן פון דער מאָנאַרכיע

די אָפּשלײדערונג פון דער זעלבסטהערשאַפט

די מילכאָמע האָט אַרױסגערופן אַ שאַרפן קריזיס אינעם לאַנד. די אינדוסטריע פלעגט בלײַבן שטײן איבערן מאַנגל אין רױװאַרג און הײצונג. עס האָט ניט גע־קלעקט קײן לאָקאָמאָטיװן און װאַגאָנעס. די לאַנדװירטשאַפט איז כאָרעװ געװאָרן. די מאַפּאָלעס אָפּן פראָנט האָבן ניט אױפגעהערט. די רעגירונג האָט באַװיזן איר פולע נישטיקײט, פאַרקויפטקײט און דעמאָראַליזירטקײט.

באַ אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען די דערנערונגס־אומרוען, װאָס האָבן אױס־געבראָכן אין לעניגראַד, באַלד אַריבער אין אַ רעװאָליוציאָנערן אױפשטאַנד. די סאָלדאַטן זײַנען אַריבער אַף דער זײַט פונעם פאָלק. אָן שום װידערשטאַנד איז די זעלבסטהערשונג געפאַלן, װי אַ קופּע מיסט.

אין לאַנד איז באַשאַפן געװאָרן די צײַטװײַליקע בורזשואזע רעגירונג און גלײַכ־צײַטיק איז אַנטשטאַנען דער סאָװעט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן.

פאַרװאָס איז די צאַרישע מאָנאַרכיע, װאָס האָט זיך געהאַלטן הונדערטער יאָרן, צעפאַלן געװאָרן אין משך פון עטלעכע טעג?

פריער פאַר אַלץ דאַרף מען דערמאָנען, אַז די ערשטע רעװאָליוציע פון יאָר 1905 האָט צוגעגרײט דעם באָדן פאַר דער פעװראַל־רעװאָליוציע אין יאָר 1917, זי האָט אַרײַנגעצױגן אין פּאָליטישן קאַמף צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער און פױערים, זי האָט קלאָר געמאַכט די פּאָזיציעס פון אַלע קלאַסן. אַחוץ דעם האָט די רעװאָליוציע פונעם יאָר 1905 און די רעאַקציע־עפּאָכע „אױפגעדעקט דעם גאַנצן מאָך פון דער צאַרישער מאָנאַרכיע, דערפירט זי ביזן לעצטן ראַנד, אױפגעדעקט איר גאַנצע צעפוילטקײט, געמײנלישקײט, דעם גאַנצן ציניזם און צעלאָזנקײט פון דער צאַרישער קליקע מיטן װוּנדערלעכן ראַספּוטין בעראָש, די גאַנצע אַכזאָריש־קײט פון דער פאַמיליע — ראָמאַנאָװ". (לענין).

די צװײטע סיבע פונעם ניצחון צאַריזם איז די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, װעלכע האָט דערפירט דאָס לאַנד ביזן גרעסטן חורבן, פאַרשאַרפט דעם קלאַסן־קאַמף, אונטערגעריסן אינגאַנצן דעם אױטאָריטעט פון דער צאַרישער אימפּעריע. די מאַפּאָלעס אָפּן פראָנט האָבן אונטערגעריסן דעם גאַנצן רעגירונגס־מעכאַניזם, אױפגערײצט קעגן אים אַפילע יענע קלאַסן, װאָס האָבן פאַרטײדיקט די מילכאָמע.

דריטנס, האבן מיטגעהאלטן דער פאלונג פונעם צאריזם אויך די ענגלישע און פראנצויזישע אימפעריאליסטן, וועלכע האבן געשטויסן מיליוקאוון, גוטשקאוון עט קאמפ. צו פארטאגן די מאכט און פארזעצן די אימפעריאליסטישע מילכאמע.

די פאזיציע פון די באלשעוויקעס

די געשעענישן פון 1917 י. האבן פולקום באשטעטיקט לעניגס לערע וועגן דער ענגער פארבינדונג צווישן דער בורזשואזי=דעמאקראטישער און פראלעטא=רישער סאציאליסטישער רעוואליוציע, וועגן דעם אריבערוואקסן פון איינער אין דער צווייטער.

לענין האט שפעטער אזוי כאראקטעריזירט דעם שטאנדפונקט פון באל=שעוויזם אין מאמענט פון דער פעווראל=רעוואליוציע:

„צוערשט צוזאמען מיטן „גאנצן" פויערטום קעגן דער מאנארכיע, קעגן די פריצים, קעגן דער מיטלעלטערלעכקייט (און אף אזויפיל איז די רעוואליוציע א בורזשואזע, א בורזשואזי=דעמאקראטישע). הערנאך צוזאמען מיטן ארעמסטן פויערטום, צוזאמען מיט די האלב=פראלעטאריער, צוזאמען מיט אלע עקספלואטירטע קעגן קאפיטאליזם, דערין אויך קעגן די דארפישע נגידים, באלעגופים, ספעקוליאנטן, און אף אזויפיל ווערט די רעוואליוציע א סאציאליסטישע. פרווון שאפן א קינסטלעכע כינעזישע וואנט צווישן דער ערשטער און דער צווייטער, אפטיילן איינע פון דער צווייטער מיט עפעס אנדע=רעס, אויסער דעם גראד פון צוגעגרייטקייט פונעם פראלעטאריאט און דעם גראד פון זיין פאראייניקונג מיט דער דארפישער ארעמשאפט, איז די גרעסטע פארקריפלונג פון מארקסיזם, דאס הייסט מאכן אים באנאל, פארביטן אים אף ליבעראליזם".

פון אט דער גרונט=פאזיציע האט דער באלשעוויזם אפגעשאצט אויך די לאגע נאך דער פעווראל=רעוואליוציע. אין וואס איז באשטאנען דער טאך פון דער פעווראל=רעוואליוציע? דערין, וואס די מאכט איז אריבער פונעם פריציש=הווריאנישן קלאס מיט די ראמאנאווס בעראש אין די הענט פון א נייעם קלאס — דער בורזשואזיע. דער איבערגאנג פון דער מאכט אין די הענט פון א נייעם קלאס — אט איז דער ערשטער הויפט=סימען פון א רעוואליוציע. אין דעם זינען האט פעווראל פארענדיקט די בורזשואזע רעוואליוציע.

לענין האט געהאלטן, אז די ספעציפישקייט פון מאמענט באשטייט דערין, וואס די רעוואליוציע גייט אריבער פונעם ערשטן עטאפ, וועלכער האט געגעבן דער בורזשואזיע די מאכט, צום צווייטן עטאפ, ווען די מאכט מוז באקומען דער פראלעטאריאט און דאס ארעמסטע פויערטום.

די אייגנאַרטיקייט באַשטייט אין דער עקזיסטענץ פון צוויי מאַכטן.

גלייכצייטיק מיט דער בורזשואַזער רעגירונג — דער צייטווייליקער רעגירונג — איז אנטשטאַנען א צוגאָב-רעגירונג — דער ראַט פון ארבעטער און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן. די ערשטע האָט געהאַט אין אירע הענט אַלע מאַכט-אָרגאַנען, די צווייטע האָט געהאַט די פאַקטישע מאַכט, זי האָט זיך געשטיצט אַף די באַוואָפנטע מאַסן ארבעטער און פּויערים.

די סאָוועטן, וואָס זיינען אנטשטאַנען נאָך פעוראַל, זיינען אין טאָג געווען די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, וועגן וועלכער לענין האָט נאָך גערעדט אין 1905 י. די סאָוועטן האָבן אָבער ניט געהאַט די גאַנצע מאַכט, זיי האָבן פרייוויליק איבערגעגעבן די מאַכט דער בורזשואַזיע און האָבן זיך מיטכאַיעוו געווען צו שטיצן זי.

אזוי האָט זיך די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע אייגנאַרטיק איבערגעפלאָכטן מיט דער רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום.

אַזאַ לאַגע איז געשאַפן געוואָרן דערפאַר, ווייל די קליינבירגערלעכע סטיכיע האָט מיט איר צאָל פאַרפלייצט די פּראָלעטאַרישע מאַסן און האָט זיי אונטערגעוואָרפן אונטער איר אידעאָלאָגיע. די הויפּט-ראָלע האָבן אין סאָוועט געשפּילט די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אַ בונד מיט דער בורזשואַזיע. די צייטווייליקע רעגירונג האָט אויסגענוצט דיזאַזיקע לאַגע אַף צו פאַרפעסטיקן איר פּאָליטיק דורך די סאָוועטן.

דער שווערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, די אומשטענדן, וואָס די מילכאָמע האָט באַשאַפן, די ווידערשפּרוכן פונעם וועלט-אימפּעריאַליזם האָבן געפירט דערצו, אַז ס'איז געבליבן בלויז איין אויסוועג: איבערגיין פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע צו א פּראָלעטאַרישער. בלויז גייענדיק פאָרויס, דורכפירנדיק די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט מען געקענט אנגעוורכע לייזן אויך די פּראָבלעמען פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע וועלכע זיינען דורך דער פעוראַלער רעוואָליוציע ניט געלייזט געוואָרן, — אין דער ערשטער ריי די אויפגאַבע פון אָפּשאַפן דעם פּריצישן ערד-באַזיץ. דעריבער האָט לענין אין טאָג פון זיין קומען קיין פּעטראָגראַד ארויסגערוקט דעם לאָזונג: „זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע“.

לויט לענינס מיינונג איז די הויפּט-אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי באַשטאַנען דערין, מיר זאָלן מיט די אַלגעמיינע קויכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און אָרעמסטן פּויערטום אראָפּשלייערן די בורזשואַזע מאַכט און גיין צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, צו דער סאָוועטן-רעפּובליק.

דעראָזיקער שטאַנדפּונקט האָט דיקטירט אויך די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי

מע האָט זיך געדאַרפט אָפּזאָגן אויך צו שטיצן אַף אַ וועלכן עס איז אויפן די ציטוויליקע רעגירונג. דאָס איז אַ בורזשואזע, אימפּעריאַליסטישע רעגירונג, וואָס שטרעבט פאָרצוזעצן די רויבערישע מילכאָמע.

מע דאַרף זיך אָנטשלאָסן און פולקום אָפּגרענעצן פון די מענשעוויקעס און עסערן — דידאָזיקע אַגענטן פון דער בורזשואזער רעגירונג.

מע האָט באַדאַרפט פירן אַן אַקשאָנעסדיקע גערולדיקע אויפקלערונגס־אַרבעט, קעדיי אָפּצוּווייסן די מאַסע פּראָלעטאַריער און פּויערים פון די סאָציאַל־פאַרעטער. מע האָט געדאַרפט דערקלערן די מאַסן, אַז בלויז דער איבערגאַנג פון דער מאַכט צו די סאָוועטן וועט פאַרזיכערן שאָלעם, ברויט און פרייהייט.

מע האָט באַדאַרפט ביסלעכווייז אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ זעלבשטענדיקע קלאַסן־קראַפט און זאַמלען אַרום אים דאָס אָרעמסטע פּויערטום. מע האָט געדאַרפט אָפּקעמפן בא די עסערן די אָנפירונג מיט דער פּויערשער רעוואָליוציע קעגן די פּריצים. מע האָט געדאַרפט גערולדיק און אַקשאָנעסדיק דעראָבערן די סאָוועטן, קעדיי צו פאַרוואַנדלען זיי אין אָרגאַנען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

די באָלשעוויקעס האָבן געקעמפט קעגן דער מילכאָמע, גערופן צו ברידערן זיך אַפן פראָנט און אָנגעוויזן, אַז בלויז דורך איין וועג קען מען ענדיקן די מילכאָמע — דורך איבערגאַנג פון דער גאַנצער מאַכט צום פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די מילכאָמע איז אַ פּועליוויצע פון דער גאַנצער אימפּעריאַליסטישער סיסטעם, אַז אַרויסשפּרינגען פון דער מילכאָמע קאָן מען בלויז אַראָפּשלײדערנדיק די מאַכט פון קאַפּיטאַל.

קאַמעניעווס פּאָזיציע

לעגינס פּאָזיציע איז ניט מיטאָמאָל אָנערקענט געוואָרן אַפילע אין די רייען פון די באָלשעוויקעס גופע. אַסאַך אָנגעזעענע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן אין אַ ריי פּונקטן ניט מאַסקים געווען מיט לעגינען. מער פון אַלעמען האָט דערווידערט קעגן לעגינס שטעלונג כ׳ קאַמעניעוו.

קאַמעניעוו האָט קוידעמקאָל געהאַלטן, אַז לעגין איז אומגערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די בורזשואזע רעוואָליוציע האָט זיך שוין פאַרענדיקט און הויבט שוין אָן אַריבערגיין אין אַ סאָציאַליסטישער. ער האָט געהאַלטן, אַז לעגין שאַצט איבער די פאָרגעקומענע געשעענישן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז פאַרענדיקן די בורזשואזע רעוואָליוציע, ד. ה. אויספילן אירע אויפגאַבן איז מעגלעך דורכן שאַפן די דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, אָבער קלאָל ניט דורך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, וועלכע וועט די אויפגאַבן, וואָס

זייגען ניט געלייזט געוואָרן דורך דער בורזשואזער רעוואָליוציע, לייזן אנגעווורבעדיק, קעלאָבאָיאָר.

קאַמעניעוו האָט ניט געזען, אַז די רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום איז שוין געשאַפן געוואָרן פון פעברואַר אָן אין דער פאָרם פון סאָוועטן, אין אַן *אײגנאַרטיקער* פאָרם פון א צווייענדיקער מאַכט — די צייטווייליקע רעגירונג און די ראַטן.

שטייענדיק אַף אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט ווי לענין, האָט קאַמעניעוו פאָרגעלייגט אויך אַן אַנדער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי.

קאַמעניעוו האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַף אַ באַשטימטן אויפן שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג. ער האָט אַרויסגערוקט די אידייע וועגן קאָנטראָל פון די סאָוועטן איבער דער צייטווייליקער רעגירונג. לענין האָט אָנגעוויזן, אַז אַזאַ קאָנטראָל וועט זיין בלויז אַף פּאַפּיר, ווייל דער מעלוכע-אַפּאַראַט געפינט זיך אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. מיט רעזאָליוציעס קאָנטראָלירט מען ניט.

קאַמעניעוו האָט געהאַלטן, אַז מען מעג שליסן באַשטימטע אָפּמאַכן מיט די מענשעוויקעס און עסערן, וועלכע האָבן געפירט אַ פּאָליטיק פון שטיצן די בורזשואַזיע. און לענין האָט געהאַלטן דיזאָזיקע פּאַרטייען פאַר די שעדלעכסטע סאָנים פון דער רעוואָליוציע.

קאַמעניעוו האָט פאָרגעלייגט זיך ווענדן צו דער צייטווייליקער רעגירונג מיט א פאָרשלאָג צו פאַרענדיקן די מילכאָמע. פאַר מיליוקאָוון און גוטשקאָוון איז דאָך אָבער די פאָרזעצונג פון דער מילכאָמע געווען א באַדינג צו פאַרהיטן די מאַכט. ווענדן זיך צו א בורזשואַזער רעגירונג מיט אַזעלכע פאָרשלאָגן האָט געהייסן בלויז אָפּנאַרן דאָס פאָלק.

אַזוי האָט קאַמעניעוו אין אַ רײ פראַגן פאַרנומען אַ ניט-לענינישע ליניע, פאַקטיש א *מענשעוויסטישע* פּאָזיציע. ער האָט ניט דערשאַצט די קויכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט און די באַדייטונג פון דער דאָרפישער אָרעמקייט פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. ער האָט אַף א מענשעוויסטישן אויפן אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון אַ העסקעם צווישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט, און דעם מיטעלן פּויערטום.

קאַמעניעווס פּאָזיציע, וועלכע עס האָבן אין אַסאַך פּראַטים געשטיצט כ׳ ריקאָוו אַ. אַ. האָט אָפּגעשפּיגלט די ווירקונג פון די קלייןבירגערלעכע שיכטן אַף די רייען פון אונדזער פּאַרטיי.

2. די צעפאַלונג פון דער סאָציאַל-באַשיצלערײַ

די פּאָזיציע פון די מענשעוויקעס

פונקט ווי אין פעריאָד פון רעאַקציע האָבן בא די מענשעוויקעס דעם הויפּטשטאָט געגעבן די סאַמע רעכטע עלעמענטן — די ליקווידאַטאָרס, אַזוי האָבן אַצינד דאָרט באַלעבאַטעוועט די באַשיצלער, ד. ה. יענע, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק פאַרצוזעצן די מילכאָמע און שטיצן די בורזשואַזע רעגירונג.

די עסערן זיינען געשטאַנען אַף דער זעלבער פּאָזיציע (אַכוץ איין קליינעם טייל, שפּעטער האָבן זיי זיך גערופן „לינקע עסערן"). דידאָזיקע ביידע פּאַרטייען זיינען געווען די רעדלפירער אינעם פּעטערבורגער און מאָסקווער סאָוועט און אין אַלע פּראָווינציעלע סאָוועטן.

אַט די ביידע פּאַרטייען האָבן אויסגעדריקט די אינטערעסן פון דער קליין-בורזשואַזיע און אַרויסגעוויזן די בורזשואַזע ווירקונג אַפן אַרבעטער-קלאַס.

פּראַקטיש האָבן די מענשעוויקעס און עסערן גערופן די סאָוועטן אין אַלץ צו שטיצן די בורזשואַזע צייטווייליקע רעגירונג. זיי האָבן פּאַקטיש מיטגעהאָלפן דורכצופירן יענע העגעמאָניע פון דער בורזשואַזיע, וואָס זיי האָבן געפּרייִדיקט נאָך בעיים דער ערשטער רעוואָליוציע.

זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַנטאַזיע אַלע געשפּרעכן וועגן דער נאָענטקייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז פירן די מילכאָמע ווייטער, קלוימערשט, אין די אינטערעסן פון דער רעוואָליוציע.

אַנדערש גערעדט, ביידע פּאַרטייען זיינען געווען פּאַשעטע מעשאָרסים בא דער בורזשואַזיע.

קעדיי צו קעמפן קעגן דער בורזשואַזער רעגירונג, האָט מען באַדאַרפט דעמאַסקירן אַט די אונטערלעקער, וואָס נאַרן אַפ דעם אַרבעטער-קלאַס. קעגן זיי האָט מען באַדאַרפט אַרויסטרעטן באַזונדערס שאַרף, ווייל נאָך זיי זיינען געגאַנגען אַ טייל אַרבעטער.

ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די צייטווייליקע רעגירונג, איז דער אַדוואָקאַט קערענסקי, אַן עס-ער, אַריינגעטראָטן אין דער רעגירונג אַלס יוסטיץ-מיניסטער.

די בורזשואַזיע האָט אַזוי אַרום באַקומען אין די הענט אַן איינעם סאָציאַליסט, וואָס קען פלאַפּלען מיטן צונג און פאַרטיידיקן די צייטווייליקע רעגירונג פאַר די ברייטע מאַסן. מיט אייניקע כאָדאָשים שפּעטער האָבן די מענשעוויקעס און עסערן באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָאַליציע און זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רעגירונג צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע (צערעטעלי, טשערנאָוו א. א.).

די יולי-טעג און די קארנילאוויאדע

די צייטווייליקע רעגירונג האט מיט דער הילף פון די מענשעוויקעס און עסערן געפירט ווייטער די פאליטיק, וואס האט אלץ מער און מער געשטויסן דאס לאנד אין אפגרונט. די מילכאמע האט זיך געצויגן און האט אלץ פאר-ערגערט די ווירטשאפטלעכע לאגע. דאס באזארגן די שטעט מיט ברויט האט זיך אלץ פארערגערט. די ערד-פראגע איז לאכלוטן ניט געלייזט געווארן און דאס פויערטום האט געפאדערט ערד און שאלעם. דאס פויערטום האט געהאלטן, און די פעברואר-רעוואליוציע דארף מאכן א סאף צו דער מילכאמע און איבער-געבן די פריצישע ערד. אין דארף האבן זיך געשאפן ראטן. דארט האט זיך געפירט א קאמף פאר ערד, ס'האבן זיך געהערט לאזונגען: „נידער מיט דער מילכאמע".

אבער די צייטווייליקע רעגירונג האט אף קיין האר ניט צופרידן געשטעלט די גרונט-מאסן פונעם פויערטום. די אומצופרידנקייט פון די ארבעטער אין די שטעט איז אויך געשטיגן.

דעם 3—5 יולי זייגען אין פעטראגראד פארגעקומען גראנדיעזע דעמאנסטראציעס פון באלשעוויסטיש געשטימטע ארבעטער, מאטראסן און סאלדאטן. עס



די יולי-טעג אין פעטראגראד

האָבן זיך געהערט שמועס, אַז ס'איז שוין צייט אָפּצושליידערן די צייטווייליקע רעגירונג, אָבער אונדזער פּאַרטיי האָט נאָך דאַן ניט געהאַלטן, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַן אַנטשיידענעם שלאַכט.

די יולי=טעג האָבן געדינט דער שוואַרצמייעדיקער מיליטער=קליקע, וועלכע איז געשטיצט געוואָרן דורך די סאָציאַל=פאַרעטער, פאַר אַן אויסרייד, קעדיי אָנהייבן צעגראָמירן די באָלשעוויקעס. די „פּראַוודאַ“ איז פאַרמאַכט געוואָרן. עס איז אַרויס אַ באַפעל וועגן אַרעסטירן לענינען, זינאָוויעוון א. א. דער פּראָקוראָר האָט מיט דער הילף פון שפּיאָן יערמאָלענקאָ, דעם סאָציאַל=פאַרעטער אַלעקסינסקי און אַנדערע לייט פאַבריצירט אַן איניען וועגן „לעניגם פאַראַט“, וועגן זייער קלוימערשטיקער „שפּיאָנעריי לעטויוועס דייטשלאַנד“.

אין אָט דעם מאָמענט האָבן די באָלשעוויקעס צוזאַמענגערופן דעם VI=טן צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז נאָך די יולער טעג איז פאַר דער רעוואָליוציע געקומען אַן *איבערבראָך=מאָמענט*. די מעלוכע=מאַכט האָט זיך פאַקטיש אַרויסגעוויזן אין די הענט פון דער קאָנטר=רעוואָליוציע. אַ פרידלעכער איבערגאַנג פון דער מאַכט צו די סאָוועטן איז שוין געוואָרן *אוממעגלעך*. מע האָט געמוזט אינגאַנצן ליקווידירן די בורזשואַזע דיקטאַטור, דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף מיט דער הילף פונעם אָרעמסטן פּויערטום דערלאַנגען אָט דעם אַנטשיידנדיקן קלאַפּ.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעמערקט אַ ריי מאָסמיטלען אויף *צוגרייטן דאָס פאַרכאַפּן די מאַכט* דורכן פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע איז געשטעלט געוואָרן אין טאָג=סדר פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי. סטאַלין האָט אויפן צוזאַמענפאָר געזאָגט, אַז עפּשער גראָד רוסלאַנד וועט, מעגלעך, ווערן דאָס לאַנד, ווו עס וועט זיך אָנהייבן די סאָציאַליסטישע בויונג.

קערענסקי איז אין יענער צייט געוואָרן פּרעמיער=מיניסטער. ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו באַהעפטן און פאַרפעסטיקן די בורזשואַזע עלעמענטן פון לאַנד קעגן דעם באָלשעוויזם.

די שוואַרצמייעדיקע גענעראַלן מיט קאַלעדינען און קאָרנילאָוון בעראָש האָבן זיך אָרגאַניזירט, קעדיי צו שאַפן אַ מיליטערישע דיקטאַטור.

סאָף אויגוסט האָט קאָרנילאָוו באַשלאָסן אַריבערצוגיין פון ווערטער צו מאַיסים. ער האָט געשיקט אין פּעטערבורג קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע מיליטער מיטן ציל צו צעטרייבן די סאָוועטן און אַנטוואָפענען די באָלשעוויסטיש=געשטימטע מיליטער=טיילן.

די רעוואָליוציאָנערע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט האָבן אָבער ניט געלאָזט פאַר=ווירקלעכן דעמדאָזיקן פּלאַן. קאָרנילאָווס איבערקערעניש האָט זיך ניט איינ=

די קאָרנילאָוו־טעג, ווען קערענסקי האָט געשפּילט אַ צווייפּנעמדיקע ראָליע, האָבן ענדגילטיק באַוויזן, אַז דער מאָמענט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נעמען די מאַכט, דערנעענטערט זיך.

דער יאָקרעס, די פאַרערגערונג פון פּראָדוקטן־באַזאָרגונג, די לאָקאָוטן, דער חורבן, — דאָס אַלץ האָט רעוואָליוציאָניזירט די אַרבעטער און געשטויסן זיי צו די באָלשעוויקעס. די אַרמיי איז געווען ניט צעפרידן, וואָס די מילכאָמע פאַרציט זיך, און האָט אָפן געפאָדערט שאָלעם. די סאָלדאַטן זייַנען געלאָפן פון פראָנט.

די פּויערשע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין סאָף מאַרט — אָנהויב אַפּריל, איז נאָך די יולער טעג שטורמיש פאַרנאַנדערגעוויקלט געוואָרן. אין אַפּריל האָט די פּויערשע באַוועגונג אַרומגעכאַפּט 174 אויעזדן, אין מיי — 236, אין יולי — 325 אויעזדן.



סמאָלנע אין אָקטיאַבער 1917

אין אַווגוסט — סעפּטיאַבער האָט די אַגראַר־באַוועגונג אָנגעהויבן איבערוואַקסן אין אַן אַ ג ר אַ ר ־ ר ע וו אָ ל י וצ י ע.

די סאָציאַל־פּאַרטייען (מענשעוויקעס און עסערן) האָבן אַלץ מער פאַרלאָרן דעם צוטרוי פון די מאַסן.

ניט געקוקט אַף אַלע רעדיפעס, האָבן די אידייען פון באָלשעוויזם באַקומען אַלץ מער און מער אָנהענגער. אַף דער שווערער פּראַקטיק פונעם יוליער אָנגריף,

פון די יוליער טעג, פון דער קאָרנילאָוויאַדע האָבן זיך די מאַסן איבערצייגט, אַז די ציישווייליקע רעגירונג קאָן שוין ניט געבן ניט קיין ברויט, ניט קיין שאָלעם, ניט קיין פרייהייט. די באַשיצלער האָבן מיטעם באַנקראָטירט פאַרן גאַנצן לאַנד.

אונדזער פאַרטיי האָט געשטעלט אין טאָג-סיידער די פראַגע וועגן באַוואָפנטן אופשטאַנד און פאַרכאַפּן די מאַכט, קעדיי דורכצופירן די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע.

אין אָט-דער צייט זיינען קאַמעניעוו און זינאָוויעוו שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער גאַנצער פאַרטיי מיטן צ"ק און זיינען אפילע דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער פיינטלעכער צו אונדז פרעסע אַ בריוו קעגן די באַשלוסן פון דער פאַרטיי.

לענין האָט דעמדאָזיקן שריט דערקלערט פאַר שטרייק-ברעכעריי און האָט געפאָדערט מ'זאָל ביידן אויסשליסן פון דער פאַרטיי. די פאַרטיי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געלייגט קיין אכט אַף די געשרייען פון דיזאָזיקע וואַקלדיקע כאַוויירים, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פאַניק, און האָט, אַנטשיידן איזאָלירנדיק זיי, געוווּנען דעם ניצאָכן פון אָקטיאַבער.

3. דער קאַמף איבערן בריסקער שאָלעם

די דיסקוסיע וועגן בריסקער שאָלעם

די גרעסטע און סאַמע ערנסטע מיינונגס-פאַרשיידנקייטן אין אונדזער פאַרטיי אינעם ערשטן יאָר נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע זיינען געווען די שטרייטן וועגן דעם בריסקער שאָלעם. קעגן דער פאַרטיי-מערהייט זיינען דעמאָלט אַרויסגעטראָטן טראָצקי און אַ גרופּע „לינקע קאָמוניסטן" (בוכאַרין, פּיאַטאַקאָוו, ראַדעק און אַנד.).

אין יענעם פעריאָד האָט אונדזער פאַרטיי געמוזט אָנקומען צו דער ט אַ ק - ט י ק פ ו ן צ ו ר י ק ט ר י ט. דער פרוּוו צו ווירקן אַף אַלע מילכאָמע-פירנדיקע מעלוכעס אָנצוהייבן אַלגעמיינע שאָלעם-אונטערהאַנדלונגען האָט זיך געענדיקט מיט גאָרניט. דעמאָלט האָבן מיר פאָרגעלייגט דייטשלאַנד אָנצוהייבן מיט אונדז אונטערהאַנדלונגען וועגן שליסן שאָלעם.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן. בעיים דיזאָזיקע אונטערהאַנדלונגען איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער קריזיס אין דער פאַרטיי. פאַר אונדז זיינען געווען דריי מעגלעכקייטן: 1) שליסן אַ שאָלעם מיטן אימפּעריאַליסטישן דייטשלאַנד, גייענדיק אפילע אַף געוויסע האַנאָכעס, 2) ניט שליסן קיין שאָלעם, נאָר אָנהייבן אַ רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע קעגן דייטשלאַנד, אויסרעכענענדיק אַף דעם, אַז איינגיכן וועט פאָרקומען אַ רעוואָליוציע אפן מיירעוו און, באַזונדערס, אַף

דעם, אז דער דייטשישער פּראָלעטאַריאַט וועט אונדז אונטערשטיצן, 3) קיין שאָלעם ניט אונטערשרייבן און קיין מילכאָמע ניט פירן, ד. ה. פאַרנעמען א מיטל-פּאָזיציע, אין טאָך גענומען, פון א ריין דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער.

די אַלגעמיינע לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אונדזער פּאַרטיי האָט געמוזט דורכפירן אַ טאַקטיק פון צוריקטריט פאַר אַ סוינע, וואָס איז געווען שטאַרקער פאַר אונדז.

דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע „לינקע“ קאָמוניסטן בעראָש מיט בוכאַרינען, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַלס פאַרברענטער קעגנער פונעם שאָלעם. זיי האָבן געטאַינעט, אַז דאָס שליסן אַ שאָלעם צווישן דער ראַטן-רעפּובליק און דער דייטשישער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג וועט אַרונטעררייסן די גאַנצע באַדייטונג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע. דער שאָלעם וועט שטאַרק מאַכן דייטשלאַנד, וועט טאָרמאָזירן די וועלט-רעוואָליוציע, וועט שטערן דעם קאַמף פונעם דייטשישן פּראָלעטאַריאַט. אַ רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע אָבער וועט געבן אַ דירעקטן שטויס דער דייטשישער רעוואָליוציע.

טראָצקי האָט פאַרנומען אַ מיטלסטע פּאָזיציע — ניט אַהער, ניט אַהין, ניט קיין שאָלעם, ניט קיין מילכאָמע. ער האָט, אין טאָך גענומען, פאָרגעלייגט צו מאַכן אַ שיינעם זשעסט און פאַרלאָזן זיך אויפן באַראָט פון די זיגער.

ווען אין צ״ק האָט, טראָץ לענינען, גענומען די אויבערהאַנט דיזאָזיקע ליניע און מיר האָבן געמאָלדן די דייטשן, אַז מיר דעמאָביליזירן אונדזער אַרמיי, די מילכאָמע הערן מיר אויף, נאָר קיין שאָלעם ווילן מיר ניט, איז די דייטשישע קאָמאַנדירונג טייקעף אַוועק אין אַן אָנגריף אויף פּעטערבורג. לויט לענינס אַקשאָנעסדיקע פאָדערונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן די טראָצקיסטישע פּאָליטיק פון הויכע רעוואָליוציאָנערע פראַזן און מיר האָבן מאַסקים געווען אויף די שאָלעם-באַדינגונגען, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין בריסק. מע מוז זאָגן, אַז די טראָצקיסטישע טאַקטיק האָט אונדז גאַנץ טייער געקאָסט, ווייל די באַדינגונגען, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעשטעלט בא די נייע אונטערהאַנדלונגען, זיינען געווען אַסאַך ערגערע, איידער די, אויף וועלכע זיי האָבן פריער מאַסקים געווען.

לענינס פּאָזיציע

אין וואָס איז באַשטאַנען דער טאַם פון די „לינקע קאָמוניסטן“ און פון טראָצקין. קודעמקאָל האָבן זיי ניט גענומען אין אַכט די שטימונג פונעם פּויערטום (דערדאָזיקער טאַם האָט זיך שטענדיק איבערגעכאַזערט בא טראָצקין). לענין האָט געטאַינעט: „דער פּויער וויל ניט קיין מילכאָמע און וועט ניט גיין אויף מילכאָמע“. דאָס לאַנד איז מיד געוואָרן פון דער מילכאָמע. די אַרמיי צעלויפט זיך. דער פּויער האָט באַקומען געזעצן וועגן דער ערד, ער האָט

נאָך אָבער ניט געהאַט קיין איין זומער אַז די מילכאָמע-אָפּקומענישן. אונדזער פּאַרטיי איז מעכויעוו צו רעכענען זיך מיט דער שטרעבונג פון די פּויערים און פון די אַרבעטער צו שאָלעם.

צווייטנס, דאַפּקע צוליב דעם דערפאָלג פון דער וועלט-רעוואָליוציע איז וויכטיק צו שליסן שאָלעם, ווייל דערמיט ווערט איינגעהיט די ערשטע סאָציאַליסטישע רעפּובליק און מיר באַקומען אַן אָטעם-איבערכאַפּ, קעדיי ווייטער צו פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער ביישפּיל פון רוסלאַנד, וואָס האָט באַ זיך באַזיגט די בורזשואַזיע, וועט שטויסן די וועלט-רעוואָליוציע. אויב מיר וועלן אָנהויבן אַ מילכאָמע — וועלן מיר צעשלאָגן ווערן, און דער וועלט-קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט וועט באַקומען אַ שווערן קלאַפּ.

דריטנס, די שמועסן וועגן פירן אַ רעוואָליוציאָנערע מילכאָמע זיינען אַ פּוסטע פראַזן, ווייל באַ אונדז איז ניטאָ קיין אַרמיי, ניטאָ קיין מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, ניטאָ קיין קרעפטן פאַר אַ נייער מילכאָמע. פאַרשטייט זיך, אַז די בורזשואַזיע וועט גיך אָנהויבן אַ מילכאָמע קעגן דער ראַטן-רעפּובליק, אָבער, אַז מיר וועלן באַקומען אַן אָטעם-איבערכאַפּ, וועלן מיר זיין אימשטאַנד צוצוגרייטן זיך, שאַפן אַ נייע רעוואָליוציאָנערע רויטע אַרמיי און זיך פאַרטיידיקן. אויב מיר האָבן איצט ניט קיין קרעפטן, דאַרף מע דערין אָפן זיך מוידע זיין און גיין אַף אַ צוריקטריט, אַף האַנאָכעס, אַפן שווערסטן שאָלעם און האָבן אין זינען, אַז בלויז דערהאַזיקער צוריקטריט וועט ראַטעווען די רעוואָליוציע. אַ רעוואָליוציע אין דייטשלאַנד איז אומפאַרמיידלעך און דער שאָלעם, וואָס מיר שליסן, וועט סיי ווי סיי גיך באָטל ווערן.

„יעטווידער ערנסטער פּויער און אַרבעטער וועט האַלטן, אַז איך בין גערעכט, ווייל זיי פאַרשטייען, אַז דער שאָלעם איז אַ מיטל אַף אָנזאַמלען קרעפטן. די געשיכטע וועט זאָגן, ווער עס איז גערעכט" — אַזוי האָט געזאָגט ל ע נ י ן.

און,ווירקלעך, זייער גיך זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן לענינס פאָרויסזאָגונגען. די „לינקע קאָמוניסטן" האָבן אָפן געמוזט מוידע זיין, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טאָעס, און לענין איז געווען גערעכט. אינגיכן איז די גרופּע „לינקע קאָמוניסטן" צעפאַלן געוואָרן.

אַנדערע טאָעסן פון די „לינקע קאָמוניסטן"

די „לינקע קאָמוניסטן" האָבן באַוויזן זייער אומפעיִקייט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען פון די קלאַסן און אָנמערקן אַ ריכטיקע טאַקטיק בענעגייע צו זיי. זיי האָבן ניט דערשאַצט די ראָל פונעם פּויערטום אין אונדזער לאַנד.

די „לינקע" האָבן געהאַלטן, אַז בענעגייע צו דער בורזשואַזיע דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אָנווענדן קאַמף, געוואַלט, אָבער בעשטימט ניט גיין אויף קיינע אויסנוצן די בורזשואַזיע, — דעריבער האָבן זיי דערווידערט, לעמאַשל, קעגן האַנדל-אָפּמאַכן מיט בורזשואַזע מעלוכעס, קעגן אויסנוצן בורזשואַזע ספּעציאַליסטן (און לענין האָט געטיינעט, אַז עס איז קינדעריש צו מיינען, אַז מ'קאָן אויסבויען דעם סאָציאַליזם בלויז מיט די הענט פון די קאָמוניסטן אַליין).

אין דער פראַגע פון בויען דעם סאָציאַליזם זיינען זיך די „לינקע" אויך שאַרף פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לענינס פּאָזיציע. לענין האָט דאַן (1918 י.) געהאַלטן פאַר נייטיק אויסנוצן דעם מעלוכישן קאַפּיטאַליזם אַלס אַן 'איבערגאַנג-מיטל צום סאָציאַליזם, מאַכמעס אונדזערע אָפּגעשטאַנענע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן ניט דערלויבט „איבערשפּרינגען" צום סאָציאַליזם. די „לינקע" אָבער זיינען געווען קעגן יעטווידע איבערגאַנג-שטאַפּלען און פאַר אַ באַלדיקן קאָמוניזם. דעריקער האָבן זיי דערווידערט קעגן איינפירן אַן ארבעט-דיסציפּלין, באַהויפּטנדיק, אַז זי דראָט צו „פאַרקנעכטן דעם ארבעטער-קלאַס". ווי יעדער גרופּע, וועלכע שפּיגלט אָפּ דעם דרוק פון דער קליין-בורזשואַזיע, האָבן די „לינקע" באַזונדערס ניט געקאָנט איבערטראָגן די אייזערנע פּראָלעטאַרישע דיסציפּלין.

אינטערעסאַנט, אַז די „לינקע" באָלשעוויקעס זיינען אין אַסאַך פראַגן געווען צוזאַמען מיט די לינקע עסערן — שוין דאָס אַליין האָט באַוויזן, אַז אין זייערע אָנשויונגען האָט זיך אויסגעדריקט די קליינבירגערלעכע ווירקונג.

דיראָזיקע שטרעמונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אַלס אידייִשע מיינונג-פאַרשיידנהייט, האָט זיך אויסגעפורעמט ווי אַ פראַקציע און האָט זיך געגרייט ווערן אַ באַזונדער פּאַרטיי. ניט אומזיסט האָבן די לינקע עסערן פּאָרגעלייגט די „לינקע קאָמוניסטן" אַרעסטירן לענינען און זיינע אָנהענגער און שאַפן אַ נייע רעגירונג מיט אייגעם פון די לינקע קאָמוניסטן אין שפּיץ.

דיראָזיקע דערפאַרונג האָט באַוויזן דער פּאַרטיי, אַז יעטווידע פראַקציאָנעלקייט פירט צום צעשטערן די איינהייטלעכקייט פון דער פּאַרטיי און דראָט דער עצעם עקזיסטענץ פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

4. דער קאַמף אין דער פּאַרטיי באַם אריבערגיין צום נעפּ

טראָצקי וועגן די פּראָפאַריינען

צום אָנהייב 1920 יאָר האָט דאָס ראַטן-לאַנד איבערגעלעבט אַ זייער שווערע צייט. דער בירגער-קריג האָט זיך פאַרענדיקט. דאָס לאַנד איז געווען אויסגעצערט פון דרייטהאַלבן יאָר מילכאָמע, פון הונגער און כורבן. די אינדוסטריע

און לאַנדווירטשאַפט האָבן איבערגעלעבט אַ יערידע. דאָס פּויערטום איז געווען אומצופרידן מיט דער סיסטעם פון מויסרעס־אָפּנעם („נער־טיילונג"). מע האָט געמוזט געפינען וועגן אַף אריבערגיין פונעם קריגס־קאָמוניזם צו אַ נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

אין יענער צייט האָט זיך אין דער פּאַרטיי אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע מיקליער דער פראַגע וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין דערדאָזיקער דיסקוסיע איז טראָצקי ארויסגעטראָטן מיט זיין אייגענער פּלאַטפאָרם קעגן דעם צ"ק.

אין וואָס איז דעמלט באַשטאַנען טראָצקיס באַזונדערע פּאָזיציע? ער האָט געהאַלטן, אַז אין יענעם איבערגאַנגס־מאָמענט איז דאָס וויכטיקסטע נישט אין דער באַציונג פונעם פּראָלעטאַריאַט צום פּויערטום, נאָר אין דער רעאָרגאַניזירונג פון די פּראָפאַריינען.

ער האָט פאָרגעלייגט צוגויפגיסן („צוגויפוואַקסן") די פּראָפאַריינען מיט די ווירטשאַפטלעכע און מעלוכע־אָרגאַנען (לעמאָשל, דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט האָט אַף אַ העלפט געדאַרפט באַשטיין פון מיטגלידער פונעם אַלפאַרבאַנדישן פּראָפראַט). די פּראָפאַריינען וואָלטן אַף אַזאַ אויפן געוואָרן מעלוכע־אָרגאַנען.

זייער גרונט־אויפגאַבע איז, לויט טראָצקיס מיינונג, געווען באַהערשן די פּראָדוקציע. זיי וואָלטן געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּראָדוקציע, וואָלטן אָנגעפירט מיט איר, ווי אַ טייל פון מעלוכע־אַפּאַראַט.

דערביי האָט טראָצקי פאָרגעלייגט „דורכטרייסלען" די פּראָפאַריינען, ד. ה. אָנווענדן צו זיי אַזוינע ביוראָקראַטישע מעטאָדן, וואָס האָבן געדראָט מיט צעשפּאַלטן די פּראָפבאַוועגונג.

לענין וועגן די פּראָפאַריינען

אין וואָס איז באַשטאַנען טראָצקיס גרונט־פעלער? דערין, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַלע אייגנטימלעכקייטן פון דערדאָזיקער צייט און האָט נישט געזען, אַז די הויפּט־פראַגע ליגט אינעם פאַרבעסערן די באַציונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום. מע האָט געמוזט אויסגעפינען די מיטלען, מיט וועלכע מע זאָל קאָנען פאַרשטאַרקן דעם בונד מיטן מיטלפּויערטום, העלפן דעם ווירטשאַפטלעכן וווּקס פונעם לאַנד און באַפעסטיקן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור.

צווייטנס, איז געווען פעלערהאַפט דער פּראָעקט ארופצוּוואַרפן אַף די פּראָפאַריינען די אָנפירונג מיט דער פּראָדוקציע און צוגויפגיסן זיי מיט די מעלוכע־אָרגאַנען, ווייל די פּראָפאַריינען וואָלטן אַף אַזאַ אויפן געוואָרן אַ צוגאָב צום מעלוכע־אַפּאַראַט, זיי וואָלטן פאַרלאָרן זייער פּאָנעם פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס

פארבינדט די פארטיי מיט די ברייטע מאסן פונעם ארבעטער־קלאס. פאר די פראפאריינען זיינען געשטאנען גאר אנדערע אויפגאבן — זיין א שול פונעם קאמוניזם, מיטווירקן דער ווירטשאפטלעכער ארבעט מיט דער הילף פון אפקלייבן מוער, אויפהייבן די פראדוציר־דיסציפלין א. א. וו. ענדלעך, האבן זיי גאר געהאט די אויפגאבע צו פארטיידיקן די אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס קעגן די ביוראקראטישע פארקריפלונגען פונעם מעלוכע־אפאראט א. א. בלויז בא אזעלכע באדינגונגען האבן די פראפאריינען געקאנט העלפן דער פארטיי צו פארבינדן זיך ענג מיט דער מאסע און אנפירן מיט איר.

די דיסקוסיע וועגן די פראפאריינען איז (ווי לענין האט זיך אויסגעדריקט) געווען אן „איבעריקער לוקסוס, וואס מע טאר זיך ניט דערלויבן". זי האט ארויסגערוקט א פראגע, וואס איז קלאל ניט געווען די צענטראלע פאר יענער צייט. דאס איז געווען די צייט פונעם קראנשטאטער אויפשטאנד און פון א ריי פויערשע אויפשטאנדן. מע האט געמוזט לייזן און באהאנדלען די פראגע וועגן דער פויערשער אומצופרידנהייט. אדאנק דער פראפאריינישער דיסקוסיע האט די פארטיי ניט געקענט ברייט באהאנדלט פארן 10־טן צוזאמענפאר, און אפילע אפן צוזאמענפאר גופע, די פראגע וועגן אריבערגיין צו נעפ. קימאט גלייך נאכן צוזאמענפאר האט מען געמוזט צונויפרופן א צוגאבלעכע פארטיי־קאנפערענץ, קעדיי נאכאמאל צו באהאנדלען די גרונט־פראגן וועגן דעם פויערטום.

שליאפניקאווס גרופע

צווישן די אפאזיציאנעלע גרופעס, וואס האבן געקעמפט קעגן לענינס פאזיציע, האט א באזונדער ארט פארנומען די גרופע „ארבעטער־אפאזיציע", וואס בעראש פון איר זיינען געשטאנען שליאפניקאוו, קאלאנטאי א. אנד. דידאזיקע גרופע האט אפגעשפילט די צעכאווע שטימונגען פון געוויסע גרופן ארבעטער. די „ארבעטער־אפאזיציע" האט פארגעלייגט די גאנצע ווירטשאפט־פירונג איבערגעבן די פראפאריינען, וואס זיינען אבער געבויט אף גאר א באזונדערן אויפן. זי האט פארגעלייגט צונויפצורופן אן אלרוסלענדישן פראדוציר־צוזאמענפאר, וואס זאל אויסוויילן א צענטראלן ארגאן אף פארוואלטן מיט דער ווירטשאפט פון דער רעפובליק.

דער 10־טער צוזאמענפאר האט אנערקענט שליאפניקאווס פאזיציע פאר א סינדיקאליסטישע און אנארכיסטישע.

ערשטנס, איז לויט זיין פלאן אויסגעקומען, אז די גאנצע אנפירונג מיט דער ווירטשאפט ווערט צעטיילט אף שטיקער: די אייזנבאן־ארבעטער פירן אן מיטן טראנספארט, נאפט־ארבעטער מיט דער נאפט־אינדוסטריע, טעקסטילער מיט דער טעקסטיל־אינדוסטריע א. א. וו. אזוי ארום ווערט צעשטערט די דיקטאטור

פון פּראָלעטאַריאַט און די גאַנצע סאָציאַליסטישע בוויונג. אַנשטאָט די אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישע אינטערעסן ווערן אַפן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט די צעכאָווע אינטערעסן, די אינטערעסן פון דער באַזונדערער פּראָפעסיע. דער אַרבעטער־קלאַס וואָלט צעריסן געוואָרן אַף שטיקער. אַנשטאָט פּראָלעטאַרישע איינהייט, — צעשטויבטקייט.

צווייטנס, האָט שליאַפּניקאָוו אַנשטאָט דער פּראָלעטאַרישער ליניע פאַרטיידיקט די ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ל ע כ ע. וואָרעם צווישן די „פּראָדוצירער" (וואָס זיי האָט ער פאַרגעלייגט איבערצוגעבן די גאַנצע ווירטשאַפט) זיינען אויך אַריינגערעכנט געוואָרן כּוץ די אַרבעטער, אויך די פּויערים, קוסטאַרן, האַלבפּראָלעטאַריער.

דריטנס, האָט שליאַפּניקאָוו ניט ריכטיק אָנגעמערקט די פאַרהעלטעניש צווישן דער פּאַרטיי מיט די ברייטע מאַסן, צווישן דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס. ער האָט, אין טאָך גענומען, פאָרגעלייגט אונטערצוואַרפן די פּאַרטיי דער אומפּאַרטייִשער סטיכיע. די אָנפירנדיקע און אָרגאַניזירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי איז בא שליאַפּניקאָוון פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנערקענט, אַז דידאָזיקע אָנשוויונגען פאָרן זיך ניט מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי.

אין אייניקע כאָדאָשים אָרום נאָכן צוזאַמענפאָר איז שליאַפּניקאָוו (זייענדיק א מיטגליד פונעם צ"ק) אַרויסגעטראָטן קעגן די פּאַרטיי־באַשלוסן. ער האָט אַנטקעגנגעשטעלט זיך דער פּאַרטיי. לענין האָט געפאָדערט אויסצושליסן שליאַפּניקאָוון פון דער פּאַרטיי פאַר אוווער זיין אַף א גראָבן אויפן די דיסציפּלין. עס האָט געפעלט בלויז איין שטים אַף דורכצופירן דעמדאָזיקן באַשלוס אין לעבן (עס האָט זיך געפאָדערט צוויי דריטל פון אַלע שטימען). שליאַפּניקאָוו האָט באַקומען א האַסראָע.

אָבער סיי ער, סיי אַנדערע מיטגלידער פון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" האָבן פאָרגעזעצט זייער ליניע, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער פּאַרטיי. זיי האָבן זיך געווענדעט אינעם קאָמינטערן (די „מעלדונג פון די 22") מיט אַן אָנקלאָגע אַפן צ"ק און האָבן זיך ניט געשעמט מיטיילן א גאַנצע ריי פאַלשע יעדיעס וועגן דער אַרבעט פונעם צ"ק.

דער קאָמינטערן האָט פאַרורטיילט דידאָזיקע גאַנצע גרופּע. דער XI צוזאַמענפאָר האָט באַופטראַגט דעם צ"ק אויסצושליסן דידאָזיקע כאַווירים פון דער פּאַרטיי אינעם פאַל, אויב זיי וועלן ווייטער אַרויסווייזן אַנטיפּאַרטייִשקייט.

אָבער שליאַפּניקאָוו, מעדוועדיעוו א. אַנד. האָבן אויך אַף ווייטער ניט אויפגעהערט זייער קאַמף קעגן דער פּאַרטיי.

5. די דיסקוסיע פון די יאָרן 1923—1924

דער ברייוו פון די 46 און טראָצקיס אַרויסטרעטונג

סאָף זומער און אין האַרבסט פון 1923 יאָר האָבן מיר געהאַט א ריי ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע שוועריקייטן. באַזונדערס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נידעריקע פרייזן אף ברויט און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון איין זייט און די הויכע פרייזן אף די אינדוסטריעלע פּראָדוקטן פון דער אַנדערער זייט (די „שער“). דאָס פּויערטום האָט ניט געקאָנט קויפן די סכוירעס, וואָס זיינען איִם געווען נייטיק, און האָט ניט געהאַט קיין סטימולן אף צו פאַרברייטערן דעם פאַרזיי־שעטעך. די אינדוסטריע, ווידער, האָט ניט באַקומען קיין גענוג ברייטן מאַרק פאַר איר פּראָדוקציע. פון דער גאַנצער סומע געברויך־זאַכן, וואָס די מעלוכע־אינדוסטריע האָט אין 1923 יאָר פּראָדוצירט, איז אַריינגעפאַלן אין דאָרף ווייניקער פון ⅓.

דער געשאַפענער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט אַרויסגערופן פאַרשפעטיקונגען אינעם אויסצאָלן דעם אַרבעטס־לוין און א כוואַליע שטרייקן.

אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען א פּאָליטישער קריזיס אין דייטשלאַנד. מיר האָבן זיך געקאָנט ריכטן, אַז עס זאָל אַנטשטיין א דייטשישע ראַטנרעפּובליק, נאָר די באַוועגונג פון די מאַסן האָט זיך ניט אויסגעגאָסן אין א רעוואָלוציאָנערן אופריים (מיִלוויִן אדאַנק די פעלערן אין דער אָנפירונג מיצאַד די דייטשישע קאָמוניסטן). דאָס האָט אַרויסגערופן א געוויסע אַנטוישונג אויך צווישן אונדזערע אַרבעטער.

מע דאַרף צוגעבן, אַז גראָד אין יענעם יאָר האָט זיך לענינס קראַנקייט פאַרערגערט און ער איז אינגאַנצן אַוועק פון יעטווידער אַרבעט.

אָט יענע שווערע צייט האָט טראָצקי און אַנדערע אָפּאָזיציאָנערן אויסגעקליבן אף אָרגאַניזירן אַן אָנפאַל אפן צ״ק פון דער פּאַרטיי.

טראָצקי האָט דערלאַנגט א מעלדונג אינעם צ״ק וועגן די פעלערן פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג. אייגנצייטיק איז אַריינגעטראָגן געוואָרן די מעלדונג פון די „46“, וואָס האָט אויך גערעדט וועגן דער ניטבאַפרידיקנדיקער אָנפירונג, וועגן דער ניט באַטראַכטקייט פון די באַשלוסן פונעם צ״ק, וועגן דעם, אַז דער צ״ק פירט דאָס לאַנד צו „אומגעהויער שאַרפע ווירטשאַפטלעכע אופטרייסלונגען“, צו „פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס“, צום „פולשטענדיקן פּאַראַליטש פון אונדזער אַקטיווקייט“ א. א. וו.

דיזאָזיקע דאָקומענטן האָט די אָפּאָזיציע ענערגיש פאַרשפּרייט אין דער פּאַרטיי.

פּאָרזעצנדיק זײַן אַרבעט, האָט דער צ״ק אָנגענומען אַ רײַ פּראַקטישע באַשלוסן, באַזונדערס, וועגן פאַרברייטערן די פּאַרטײַישע דעמאָקראַטיע א. א. וו. אָבער די אָפּאָזיציע האָט געוואָלט ניט קײן פּראַקטישע אַרבעט, נאָר אַ דיסקוסיע, קעדײַ אַראָפּצוּוואַרפן די מערהייט פונעם צ״ק.

טראָצקי האָט אַרויסגעלאָזט אַ רײַ בראָשורן (דעם „נײַעם קורס" א. אַנד.) מיט שאַרפע באַשולדיקונגען קעגן דעם צ״ק פון פּאַרטיי, און די מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע האָבן אין אַלע קעמערלעך גענומען פירן אַ דיסקוסיע לעטוויוועס טראָצקיס באַהויפּטונגען. נאָכדעם אפילע, ווי ער האָט אָפּגעשטימט פאַרן באַשלוס פון דער פּאָליט-ביוראָ איבער די פּאַרטײַישע פראַגן, האָט טראָצקי געהאַלטן פאַר נייטיק צו ווענדן זיך אַף מאָרגן מיט בריוו דירעקט אין די ראַיאָנען, ווו ער האָט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל אויפגעהויבן אַ דיסקוסיע און געטײַנט וועגן זײַנע מיינונגס-פאַרשייַדנהייטן.

די פּאַרטיי וועגן דער אָפּאָזיציע

די פּאַרטיי-קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין אָנהייב יאַנוואַר 1924 יאָר, האָט אונטערגעצויגן די סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע און האָט פאָרמולירט די פעלערן, וואָס טראָצקי און די אָפּאָזיציע האָבן געמאַכט. אינעם יעסאָד פון די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן פון דער פּאַרטיי מיט דער אָפּאָזיציע איז געווען די פראַגע וועגן די קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן פונעם אַרבעטער-קלאַס מיטן פויערטום. די אָפּאָזיציע האָט ניט דים-קאָנטירט די אינטערעסן פונעם מיטלפויערטום, — ד. ה. פון דער גרונט-מאַסע קליינע סכוירע-פּראָדוצירער — און האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז מעגלעך בלויז אפן באָדן פונעם צוזאַמענשלוס פון דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט מיט דער פויערשער ווירטשאַפט.

די אָפּאָזיציע (לעמאָשל, פּרעאָבראַזשענסקי) האָט געשאַפן אַ גאַנצע טעאָריע, אַז מע דאַרף פאַרשטאַרקן דעם שטייערן-פרעס אין דאָרף, אַרויסבאַקומען פונעם פויער נאָך אַ גרעסערן טייל פון זײַנע האַכנאָסעס און מיט דער הילף פון די-דאָזיקע מיטלען, וואָס מע וועט אַף אַ פאַרשטאַרקטן אופן אויספּאָמפּען פון דאָרף, זאָל מע בויען די אינדוסטריע. דאָסדאָזיקע מאָסטיל וואָלט געבראַכט דירעקט צו אַן אײַנרייס צווישן דעם אַרבעטער-קלאַס און דער מאַסע פויערטום.

די אָפּאָזיציע איז געווען פאַר הויכע פּרײַזן אַף אינדוסטריע-סכוירעס, קעדײַ אַרויסצוקריגן גרויסע רעוואָכים פאַר דער אינדוסטריע. דער צ״ק איז געווען דערפאַר, אַז די פּרײַזן אַף אינדוסטריע-סכוירעס זאָלן פאַרקלענערט ווערן, קעדײַ צו מאַכן זיי צוטריטלעך פאַר די פויערים.

טראָצקי און זײַנע אָנהענגער זײַנען בעת דער דיסקוסיע מיט אַלערליי מיטלען אָנגעפאַלן אפן אָנפירנדיקן פּאַרטיי-אַפּאַראַט און האָבן דערקלערט, אַז

ער דאַרף אײַנגאַנצן אַראָפּגעזעצט ווערן. זיי האָבן געפֿאָדערט באַלדיקע דורכויסיקע איבערוואַלן פון אַלע גובקאָמען, אוקאָמען, וואָלקאָמען א. א. וו. זיי האָבן געטײַנעט, אַז אַלע טוער פונעם פאַרט־אַפּאַראַט זײַנען ביוראָקראַטן, און אַז די מענטשן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געבויט די פאַרטיי און אָנגעפירט מיט איר, האָבן זייער זאַך אָפּגעטאָן און דאַרפן אַוועקגיין.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער ציל פון דעמאָזיקן אָנפאַל. טראָצקי און די אָפּאָזיציע האָבן גערעכנט, אַז אונטערן טומל פון דער דיסקוסיע וועלן זיי זײַן בעקוועמער דורכצופירן אין די פאַרטיי־קאָמיטעטן זייערע אָנהענגער. די אָנפאַלן אָפן אַפּאַראַט זײַנען אין דער ווירקלעכקייט געווען אָנפאַלן אַף דער פאַרטיי גופא און אַף איר באָלשעוויסטישער אָנפירונג.

אין איר דיסקוסיע־קאַמף איז די אָפּאָזיציע באַזונדערס פלײַסיק אַרויסגעטראָטן אַף די קאָמיוגישע פאַרזאַמלונגען און אַף די פאַרזאַמלונגען אין די הויכשולן. טראָצקי האָט געטײַנעט, אַז די שטודירנדיקע יוגנט איז די סאַמע וואַכזאַמע און עכטע פאַרטיי־קראַפט, וואָס דאַרף דינען אַלס מוסטער פאַר אַלעמען. אײַנצײַטיק האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז, פאַרקערט, דאָס אָנפירנדיקע קעפל פון דער פאַרטיי, ד. ה. איר צ״ק אין דער ערשטער ריי, ווערט „איבערגעבאָרן", ער הויבט אָן צו נויגן זיך צום אָפּאָרטוניזם, מענשעוויזם א. א. וו.

טראָצקי האָט פאַרשוויגן, אַז די פירער פון אונדזער פאַרטיי זײַנען אויסגעוואַקסן אינעם קאַמף קעגן מענשעוויזם און אַז די פאַרטיי־אָנפירונג ווערט די גאַנצע צײַט קאָנטראָלירט פון דער גאַנצער פאַרטיי, וואָס גייט מיטן לענינשן וועג. ער האָט פאַרגעסן, אַז דער הויפּט־קוועל פון אונדזער פאַרטיי איז ניט די לערן־יוגנט נאָר די פאַרהאַרטעוועטע אַרבעטער־קאָמוניסטן און זיי דאַרפן דינען אַלס מוסטער.

די יוגנט ציען מיר צו צו אַקטיווער אַרבעט, אָבער מיר כאַנפענען זי ניט און ווײַזן אָן אַף אירע פעלערן. די אָנפירונג אין דער פאַרטיי דאַרף זיך אָבער געפינען ניט בײַ איר, נאָר בײַ די מער געניטערע כאַווײרים.

די אָפּאָזיציע האָט אַרויסגעשטעלט אויך די פאָדערונג פון פרײַהייט פאַר פראַקציעס און גרופּירונגען, וואָס עס איז געווען דערווידער די באָלשעוויסטישע אָנשויונגען אַף דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

די אָפּאָזיציע האָט זיך געפרווט אַריבערוואַרפן איר קאַמף אויך אינעם קאָמינטערן און אונטערשטיצן דאָרט די ליניע קעגן דעם צ״ק.

די 13־טע פאַרטיי־קאָנפערענץ האָט פאַרענדיקט די דיסקוסיע מיט דעם, וואָס זי האָט שאַרף פאַרורטיילט די פעלערן פון דער אָפּאָזיציע. די קאָנפערענץ האָט אָנגעוויזן, אַז די אָפּאָזיציע דריקט אויס די שטימונג פון די *ניט פּראָלעטאַרישע* שיכטן פון לאַנד, דעם אײַנפלוס אַף דער פאַרטיי מיצאַד דעם קלײנבירגערטום.

דער 13־טער צוזאַמענפאָר האָט איינשטימיק באַשטעטיקט דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ. דער 5־טער קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן האָט באַוויליקט דידאָזיקע באַשלוסן.

„וואָס לערנט אונדז אָקטיאַבער"

עס איז קיין יאָר ניט אַוועק נאָך דעראָזיקער דיסקוסיע, ווי טראָצקי האָט ווידער אָנגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן דעם באָלשעוויזם. דאָס מאָל האָט ער די אָנפאַלן אַף דער פּאַרטיי אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט אין דער פאָרעדע צו זיין בוך „1917 יאָר" אַף א גראָבן אויפן פאַרקריפּלט די געשיכטע פון אָקטיאַבער און די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי.

אָפּוואַרפנדיק אינגאַנצן די לאַנגע פאַראָקטיאַברישע געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי, האָט טראָצקי געשטרעבט צו דערוויזן, אַז אין אָקטיאַבער האָט דער באָל־שעוויזם געזיגט דערפאַר, ווייל ער האָט געענדערט זיינע אָנשוויונגען אינעם גייסט פונעם טראָצקיזם, ווייל ער האָט זיך „איבערגעוואָפנט". טראָצקי האָט דערקלערט, אַז זיין טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָליוציע (וואָס וועגן איר האָבן מיר אויבן גערעדט) האָט זיך אינגאַנצן באַרעכטיקט. ער האָט געפּרוּווט דערוויזן, אַז ניט ער, טראָצקי, איז געקומען צום לעניניזם, נאָר די אָנהענגער פונעם לעניניזם האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַסאַך אָנשוויונגען זייערע און האָבן זיך דערנענטערט צום טראָצקיזם.

איינציייטיק האָט טראָצקי ניט אויפגעהערט צו דערוויזן, אַז דער אָנפירנדיקער טייל פונעם צ"ק איז ניט שטאַנדהאַפטיק, אַז דער צ"ק איז געווען קעגן לענינען און קעגן דעם אָקטיאַבער־אויפשטאַנד, אַז אויך אינעם קאָמינטערן מאַכט ער גראָבע טאָעסן א. א. וו. דידאָזיקע נייע אַרויסטרעטונג טראָצקיס האָט געצוווּנ־גען צו שטעלן די פראַגע וועגן טראָצקיס גאַנצער פאַלשער לערע. עס איז געווען קלאָר, אַז טראָצקי וויל פאַרביטן דעם לעניניזם דורך טראָצ־קיזם. די פּאַרטיי האָט אָפּגעלייקנט טראָצקיס אַלע פאַלשע מיטיילונגען וועגן דעם גאַנג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און האָט געגעבן אַן אויסשעפּנדיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם טראָצקיזם, אַלס אַ קלייינבירגערלעכע לערע.

דריי גרונט־אייגנטימלעכקייטן פונעם טראָצקיזם שטעלן אים אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך מיטן לעניניזם.

1) דער טראָצקיזם שטיצט זיך אַף דער טעאָריע פון פּערמאַנענ־טער רעוואָליוציע. און דידאָזיקע טעאָריע באַטייט דאָס אָפּלייקענען די לענינישע לערע וועגן דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט די מאַסן פונעם פּויער־טום. זי רעכנט ניט דאָס מיטל־פּויערטום פאַר אַ פאַרבינדעטן פונעם פּראָלעטאַ־

ריאַט און האַלט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט קאָנען און ניט זיין בעקוועם צו פירן נאָך זיך דאָס פויערטום. דעריבער פאַרשטייט טראָצקי אויך די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט ניט באָלשעוויסטיש.

2) דער טראָצקיזם האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טאָך פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטייישקייט, איר פייגטלעכקייט צו די פּשאַרעמאַ-בערישע, מענשעוויסטישע עלעמענטן. דער טראָצקיזם איז שטענדיק געשטאַנען פאַר אַ פאַראייניקונג מיט קאָלערליי אָפּאָרטוניסטן, פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע פראַקציעס. ער האָט דערווידערט קעגן דער שטרענגער דיסציפּלין, קעגן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטראַליזם, קעגן אַ פעסטן פּאַרטיי-אַפּאַראַט א. א. וו.

3) דער טראָצקיזם באַטייט אומצוטרוי צו די פירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און צו די גרונטלעכע קאַמף-טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך טראָצקי געסטאַרעט וואַרפן אַ פלעק, צוערשט אויף לענינען, דערנאָך אויף אַנדערע פּאַרטיי-פירער. ער האָט זיך געסטאַרעט צו דערווייזן, אַז דער גאַנצער אָנפירנדיקער פּאַרטיי-באַשטאַנד זיינען ביוראָקראַטן, „אַפּאַראַטשיקעס" און אַזוי ווייטער.

שוין דיהאָזיקע דריי גרונט-איינגנטימלעכקייטן פונעם טראָצקיזם גייען אומ-פאַרמיידלעך קעגן די סאַמע יעסוידעס פונעם לענינים.

אין זיינע אַרויסטרעטונגען אין 1923—1924 יאָרן האָט ער איבעראַנייס אויפגע-דעקט זיין גאַנצן מענשעוויסטישן מעהוס, זיין גאַנצע פייגטלעכקייט צום עכטן לענינים. די קריטיק פון די באָלשעוויסטישע פּאָזיציעס איז בא אים רעגולירט געוואָרן מיטן פּרוּוו צו פאַרבייטן דעם לענינים אויפן מענשעוויזם, ווייטער האָט זיך דערדאָזיקער מענשעוויזם געגומען אַרויסווייזן מיט אַלץ אַ גרעסערער שאַרפקייט און איז איבערגעגאַנגען אין עכטער קאָנטר-רעוואָלוציע.

6. דער קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם אויף דעם 14-טן צוזאַמענפאָר

ערעוו דעם צוזאַמענפאָר

קאַמענעוו איז עטלעכע מאָל זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לענינען און דער פּאַרטיי אין גרויסע פראַגן: וועגן באַאיקאָטירן די מעלוכע-דומע (אין 1907 יאָר), וועגן דער אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציע (אַפּרעל-קאָנפערענץ פון 1917 יאָר), וועגן אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד (פאַר אָקטיאַבער). זינאָוויעוו איז אויך געווען קעגן לענינען אין דעמדאָזיקן לעצטן פאַל.

אינעם פעריאָד פון דער דיסקוסיע מיט טראָצקין (1924 יאָר) זיינען זינאָוויעוו און קאַמענעוו זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דער מערהייט פונעם צ"ק אויף דעם,

וואָס זיי (זינאָוויעוו און קאַמענעוו) האָבן פאָרגעלייגט אויסצושליסן טראָצקין פון דער פּאָליטבוראָ, און דער לענינגראַדער קאָמיטעט האָט פאָרגעלייגט אויסצושליסן אים אויך פון דער פּאַרטיי. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסבאַווייזן אויך אַנדערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. באַזונדערס, האָט דער צ״ק ניט געקאָנט

מ. וו. פ ר ו נ ז ע (געבאָרן אין יאָר 1885—געשטאָרבן אין יאָר 1925)

אָנערקענען פאַר ריכטיק אויך דאָס, וואָס דער לענינגראַדער גובקאָם, ווו זינאָוויעוו האָט געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָליע, פרוווט זיך שפּילן די ראָליע פון א צווייטן צ״ק. דער גובקאָם האָט געוואָלט, לעמאָשל, צונויפרופן שיר ניט קיין אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע קאָנפערענץ (אָן דעם וויסן און דער האַסקאָמע פונעם צ״ק פונעם קאָמיוג), שאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן „באָלשעוויק“ (אַלס קעגנגעוויכט צום אָרגאַן פונעם צ״ק אין מאָסקווע) א. א. וו.

איינצלנע מיטגלידער פון דער לענינגראַדער אָרגאַניזאַציע האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן מיט שאַרפע באַשולדיקונגען קעגן דער מערהייט פונעם צ״ק און

קעגן זייגע אָנטירנדיקע מאַניירים. אַזוי האָט זאַליצקי דערקלערט, אַז דער צ"ק פון דער פּאַרטיי לעבט איצטער איבער דעם „טערמידאָר", ד. ה. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין פונקט אַזא קליינבירגערלעכע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קראַפט, ווי די מעלוכע־מאַכט אין פראַנקרייך נאָכדעם, ווי די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן האָבן דאָרט געליטן אַ מאַפּאָלע. (בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע).

ערעוו דעם 14־טן צוזאַמענפאָר האָט די לענינגראַדער קאָנפערענץ, אויסדריקנדיק מיטן מויל אונטערשטיצונג דעם צ"ק, זיך געטפּאַרעט אַרויסרוקן קעגן אים עטלעכע שווערע באַשולדיקונגען.

די בעלוקעדייעס אַפן צוזאַמענפאָר

פונעם ערשטן טאָג אָן פונעם צוזאַמענפאָר (אין דעקאַבער 1925 יאָר) איז געוואָרן קלאָר, אַז די לענינגראַדער דעלעגאַציע מיט זינאָוויעוון און קאַמענעוון בעראָש האָט באַשלאָסן אַנטקעגנשטעלן זיך סיי דעם צ"ק, סיי דעם גאַנצן צוזאַמענפאָר. זי האָט געפאָדערט, אַז צוגלייך מיט די פאָרטראָגן פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי וועגן דער טעטיקייט פונעם צ"ק זאָל אויך דערלאָזט ווערן זינאָוויעווס קאָרעפעראַט. דאָס האָט באַטייט אַרויסרוקן אין די וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגן אַ באַזונדער ליניע — קעגן דער פּאַרטיי־ליניע.

אינעם פאַרלויף פונעם גאַנצן צוזאַמענפאָר האָבן די לענינגראַדער געפירט אַ קאַמף קעגן דער איבערוועלדיקער מערהייט פונעם צוזאַמענפאָר. מיטן אויסגאַנג פון דערדאָזיקער גרופּע פון 60 מאַן — איז די איבערוועלדיקע מערהייט פונעם צוזאַמענפאָר — 560 מאַן — געשטאַנען פאַרן צ"ק, פאַר דער פּאַרטיי.

מע דאַרף פאַרצייכענען, אַז טראָצקי האָט ניט גענומען קיין שום אָנטייל אין דעמדאָזיקן קאַמף, ער האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, ער האָט „מאַנעווירט", אויסרעכענענדיק, אַז אים איז ווי צוגעטראָפן דער אָנפאַל פון זינאָוויעוון און אַנדערע אַפן צ"ק, און אַז דערפון וועט ער אויך קאָנען באַקומען פאַר זיך אַ נוץ.

אין וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט די פעלערן פון דער נייער אָפּאָזיציע אין דעמדאָזיקן מאָמענט.

זי האָט אַרויסבאַוויזן אַ ניטגלויבן אין דער מעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין פסס"ר. דערמיט האָט זי אַרונטערגעריסן איינע פון די גרונט־האַנאָכעס פונעם לעניניזם.

זי האָט ניט אָנערקענט, אַז אונדזערע פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען שוין עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג און זי האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ פאָרם פונעם „מעלוכע־קאַפּיטאַליזם".

זי האט ארויסגעשטעלט א באשולדיקונג, אז אונדזער פארטיי און איר צ"ק ווערן „איבערגעבוירן", לעבן איבער זייער „טערמידאר".

מעגאזעם זייענדיק די באלעבאטישע געפאר, האט זי ניט פארשטאנען דעם מעהוס פון אונדזער פאליטיק אין דארף און די וויכטיקייט פונעם בונד מיטן מיטלפויער.

זי האט געהאלטן, אז דער נעפ איז בלויז א צוריקמארש און האט ניט געזען די גרונט-אייגנטימלעכקייטן און קאמפליצירטקייט פון דער נייער עקאנאמישער פאליטיק און אז די פארטיי פירט שוין א דערפאלגרייכן אנגריף אף די קאפיטאליסטישע עלעמענטן.

זי האט אויך פארגעלייגט אזעלכע מאסמיטלען אף צו פארגרעסערן דעם ארבעטער-באשטאנד פון דער פארטיי, וואס וואלטן בלויז געבראכט דערצו, אז די פארגעשריטענע שיכטן פונעם פראלעטאריאט וואלטן באטל געווארן אין דער ווייניק-צוגעגרייטער מאסע.

זי האט געפירט א ניטדערלאזבארע פראקציאנעלע פאליטיק קעגן דעם צ"ק און האט זיך געפרווט מאכן די לענינגראדער ארגאניזאציע אלס אנשפאר פון דעמאזיקן פראקציאנעלן קאמף.

דער צוזאמענפאר האט איינשטימיק פארורטיילט דידאזיקע אלע פעלערן.

די אויסבילדונג פונעם אפאזיציאנעלן בלאק

אבער דידאזיקע פארטיי-באשלוסן האבן ניט אפגעהאלטן די אפאזיציע. זי האט גענומען פירן א דעזארגאניזאטארישע ארבעט אין דער פאליט-ביורא, אינעם צ"ק, אין דער פארטיי. איינצייטיק האט זיך אנגעהויבן א דערנעענטערונג ליטביורא, אין דער פארטיי. איינצייטיק האט זיך אנגעהויבן א דערנעענטערונג פון דער נייער אפאזיציע מיט טראצקין, וואס האט זיך נאכדעם פארענדיקט מיט זייער פארמעלן בלאק (בונד). זינאוויעוו און קאמעניעוו, וואס האבן מיט א יאר צוריק געפאדערט אויסצושליסן טראצקין פון דער פאליטביורא און וואס האבן אים באשולדיקט אין מענשעוויזם, זיינען איצט אוועק אף א פעסטן בונד מיט אים. שוין דאס אליין האט באוויזן דעם אפארטוניזם סיי פון דער „נייער אפאזיציע", סיי פון טראצקין.

אין יולי 1926 יאר איז דער בלאק שוין געווען צוזויפגעקלאפט אונטער טראצקיס אנפירונג. טראצקי האט גענומען ארויסטרעטן אינאיינעם מיט זינאוויעוו און קאמעניעוו. דעמאלט האבן זיי געגעבן אייגער דעם אנדערן א קענטיקע אמניסטיע (באגנעדיקונג). זינאוויעוו האט דערקלערט, אז טראצקי האט אין 1923 ריכטיק געווארנט וועגן די געפארן, וואס דראען דער פארטיי (לעמאשל, פונעם „אפאראט"), און טראצקי האט דערקלערט אלס זיין „גראבסטן פעלער" דאס, וואס ער האט באשולדיקט קאמעניעוו און זינאוויעוו (אינעם „וואס לערנט אונדז אקטיאבער") אין א רעכטן אפנויג.

שלימנדיק דעם בונד, האָט די אָפּאָזיציע זיך געפּרוּווט צו ווענדן זיך דירעקט צו דער פּארטיי=מאסע. זי האָט גענומען אָרגאַניזירן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען (לעמאָשל, דער מיטגליד פונעם צ״ק לאַשעוויטש איז ארויסגעטראָטן אף אַזא אונטערערדישער פאַרזאַמלונג אין וואלד). די אָפענע ארויסטרעטונגען פון דער אָפּאָזיציע (אין הארבסט 1926 יאָר) אין די מאָסקווער און לענינגראַדער זאַוואָדן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א סקאנדאַליעזן דורכפאַל — די ארבעטער=מאסע איז גיט אַוועק נאָך איר און האָט אַנטשיידן פאַרורטיילט איר צעשפּאַלטונג=ארבעט.

וועלנדיק דעמאָלט, ערעוו דער פּאַרטיי=קאָנפערענץ, אַז די אַנטשיידענע מיטלען מיצאַד דער פּאַרטיי קעגן דער צעשפּאַלטונג=אַרבעט פון דער אָפּאָזיציע זאָל אָפּגעציינן ווערן, האָט זי דערלאַנגט אַ מעלדונג (דעם 16 אָקטיאַבער), אַז זי זאָגט זיך אָפּ פונעם פראַקציאָנעלן קאַמף, פאַרורטיילט אייניקע אָפּגויגן, לעמאָשל, די „אַרבעטער=אָפּאָזיציע“ א. א. וו. דידאָזיקע האַפטאָכע איז געווען ניט מער, ווי א שטיקל פּאַפּיר. אין דער ווירקלעכקייט האָט די אָפּאָזיציע גאָרניט געטראַכט אָפּצוזאָגן זיך פון איר פראַקציאָנעלער ארבעט.

די פּאַרטיי וועגן דעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק

איינער פון די צענטראַלע פּאָרטראָגן פון דער 15=טער קאָנפערענץ (אָקטיאַבער 1926 יאָר) איז געווען סטאַלינס פּאָרטראָג וועגן דער אָפּאָזיציע. דער איינהייטלעכער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ האָט פאַרורטיילט די אָפּאָזיציע אַלס אויסדרוק פון ס אָ צ י א ל = ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ן אָ פּ נ ו י ג אין ד ע ר פּ אַ ר ט י י.

די גרונט=כעלוקעדייעס פון דער פּאַרטיי מיטן אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק קאָן מען כאַראַקטעריזירן אַזוי:

1) די פּאַרטיי האַלט, אַז אונדזער רעוואָליוציע איז א ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע רעוואָליוציע, וואָס גיט אַ שטיים דער סאָציאַליסטישער וועלט=רעוואָליוציע. די עקזיסטענץ פונעם פסס״ר גיט א יעסאָד, אַז אָנשפּאַר פאַר די ווייטערדיקע דערפאָלגן פון דער וועלט=רעוואָליוציע. אין אונדזער פּאַרבאַנד וועלן מיר מיט דערפאָלג בויען א פולקאָמע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אויב מיר וועלן איינשטעלן ריכטיקע באַציונגען מיטן פּויערטום, און די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט (פון אונדזערן און פונעם וועלט=פּראָלעטאַריאַט) וועט אונדז באַשיצן פון א מיליטערישער אינטערווענץ. מיר שטיצן זיך אין רעמדאָזיקן פאַל אף דער לערע פון לענינען, וואָס האָט געזאָגט: אַז „עס איז מעגלעך דער ניצאָכן פונעם סאָציאַליזם צוערשט אין ווייניקע, אפילע אין איין באַזונדער גענומען קאַפּיטאַליסטישן לאַנד“, אַז אינעם ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן „אַלץ, וואָס איז נייטיק און גענוג אף אויסצובויען א פולקאָמע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט“.

דער טראָצקיזם האָט ניט געהאַלטן אונדזער רעוואָליוציע, אין טאָג געגומען, אַלס סאָציאַליסטישע. ער האָט באַשטריטן לענינס מיינונג, אַז עס איז מעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד. ער האָט געהאַלטן, אַז בלויז דער ניצחון פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די הויפּט־לענדער קאָן זיכערן די סאָציאַליסטישע בוויונג, אַז אָן דעמאָזיקן ניצחון וועט אונדזער פּראָלעטאַריאַט אומפּאַרמיידלעך קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער מאַסע פּויערטום.

2) אינעם צווישנפעלקערלעכן געביט, פאַלט די אָפּאָזיציע אַריין אין פאַרצווייפלונג פון דעם, וואָס די וועלט־רעוואָליוציע פאַרציט זיך. די אָפּאָזיציע קייקלט זיך אַראָפּ אַפן וועג פון אַוואַנטיוריזם און פון קלינגענדיקע פראַזן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי גייטיק עס איז צו קעמפן פאַר די מאַסן. זי האָט אָפּגעלייקנט יעטווידע סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם. זי האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן אין איין ריי מיט ענגלישע פּראָפאַריינען עפּעס נייע „רעוואָליוציאָנערע" אָרגאַניזאַציעס. איינצייטיק האָט זי אונטערגעשטיצט אינעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלע רעכטע גרופּירונגען.

3) מיקויעד דער פראַגע וועגן דעם פּויערטום האַלט די פּאַרטיי, אַז „דער העכסטער פּרינציפּ פון דיקטאַטור איז איינהיטן דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום, קעדיי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען איינהאַלטן די אָנפירנדיקע ראָליע און די מעלוכע־מאַכט" (לענינס ווערק). דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אָנפירער פונעם פּויערטום. די אינדוסטריאַליזאַציע פונעם לאַנד דאַרף זיך אָנשפּאַרן אויך אַף דער פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער מאַסע פּויערטום. מיר דאַרפן פאַרשטאַרקן דעם צוזאַמענשלוס פון אונדזער אינדוסטריע מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן אויך דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער גרונטמאַסע פּויערטום.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק האָט באַטראַכט דאָס פּויערטום הויפּטזאַכלעך אַלס פיינטלעכע קראַפט און ניט געגלויבט אין דער אָנפירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט. ער האָט פאָרגעלייגט אַזוינע מאָסמיטלען, וואָס קאָנען בלויז צעשטערן דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט און פון פּויערטום און דערמיט אומברענגען די דיקטאַטור, לעמאָשל, אופהויבן די פּרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס, שטייער־דרוק אַפן דאָרף א. א. וו.

4) די פּאַרטיי האַלט, אַז דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט און די פּאַרטיי־מאַסן בילדן איין גאַנצע, אַז דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט שליסט איין די בעסטע מענטשן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק, פאַרקערט, האָט קעגן געשטעלט די פּאַרטיי־מאַסן איר אַפּאַראַט, אָנגערייצט די מאַסן אַפן אַפּאַראַט און געפּרווט זיך אים אָפּ־

שוואַכן. דערמיט גופא האָט ער אַרונטערגעריסן די שטאַרקייט פון דער פּאַרטיי און אָפּגעשוואַכט איר אָנפירונג מיט דער מעלוכע.

5) די פּאַרטיי שטיצט זיך אָפּ לענינס ווערטער: „ווער עס שוואַכט אָפּ אַפילע אָפּ וויפל ניט איז די אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט (באַזונדערס בעיס זיין דיקטאַטור), דער העלפט פאַקטיש דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט". די אינערלעך-פּאַרטייִשע דעמאָקראַטיע איז נייטיק ניט אָפּ צעשטערן די פּאַרטיי, נאָר אָפּ צו פאַרשטאַרקן זי.

די אָפּאָזיציע, פאַרקערט, פּריידיקט די פרייהייט פון גרופּירונגען און פּאַלט אָן אַפן „רעזשים" (ד. ה. אין דער ערשטער ריי אָפּ דער דיסציפּלין) פון דער פּאַרטיי. דערמיט גופא רייסט זי אַרונטער די פּאַרטיי-אייניקייט, שוואַכט אָפּ די דיקטאַטור און מונטערט אויף אַלערליי בורזשואַזע גרופּעס צו קעמפן קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. אַלס איינעם פון די מיטלען אַרונטערצורייסן די פּאַרטיי-אייניקייט האָט די אָפּאָזיציע אויסגעוויילט די דיסקוסיע, וואָס זי האָט באַשלאָסן אָנצוצינדן דער פּאַרטיי קעגן איר ווילן.

6) עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די אָפּאָזיציע האָט גענומען צווייפלען אינעם מאַמע מעהום פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. טראָצקי האָט דערקלערט, אַז אונדזער מעלוכע איז „ניט אינגאַנצן קיין פּראָלעטאַרישע". נאָך מער אָפנהערציק האָט זיך אַרויסגעזאָגט אָסאָווסקי (וואָס טראָצקי האָט אים גענומען אונטער זיין שוץ). ער האָט געטאַינעט, אַז די אַלק"פּ פאַרטיידיקט ניט בלויז די אינטערעסן פון די אַרבעטער, נאָר אויך די אינטערעסן פון אַנדערע קלאַסן, דערין אויך פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער. ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז עס איז נייטיק צו דערלאָזן די עקזיסטענץ אויך פון אַנדערע פּאַרטייען, כוץ דער אַלק"פּ, און געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן זיך די פאַרשיידענע שאַטירונגען אין דער פּאַרטיי. אַזוי אַרום איז אָסאָווסקי אָפּגעגאַנגען פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט צום בורזשואַזן דעמאָקראַטיזם. ער האָט פאַרגעלייגט אָפּ אַ ריין מענשעוויסטישן אויפן איבערצומאַכן די ראַטן-מעלוכע. דערלאָזן די עקזיסטענץ פון אַנדערע פּאַרטייען האָט געקאָנט באַדייטן בלויז איינס — דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין דיקטאַטור, מע זאָל זיך אַראָפּקייקלען צום בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם. אָסאָווסקי איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי.

די 15-טע קאָנפערענץ האָט אָנערקענט, אַז דער אָפּאָזיציאָנעלער בלאָק איז אוועק פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-פּאָזיציע אין אַ ריי גרונט-פראַגן און האָט זיך אָפּגענויגט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, צום מענשעוויזם.

דער 7-טער פאַרברייטערטער פּלענום פונעם אויספּירקאָם פונעם קאָמינטערן (דעקאַבער 1926) האָט אָפּ אַן אויספירלעכטן אויפן באַהאַנדלט די אָנשווונגען

און די אויפֿירונג פֿון דער אָפּאָזיציע און איז צוגעשטאַנען צו דער אָפּשטעלונג, וואָס איר האָט געגעבן אונדזער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ און האָט אײַנגאַנצן באַשטעטיקט די רעזאָלוציעס פֿון דער קאָנפֿערענץ.

אין דערזעלבער צײַט האָט דער פּלענום דערקלערט פֿאַר ניט ריכטיק די באַשולדיקונגען קעגן דער אלק"פּ (ב) (מיצאַד דער אָפּאָזיציע) אין „נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט" (ד. ה. אין דער שטרעבונג צו באַטראַכטן די פֿראַגן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף בלויז פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון פּסס"ר). ער האָט פֿאַרורטיילט טראָצקיס דערקלערונגען, אַז אונדזער מעלוכע איז קלוימערשט „ניט קיין פּראָלעטאַרישע".

דער פּלענום האָט אויך פֿאַרורטיילט שליאַפּניקאָוו — מעדוועדיעוום גרופּע (די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע"). דיזאָזיקע כאַווײרים האָבן זיך דערעדט צו דעם, אַז מע דאַרף ליקווידירן דעם טראָפּינטערן, זיי האָבן דערקלערט, אַז דער קאָמינטערן באַשטייט ניט פֿון פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, נאָר פֿון „קליינבירגערלעכע לאַקייען און אונטערלעקער", זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר א פֿעלער דאָס, וואָס מיר קריטיקירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער, זיי האָבן פֿאָרגעלייגט אָפּצוגעבן אונדזער גרויסע אינדוסטריע אַלס קאָנצעסיעס דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, האָבן דערווידערט קעגן דער הילף, וואָס די מעלוכע גיט דער מיטלפּויערשער ווירטשאַפֿט, האָט באַשטרײַט לעניגס קאָאָפּעראַטיוון פּלאַן א. א. וו.

7. פֿון א פֿראַקציע ביז א צווייטער פּאַרטיי

די אומלעגאַלע אַרבעט

אין איר מעלדונג פֿון 16 אָקטיאַבער (1926 יאָר) האָט די אָפּאָזיציע דערקלערט, אַז זי וואַרפֿט זיך אונטער אַלע באַשלוסן פֿונעם 14־טן צוזאַמענפֿאָר, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פֿון די פֿראַקציאָנעלע מעטאָדן און רופֿט די פֿראַקציאָנעלע גרופּירונגען, זיי זאָלן זיך אַליין פֿאַנאַנדערלאָזן. אָבער דערבײַ האָט זי צוגעגעבן, אַז זי בלײַבט בײַ אירע פֿריערדיקע אָנשויונגען. אויף דער קאָנפֿערענץ האָט זינאָוויעוו דערקלערט, אַז דערין איז ניטאָ קיין שום פּגיע פֿאַר א נייער דיסקוסיע און אַז דאָס איז ניט קיין שום מאַנעווער.

אינדערעמעסן האָט אָבער די אָפּאָזיציע באַשלאָסן צו פֿאַרקאָנספּירירן זיך אויף א צײַט, אַוועקגיין אין אונטערערד, אָבער אײַנהיטן אירע קאַדרען. אײַנגיכן איז איר פֿראַקציאָנעלע אַרבעט באַנײַט געוואָרן מיט א נייער קראַפֿט.

זינאָוויעוו איז אַרויסגעטראָטן אויף א פֿאַרזאַמלונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן יוביליי פֿון דער „פּראַוודאַ", ווו עס זײַנען געווען אומפּאַרטייִשע, מיט א רעדע קעגן דעם צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי.

בעטאם סמילגא איז אפגעפארן פון מאסקווע, האט די אפאזיציע ארגאניזירט אפן וואקזאל א דעמאנסטראציע מיטן אנטייל פון אומפארטייישע, וואס איז געווען געצילט קעגן דעם צ״ק.

אין דערזעלבער צייט האט די אפאזיציע צונויפגעשטעלט א מעלדונג אין פאליטבוירא (די „מעלדונג פון די 83“), וואס שטעלט מיט זיך פאר די פלאט־פארם פון דער אפאזיציע און האט גענומען צונויפקלייבן אונטערשריפטן אין דער גאנצער פארטיי. דאס איז געווען א בעפיירעשע מאביליזאציע פון די פראק־ציאנעלע קרעפטן. אבער דער אפאזיציע האט זיך איינגעגעבן צונויפקלייבן בלויז בא אנדערהאלבן טויזנט אונטערשריפטן. דאס האט באוויזן, ווי די פארטיי איז גלייכגילטיק צו די אפאזיציאנעלע לאזונגען.

פ. ע. דזערזשינסקי
(געבוירן אין יאר 1877—געשטארבן אין יאר 1926)

די אפאזיציע האט אלץ ברייטער פאנאנדערגעוויקלט איר אונטערערדישע ארבעט, עס איז געשאפן געווארן א אפאזיציאנעלער צ״ק, גובער־ניאלע צענטרען, א מאסקווער קאמיטעט, א. א. וו. דיזאזיקע ארבעט האט די אפאזיציע קעסיידער צוויעסדיק פאר־דעקט מיט באל-משווע-פראזן. אלס ענטפער אף דער דער־קלערונג פון דער פארטיי, אז די אפאזיציע בויט א צווייטע פארטיי, האבן די אפאזיציא־נערן ווידעראמאל דערלאנגט אינעם צ״ק א מעלדונג (אין אווגוסט 1927 יאר), אז זיי „פארורטיילן יעטווידער פרווו צו שאפן א צווייטע פארטיי“. אז זיי פארורטיילן די „שפאל־טונג-פאליטיק“, אז זיי „וועלן אויספילן אלע באשלוסן פון דער אלק״פ (ב) און פון איר צ״ק“, אז זיי זיינען „גרייט צו טאן אבסאליוט אלץ אף צו פאר־ניכטן אלע פראקציע-עלעמענטן“ און אזוי ווייטער.

אין איניקע וואכן ארום האט די „אגעפעאו“ אויפגעדעקט אן אומלעגאלע דרוקעריי פון דער אפאזיציע, וואס אינעם ארגאניזירן זי האבן זיך באטייליקט אויך אומפארטייישע.

אין דערזעלבער צייט שטעלט צונויף די אָפּאָזיציע איר פּראָגראַם („פּלאַטפאָרם“), וואָס זי שטעלט קעגן דער פּאַרטיי=פּראָגראַם און דרוקט זי אין אומלעגאַלע און (אַף אַ שווינדלערישן אויפן) אין לעגאַלע דרוקערייען און פאַרשפּרייט זי אומעטום.

די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון דער אָפּאָזיציע ווערן אַלץ אָפטער, די אָפּאָזיציע אָרגאַניזירט אָפן איר אייגענע פּאַרטיי.

ווען דער אָקטיאַבער=פּלענום פון צ״ק און צק״ק (אין סאָף אָקטיאַבער 1927 יאָר) האָט זיך דערוווסט, אַז טראָצקי און זינאָוויעוו האָבן אַ צווייטן מאָל אָפּגענאַרט די פּאַרטיי און זעצן פאָר די פראַקציאָנעלע אַרבעט אין דער שאַרפסטער פאָרם, האָט ער באַשלאָסן אויסצושליסן די־דאָזיקע כאַווירים פונעם באַשטאַנד פונעם צ״ק.

אָבער די אָפּאָזיציע האָט גאָר ניט געהאַט בעדייע אָפּצושטעלן איר אַנטיפּאַרטייִשע מעטיקייט.

אַז זי האָט געליטן אַ מאַפּאָלע אין דער פּאַרטיי, האָט זי באַשלאָסן באַנוצן זיך מיט נאַסן=אַרויסטרעטונגען, ד: ה. אַריינצוציען אינעם פּאַרטייִשן קאַמף די אומפּאַרטייִשע מאַסע. אינעם טאָג פונעם צעניאָריקן יובילײ פון דער אָקטיאַבער=רעוואָליוציע האָט די אָפּאָזיציע געפּרוווט אַרויסטרעטן אָפן גאַס אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע קראַפט, מיט אירע אייגענע לאָזונגען. טראָצקי, זינאָוויעוו, סמילגאַ א. אַנד. האָבן זיך געפּרוווט אַרויסטרעטן מיט רעדעס און לאָזונגען פאַר די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער=מאַסן — אָבער זיי זיינען אַנראַכמאָנעסדיק אויסגעפייפט געוואָרן.

די־דאָזיקע אַרויסטרעטונג איז שוין געווען אַ דירעקטער טריט צו קאָנטררעוואָליוציע און בירגער=קריג. זי האָט דירעקט געצילט קעגן דער דיקטאַטור, קעגן דער האַרגעמאַכט. דער צ״ק האָט דעמאָלט באַשלאָסן אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי די אָפּאָזיציאָנערן, וואָס טרעטן אַרויס אַף אומפּאַרטייִשע פאַרזאַמלונגען קעגן דער פּאַרטיי; אַלע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון דער אָפּאָזיציע פּאַנאַנדערלאָזן מיט דער הילף פון די קרעפטן פון די פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציעס.

דעמאָלט זיינען אַפילע געוויסע מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע, ווען זיי האָבן דערזען, וואָהין די „פירער“ האָבן זיי פאַרפירט, אַוועק פון איר און האָבן מיטגעטיילט דער פּאַרטיי וועגן דער אומלעגאַלער אַרבעט, וואָס די אָפּאָזיציע האָט געפירט.

פאַר דער פּאַרטיי איז אופגעדעקט געוואָרן די גאַנצע צוגרייטונג צו שאַפן אַ צווייטע פּאַרטיי: די סיסטעם פון ווערבירן נייע מיטגלידער, די אָרגאַניזירונג פון זאַמלען מיטגליד=אָפּצאָלן, דאָס צונויפרופן קאָנפערענצן, דאָס אָרגאַניזירן אייגענע אָרגאַנען (ביז אייגענע פּלענומען פון צ״ק) א. א. וו.

רעטאָלט, שוין ערעוו דעם צוזאמענפאָר, האָבן דער צ״ק און די צק״ק אָנגענומען נייע כאַמפמיטלען קעגן דער אָפאָזיציע. טראָצקי און זינאָוויעוו זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פארטיי. די מיטגלידער פון צ״ק און צק״ק — אָפאָזיציאָנערן (11 מאן — קאמעניעוו, ראקאָווסקי, סמילגא, יעוודאָקימאָוו, א. אנד) זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דידאָזיקע העכסטע פארטיי-אָרגאנען און אראָפגענומען געוואָרן פון פאראנטוואָרטלעכער ארבעט.

אין פארלויף פון דער לעבהאפטער פארטיי-דיסקוסיע ערעוו דעם XV צוזאמענפאָר האָט זיך די מיינונג פון דער פארטיי ארויסגעוויזן מיט אן אבסאָלוטער קלאָרקייט. בא די פאָרטראָגן וועגן דער פלאטפאָרם פון דער אָפאָזיציע אויף די פארטיי-קעמערלעך האָבן געשטימט פאר דער פארטיי און פארן צ״ק 724 טויזנט מאן, פאר דער אָפאָזיציע — 4 טויזנט. די אָפאָזיציע איז שענדלעך דורכגעפאלן.

דער צוזאמענפאָר האָט אונטערגעפירט אן ענדגילטיקן סאכאקל פונעם אָפאָזיציאָנעלן קאמף קעגן דער פארטיי.

די אָנשויונג-סיסטעם פון דער אָפאָזיציע

ווען דער באָלשעוויזם האָט געקעמפט מיט די מענשעוויקעס און מיט די טראָצקיסטן אינעם פעריאָד פון דער ערשטער רעוואָליוציע, איז איינע פון די ראדיקאלע מיינונגס-פארשיידנקייטן געווען די פראגע וועגן די קעגנזייטיקע פארהעלטענישן פונעם פראָלעטאריאט און פויערטום.

נאָכן ניצאָכן פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע איז דיזעלבע פראגע פארבליבן אלס איינע פון די גרונט-פראגן פון דיקטאטור. לענין האָט געשריבן:

„10—20 יאָר ריכטיקע פארהעלטענישן מיטן פויערטום — און עס איז באוואָרנט דער ניצאָכן אין אלוועלטלעכן מאסשטאב, אויב די פראָלעטארישע רעוואָליוציעס, וואָס וואקסן, וועלן זיך אפילע פארציען“.

דידאָזיקע ריכטיקע פארהעלטענישן דארפן, ווי באוווסט, באשטיין אין דעם, וואָס שטיצנדיק זיך, אין דער ערשטער ריי, אף *די האלבפראָלעטארישע*, אָרעמפויערשע שיכטן פון דאָרף, שאפט די פארטיי א פעסטן בונד מיט דער גרונט-מאסע פויערים, מיטן *מיטלפויער*.

די אָפאָזיציע פון אלע שאטירונגען האָט גראָד אין דער דאָזיקער פראגע שארף איינגעריסן מיטן לעניניזם. טראָצקי, אי. נ. סמירנאָוו האָבן ביכלאל פארגעלייגט מאקריוו צו זיין דעם בונד מיטן מיטלפויער און איינרייסן מיט אים. פרעאָבראזשענסקי האָט באטראכט דאָס דאָרף ווי א קאָלאָניע, וואָס אף איר עקספלואטאציע ווערט געבויט די אינדוסטריע. וו. סמירנאָוו, סמילגא א. אנד. האָבן

פאַרגעלייגט צו הייבן די פרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס, ד. ה. אין דער ווירקלעכקייט אַרויספּאַמפּען וואָס מער געלט פון דאָרף. די אָפּאָזיציע האָט פאָרגעלייגט א פּלאַן פון איבער-אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט אויך באַטייט פאַרשטאַרקן דעם דרוק אַפן פּויערטום.

מיט איין וואָרט, די אָפּאָזיציע (סיי די מענשעוויקעס און טראָצקיסטן און סיי די „לינקע" קאָמוניסטן אין די פריערדיקע עטאַפּן פון אונדזער קאַמף) האָט זיך ניט גערעכנט מיטן פויערטום, האָט געשטויסן דעם פּראָלעטאַריאַט אַף אן איינרייס מיטן מיטלפּויער.

פון דעמדאָזיקן גרונט-פעלער האָבן זיך לאָגיש גענומען א ריי אַנדערע — קוידעמקאָל די נימריכטיקע עקאָנאָמישע מאַסטיפּלען, וואָס די אָפּאָזיציע האָט רעקאָמענדירט.

אַף וויפל די אָפּאָזיציע האָט געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי-מערהייט „טראָגט זיך צו פיל ארום מיטן מיטלפּויער", איז זי געגאַנגען אויך ווייטער און האָט באַהויפּטעט, אַז די פּאַרטיי רופט צו א בונד אויך מיטן באַלעגוף, אַז זי זעט ניט די באַלעגופּישע געפאַר א. אנד. און צוזאַמען דערמיט איז געשאַפן געוואָרן די טעאָריע, אַז די פּאַרטיי האָט זיך איינגעטלעך אָנגעשטעקט מיט קלייגבירגערלעכע (פּויערשע) אָנשווינגען (מאַמעש איבערגעכאַזערט די באַשולדיקונגען פון די מענשעוויקעס און פון די „לינקע קאָמוניסטן" קעגן לענינען).

און ווי באַלד אַזוי, הייסט עס, אַז אונדזער מעלוכע איז „ניט קיין ריין פּראָלעטאַרישע", הייסט עס, אַז די פּאַרטיי ווערט איבערגעבוירן, אַז מיר לעבן איבער א טערמידאָר-טקופע, אַז דער צ"ק איז קאָנטר-רעוואָליוציאָנער (סאַפּראָנאָוו); אַז מע דאַרף בייטן די אָנפירונג, מע דאַרף שאַפן א ריינע אַרבעטער-פּאַרטיי און געבן עקזיסטענץ-רעכט אויך אַנדערע פּאַרטייען (אָסאָווסקי).

מיט איין וואָרט, די אָפּאָזיציע האָט געקלאַפּט אינעם סאַמע מעהוס פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. זי האָט אַרויסגערוקט די אַלטע מענשעוויסטישע טעאָריע וועגן דער דערלאָזבאַרקייט פון פראַקציעס אין דער פּאַרטיי און האָט זיך ניט בלויז געפּרוווט אַראָפּוואַרפן דעם באָלשעוויסטישן צ"ק, נאָר זי האָט טאַקע פאַרלייגט די יעסוידעס פון איר נייער, קלוימערשט, „ריין אַרבעטערשער" פּאַרטיי.

צווייפלענדיק אינעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון דער ראַטנמעלוכע און אין דער ריכטיקער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי, האָט די אָפּאָזיציע נאַטירלעך אויך געצווייפלט אין דעם, אַז אונדזערע קאָמאַנדיר-הויכן (די אינדוסטריע אין דער ערשטער ריי) טראָגן א סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

און אַף וויפל זי האָט ניט געטרויט דעם בונד מיטן מיטלפּויער, האָט זי געמוזט צווייפלען אויך אין דעם, צי איז בא אונדז מעגלעך א פּאַנאַנדערגעוויקלטע סאָציאַליסטישע בויונג. אַזוי איז באַגרינדעט און לאָגיש צונויפגעשטעלט גע-

האָרן די טעאָריע וועגן דער אומעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד.

דערדאָזיקער גאַנצער סכום אָנשויונגען האָט קיין שום שייכעס ניט געהאַט מיטן לעניניזם, דאָס איז געווען א רעוויזיע (איבערקוק) פונעם לעניניזם, קעדיי איינצופונדעווען אין דער פּאַרטיי די אַלטע מענשעוויסטישע, סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָנשויונגען.

ניט אומזיסט האָט די אָפּאָזיציע באַגעגנט אַזאַ מיטגעפיל מיצאַד אַלע רענעגאַטן, וואָס מע האָט אַרויסגעטריבן פונעם קאָמינטערן און אַפילע מיצאַד דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אַליין. דער 2-טער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָך שטענדיק געטיינעט, אַז די באָלשעוויסטישע אָנפירונג פירט דאָס לאַנד צום אונטערגאַנג, אַז קיין שום סאָציאַליזם איז בא אונדז ניטאָ, אַז פון אַן אַרבעטער-פּאַרטיי זיינען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּויערשע, בורזשואַזע פּאַרטיי, אַז בא אונדז איז א פּאַרטיי-דיקטאַטור איבערן אַרבעטער-קלאַס א. א. וו., א. א. וו.

די אָפּאָזיציע בא אונדז האָט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די אָנשויונגען פונעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל.

ערעוו דעם 15-טן צוזאַמענפאָר איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פּאַרטיי האָט אַבסאָליוט פאַרורטיילט די אָפּאָזיציע. אַפן 15-טן צוזאַמענפאָר האָט די אָפּאָזיציע, אַנשטאָט צו דערקלערן אָפן אירע פעלערן, זיך אַוועקגעלאָזט אין דיפּלאָמאַטישע קונצן און אַרויסדרייעניש. ווידער אַמאָל האָבן זיך באַוויזן קאָלערליי פאַרזיכערונגען און האַפטאָכעס ניט צו פירן קיין פראַקציאָנעלן קאַמף. דער צוזאַמענפאָר האָט פאַרצייכנט, אַז די כילוקע-דייעס מיט דער אָפּאָזיציע זיינען פאַרגאַנגען אַזוי טיף, אַז זיי האָבן אַנגערירט אויך די פּראָגראַם-פראַגן און קימאַט אַלע פראַגן פון דער טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע, די אָפּאָזיציע איז געוואָרן אַן אָפענער דורכגאַנג פאַר יעטווידער „אַנטיסאָוועטישער אַרבעט פון די בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, זי האָט אָנגעהויבן א רעכילעסדיקע קאַמפּאַניע קעגן דער פּאַרטיי, זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען פונעם קאָמינטערן, האָט געשאַפן א צווייטע פּאַרטיי“.

אַף דער פאָדערונג פונעם צוזאַמענפאָר אָפּזאָגן זיך פון אירע מענשעוויסטישע אָנשויונגען האָט די אָפּאָזיציע געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג. דעמאָלט האָט דער צוזאַמענפאָר באַשטעטיקט די ריכטיקייט פונעם אויסשליסן טראָצקין און זינאָוויעוון פון דער פּאַרטיי, האָט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי 75 טוער פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע (קאַמעניעוו, פּיאַטאַקאָוו, ראַדעקן, ראַקאָווסקין, יעוודאָקימאָוו א. אַנד.) און אויך סאַפּראָנאָוום גרופּע (23 מאַן) אַלס אויסגעשפּראָכענע אַנטירעוואָליוציאָנערע.

די דאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע, סאַפּראָנאָוום, וו. סמירנאָוום א. אַנד. (די אַזוי גערופענע גרופּע פון „דעמאָקראַטישן צענטראַליזם“ אָדער „דעציסטן“) האָט

פאַרנומען אַן אָפן קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע פּאָזיציע. זי האָט, לעמאַשל, באַהויפּטעט, אַז דער צ״ק איז „ערופגעטראָטן אפּן וועג פון מעלובע-איבערקערעניש און פון פּאַרטיי-ליקווידאַציע״, ד. ה. „אפן וועג פון קאָנטער-רעוואָליוציע״.

דער XV צוזאמענפאָר האָט געמאכט א סאָף צום אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, ער האָט זיך אָנגעהויבן צעפאלן און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א הייפל פּראַקציאָנערן-אינטעליגענטן, וואָס קעמפן קעגן דער פאַרטיי.

א טייל אָפּאָזיציאָנערן (הויפּטזאכלעך ארבעטער) האָט אנערקענט די פעלערן, זיינען אַוועק פון דער אָפּאָזיציע און אומגעקערט זיך אין פאַרטיי. צווישן זיי: זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, פּיאַטאַקאָוו און אַנד. דער צווייטער טייל (טראָצקי, די סאַפּראָנאָווצעס) זיינען אַוועק נאָך ווייטער און זיך דערקייקלט צו קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען.

ניט איבערייסנדיק זייער אומלעגאַלע ארבעט, האָבן זיי אָנגעהויבן ארויסרוקן די לאָזונגען — קאמף קעגן דער סאָוועטן-מאכט, זיי האָבן גערופן „איינצורייסן מיט דער פאַרטיי און מאָביליזירן דעם ארבעטער-קלאַס קעגן דער פאַרטיי״. זיי האָבן זיך אָפן אָנגעהויבן צו גרייטן צו א בירגער-קריג.

די סאָוועטן-רעגירונג, וואָס היט אָפּ די דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט, האָט געמוזט אַרעסטירן און ארויסשיקן די מער אַקטיווערע טראָצקיסטן און סאַפּראָנאָווצעס.

טראָצקי איז ארויסגעשיקט געוואָרן אין אויסלאנד. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין בורזשואַזע צייטונגען פיינטלעכע ארטיקלען קעגן דער פאַרטיי און סאָוועטן-מאכט. אין דידאָזיקע ארטיקלען גלייבט ער צו די פאַרטיי-צוזאמענפאָרן צו זאמלונגען פון טשינאָווניקעס און מעשאָרסים, ער האָט דערקלערט, אַז די פאַרטיי-פּאָליטיק איז געווענדעט קעגן דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע און פירט צום טריומף פון די אָנהענגער פון פּריוואַט-אייגנטום איבער דער וועלט-רעוואָליוציע. א. א. וו. צוזאַמען מיט די ווייסגווארדייער האָט ער דערקלערט די ג. פּ. או. פאר א „טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע״, וואָס שיקט ארויס „ארבעטער-פירער״. האקלאל, ער האָט אלץ אויסגענוצט אָפּ צו דערלאנגען א קלאַפּ דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און דער פאַרטיי. קלאָר, אַז די בורזשואַזע פּרעסע באַגריסט טראָצקיס אַרטיקלען, די סאָציאַל-דעמאָקראַטן זאָרגן, מע זאָל אים אַריינלאָזן אין יענע לענדער, ווו ער קלייבט זיך פאָרן. טראָצקי פאַרענדיקט זיין פּאָליטישע קאַריער אין די רייען פון אונדזערע אָפענע סאָנים.

טראָצקיס ענדגילטיקע יערידע האָט דעמאָראַליזירט די טראָצקיסטישע רייען: אַסאַך טראָצקיסטן האָבן אָנערקענט זייערע פעלערן קעגן דער פאַרטיי. עס זיינען אָבער נאָך פאַרבליבן אַזעלכע, וואָס פירן ווייטער א קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע ארבעט.

טראָצקיזם איז געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכן קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע שטרעמונג, וועלכע שטייט אינגאַנצן אויסער די גרענעצן פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי קעמפט קעגן אים, ווי קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

קלאָר, אַז אויך טראָצקיס לעצטע פּראָגראַם (פאַרעפנטלעכט אין פרילינג 1930 י.) איז אינגאַנצן אָנגעמבאַר פאַר אונדזערע קלאַסן-סאָנים. זי באַשטייט אין פאָלגנדיקע פונקטן: פאַרהאַלטן די ווייטערדיקע קאָלעקטיוויזאַציע, אָפּשטעלן דאָס אַנטבאַלעבוטעווען, אָפּוואַרפן דעם לאָזונג „דעם פינפיאָר אין פיר יאָר" און פאַרהאַלטן די אינדוסטריאַליזאַציע, פאַרורטיילן די זעלבסטקריטיק, אָפּזאָגן זיך פון דער טעאָריע אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד א. א. וו.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אינגאַנצן אָפּטרעטן פאַרן באַלעבאַטישטום און פאַר דער בורזשואַזיע. דערביי זאָגן די טראָצקיסטן: אױפן אַרבעטער-קלאַס קאָן מען זיך ניט אָנשפּאַרן, מ'דאַרף זיך אָנשפּאַרן אַף די פּויערים. אייניקע פון זיי זאָגן פּאָשעט, אַז זיי האָפן זיך שטעלן אין שפּיץ פון דער אויפשטאַנד-באַוועגונג פון די פּויערים, וואָס די באַלעבאַטים רופן אַרויס.

מ'דאַרף באַמערקן, אַז דיזאָזיקע טראָצקיסטישע פּלאַטפאָרמע איז אין אייניקע פונקטן גאַנץ גאָענט צו דעם, וואָס עס באַהויפּטן די רעכטע עלעמענטן פון אונדזער פּאַרטיי.

קאָנטראָל-פראַגן

1) וואָס פאַר אַ געפאַר פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט שטעלט מיט זיך פאָר די פרייהייט פון פראַקציעס און גרופּירונגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

2) אין וואָס זיינען באַשטאַנען די הויפּט-מיינונג-פאַרשיידנהייטן צווישן דער פּאַרטיי מיט די „לינקע קאָמוניסטן" און מיט טראָצקין אינעם פּעריאָד פון ברעסטער שאָלעם?

3) אין וואָס זיינען באַשטאַנען די פעלערן פון דער נייער אָפּאָזיציע פון 1925 ביז 1927 יאָר.

4) פאַרוואָס מוזן אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען און אָפּנויגלער קעמפן דאַפקע קעגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון אונדזער פּאַרטיי?

5) פאַרוואָס מוז אין די באַדינגונגען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור יעדער אָפּאָזיציע אין אונדזער פּאַרטיי ווערן אַ צוזאַמענטרעף פאַר אַלע פיינטלעכע קוויכעס פונעם פּראָלעטאַריאַט?

פּראַקטישע פאַרגעבונגען

1) קוקט דורך די פּראָטאָקאָלן פון דער קעמערל-ביוראָ זינט די לעצטע איבערוואַלן און שטעלט פעסט, וויפל מאָל האָט פאַר דער צייט געטראָפן, אַז מע

זאָל צוציען פּאַרטייער צו פּאַרטייִשער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פאַר וואָסערע מייסים. אפן גרונט פון דידאָזיקע מאַטעריאַלן באַשליסט — ווי ווייט דאָס קעמערל איז אידעאָלאָגיש פעסט און וועלכע טיילן פון דער אַרבעט פאָדערן אַ באַזונדערט ערנסטע אופמערקזאַמקייט. דערציילט וועגן דעם אַף די לימודים. דער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף איבערגעבן די מיינונג פון דער שול דעם סעקרעטאַר פון קעמערל.

2) פאָרשט אוים לויט די פּראָטאָקאָלן פון דעד קעמערל־ביוראָ פאַרן לעצטן האַלב יאָר די פּראָפּאָרץ צווישן די אָפענע און פאַרמאַכטע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אף אייער אונטערנעמונג; מאַכט קלאָר, וועלכע פראגן פונעם טאָג־סיידער האָבן מער אינטערעסירט די אומפּאַרטייִשע און וויאַזוי האָבן זיי דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען באַזוכט. קוקט זיך צו צו אייער אייגענעם צעך און באַשליסט — צי האָט די קעמערל־ביוראָ ווי געהעריק צוגעפּאַסט דעם אינהאַלט פון די אָפענע פאַרזאַמלונגען צו די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און צו די אופגאַבן פונעם טאָג.

ליטעראַטור

1. סטאַלין — „פראגן פון לעניניזם“, קאַפּ. VIII „פּאַרטיי“. פּאַראַגראַפן 4 און 5.

2. רעזאָליוציע פונעם X צוזאַמענפאָר פון רק״פּ (ב) וועגן דעם סינדיקאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן אָפּנויג אין אונדזער פּאַרטיי (לענין, אויסגעווילטע ווערק, ב. VII ט. 1, ייִדישע אויסגאַבע ז״ז 74—78).

קאַפּיטל XI. דער קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג און „לינקע“ קנייטשן

נאָכן XV-טן צוזאַמענפאָר.—די באַציִונגען צום פּויער.—אַנטשיידע-נער אָנגריף אַפן באַלעגוף.—די באַציִונג צו קאָלווירטן און ראַטווירטן. — די טעאָריע פון האַנאָבעס. — די נויטוועגדיקייט פון אַן אָנגע-שטרענגטן טעמפּ. — קעגן זעלבסטקריטיק. — פראַגן פון אינטערנאַ-ציאָנאַלער פּאָליטיק. — דער דורכפאַל פון די טעאָריעס פון די רעכטע אָפּנויגלער. — דער רעכטער אָפּנויג אין דער פּראַקטיק — דער קאַמף אַף צוויי פראָנטן.

די קליינבירגערלעכע סטיכיע, וואָס רינגלט אַרום דעם פּראָלעטאַ-ריאַט, שטעקט אים אָן מיט אַלערליי וואַקלונגען, וועלכע פאַרשטאַרקן זיך באַזונדערס בײַ פאַרשיידענע בויונג-שוועריקייטן. דידאָזיקע וואַק-לונגען גיבן זיך איבער די ווייניק שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן אין פּאַרטיי, רופן אַרויס אָפּנויגן און ניט-שטאַנדהאַפטיקייט אין דער פּאַר-טיי גופע. די פּײַנטלעכע קלאַסאָווע ווירקונגען רופן אַרויס דעם רעכטן אָפּנויג אין די פּאַרטיי-רייען. דערדאָזיקער אָפּנויג האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט נאָכן XV-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט יענע שוועריקייטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם איצטיקן פּעריאָד פון אונדזער בויונג און די פאַרשטאַרקונג פונעם קלאַסן-קאַמף. צווישן דעם XV און XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָבן די רעכטע אַנטוויקלט אַן ענערגישן קאַמף קעגן דער גענעראַלער ליניע פון דער פּאַרטיי.

די רעכטע האָבן געשטויסן די פּאַרטיי צו אַ פּשרהדיקן מיטן באַלע-גוף, זיי האָבן דערווידערט קעגן דעם געגומענעם אינדוסטריאַליזאַציע-טעמפּ, קעגן דער פאַרשטאַרקטער ראַטווירט- און קאָלווירט-בויונג, קעגן דעם לאָזונג זעלבסטקריטיק א. א. וו. זיי האָבן געשטיצט די רעכטע און פּשרה-מאַכערס אין קאָמינטערן, זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין אַ פּאַניק פאַר די שוועריקייטן.

דער קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטער באַציִונג צו אים איז אַצינד די הויפּט-אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אין איר קאַמף פאַר דער לענינשער ליניע. מע מוז גיוועער זײַן דעם רעכטן

אפנויג און די פשערעדיקע באציונג צו אים, קעדיי צו קענען אויספילן יענע גיטע אויגאבן, וואס שטייען פאר דער פארטיי באם איבערגאנג פון אופשטעלונג צו רעקאנסטרוקציע פון דער פאלקס-ווירטשאפט.

א זיגרייכער פאנאנדערגעוויקלטער סאציאליסטישער אנגריף איבערן גאנצן פראנט איז ניט מעגלעך, אויב מ'וועט לעכאטכילע ניט אויסראטן דעם רעכטן באלעגופישן אפנויג. די פארטיי שטעלט איינציטיק ניט אפ. אויך דעם קאמף קעגן די „לינקע" קנייטשן רעצידיוון פונעם טראצקיזם, וועלכע פירן צו אן איינריים מיטן מיטל-פויער און העלפן פאקטיש מיט דעם רעכטן אפנויג.

1. וועגן באלעגוף

נאכן XV צוזאמענפאר

דער XV פארטיי-צוזאמענפאר (דעקאבער 1927 י.) האט אנגענומען א ריי אויסערסט וויכטיקע באשלוסן. אט האט איר א ביישפיל.

ער האט געפונען פאר נייטיק צו פארשטארקן דעם אנגריף אפן באלעגוף אפן גרונט פון אונדזער פאליטיק צו שטיצן זיך אף דער ארעמקייט און בונד מיטן מיטלפויער און אנטשלאסן ארויסשטויסן דעם באלעגוף און פריוואטניק. ער האט אנגעוויזן, אז פאר דער סאציאליסטישער אינדוסטריאליזאציע איז נייטיק ראציאנאליזירן די פראדוקציע און אנפירונג און גיין פארויס מיט א שנעלן און אנגעשטרענגטן טעמפ. באר אזוי וועלן מיר אניאגן און איבעריאגן די קאפיטאליסטישע לענדער. ער האט אונטערגעשטראכן די באזונדערע וויכטיקייט פון דער סאציאליסטישער רעקאנסטרוקציע אין דארף, אין דער ערשטער ריי דורך דער פארשטארקטער קאלווירטן- און ראטווירטן-בוויונג.

דריי פלענומס פון צ"ק אלק"פ(ב) אין 1928 י. (דער פעווראלער, יולער און נאיאברישער) האבן ווייטער אנטוויקלט די באשלוסן פונעם XV-טן צוזאמענפאר אפן גרונט פון דער געשאפענער ווירטשאפטלעכער און פאליטישער לאגע, אנגעמערקט א ריי צוגאב-מיטלען אף דורכצופירן די אינדוסטריאליזאציע און סאציאליסטישע רעקאנסטרוקציע פון דער לאנדווירטשאפט.

אונדז איז אויסגעקומען איבעראגיים צו שטעלן די פראגע וועגן צוגרייטן רויטע ספעציאליסטן אף דורכצופירן די אינדוסטריאליזאציע פון לאנד און די סאציאליסטישע רעקאנסטרוקציע פון לאנדווירטשאפט. די פארטיי האט ברייט פאנאנדערגעוויקלט די זעלבסטקריטיק. מיר האבן באהאפט צוגרייטן

די פארטיי און דעם מעלוכע-אַפאַראַט צום אויספילן די נייע אויפגאַבן, אַנשטאָט די שווערד צו נייע שלאַכטן. די פאַרטיי-באַשלוסן וועגן טראָפזועצן דעם קערנקאָפט און אַנטשלאָסענער ראַציאָנאַליזאַציע האָבן געצווונגען דורכ-צוקוקן די גאַנצע פראַקטיק פון אונדזערע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען. די פאַר-ערגערטע לאַגע מיט ברויט האָט געצווונגען אַפן סאַמע אַנטשייהנסטן אויפן א רוק טאָן פאָרויס די קאָלווירטן- און ראַטווירטן-בויונג. ענדלעך, איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַרשטאַרקטן קאַמף מיט ביוראָקראַטיזם און עס איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן די רייניקונג פון מעלוכע-אַפאַראַט און די פאַרטיי-רייניקונג. די פאַרטיי האָט איבערגעבויט אירע אייגענע רייען און אַלע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס אין העסקעם מיט די פאָדערונגען פונעם נייעם פעריאָד, זי האָט איבערגעבויט די מעטאָדן פון דער אַרבעט אין העסקעם מיט די נייע אויפגאַבן פונעם פאַנאַנדערגעוויקלטן אָנגריף און דער מאָביליזירונג פון די מיליאָנען מאַסן אַרבעטנדיקע.

אונדזער קורס אַף סאָציאַליסטישער בויונג, אַף אויסוואָרצלען די יעסוידעס פון קאַפיטאַליזם האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן א קאָנטר-אַטאַקע מיצאַד דעם באַלעגוף און נעפמאַן. דאָס קאַפיטאַליסטישע קעפל אין דאָרף, וואָס איז אונ-טערגעוואַקסן פאַר די נעפ-יאָרן, האָט אַרויסבאַוויזן אַן עקשאָנעסדיקן ווידער-שטאַנד דער מעלוכישער פאָליטיק פון טווע-פאַרגרייטונגען, רעגולירונג פון מאַרק און דער פרייזן-פאָליטיק. דער קלאַסנקאַמף אין לאַנד האָט זיך פאַרשאַרפט.

אַט די שווערע לאַגע האָט אַרויסגערופן אין אונדזער פאַרטיי א פאַר-שטאַרקונג פון רעכטע וואַקלונגען, א וווּקס און אויסבילדונג פונעם רעכטן אָפנויג. א טייל כאַווייריִם האָבן זיך דערשראָקן פאַר די שוועריקייטן, א וואַקל געטאָן זיך פאַר די נייע קאָמפּליצירטע אויפגאַבן, אונטערגעגעבן זיך דער ווירקונג פונעם באַלעגוף און נעפמאַן, אָפגעטראָטן פון דער גענעראַלער פאַרטיי-ליניע.

די רעכטע גופע האָבן זיך געפרוווט פאַרלייקענען, אַז זיי האָבן געהאַט א באַזונדערע ליניע פון דער פאַרטיי. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן בלויז אייניקע הויסאָפעס צו דער גענעראַלער פאַרטיי-ליניע. דאָס איז געווען ניט עמעס. די רעכטע אָפנויגלער פאַרטייידיקן א באַזונדערע ליניע, וואָס אונטערשיידט זיך פון דער פאַרטיי-ליניע, זייער פראָגראַם האָט אין טאָך געטראָגן א באַלעגופישן כאַראַקטער. די שטרעבונג צו באַהאַלטן דידאָזיקע לאַגע איז בלויז א שטריך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אָפאָרטוניסטן. אַן אָפאָרטוניסט שטרעבט שטענדיק צו פאַרשמירן דעם טאָך פון די ווידערשפרוכן, אָדער פרינציפיעלע בעלוקעדייעס, דאָס ברענגט צו „הויסאָפעלער", צו פאַרשטעלן פרינציפיעלע בעלוקעדייעס מיט פערזענלעכע פראַגן.

דער XV צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן אַף דער נויטווענדיקייט אַנטשייד צו קעמפן מיטן באַלעגוף. די רעכטע האָבן טאַקע דאַן געפּרוווט איבערקוקן העמהאַזיקן פאַרטיי-באַשלוס און האָבן געלייקנט אין דער נויטווענדיקייט פון אַן אַנטשלאָסענעם אָנגריף אַפן באַלעגוף און בכלל אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. איינער פון די פאַרשטייער פונעם רעכטן אָפּנויג, כ' פרומקין, האָט געשריבן: „מיר טאָרן ניט שטערן דער פּראָדוקציע אויך פון די באַלעגופישע ווירטשאַפטן, קעמפנדיק גלייכצייטיק מיט זייער פאַרשקלאַפנדיקער עקספּלואַטאַציע".

פרומקין האָט געמיינט, אַז „יעדער מיליאָן פוד טווע, פון וועלכער גרופּע ער זאָל ניט זיין, פאַרפעסטיקט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט". פאַר אונדז איז אָבער וויכטיק ניט בלויז די טווע גופא, נאָר אויך דאָס, ווער עס פּראָדוצירט זי — דער באַלעגוף, אָדער דער קאָלווירט, אָרעמאַן אָדער מיטלפויער א. ד. גל. וואָס מער ברויט עס וועלן געבן די קאָלווירטן און ראַטווירטן, אַלץ שטאַרקער וועט זיין דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר אין דאָרף, אַלץ שטאַרקער וועט זיין אויך די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

דיזאָזיקע פּאָזיציע פון די רעכטע איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן לאָזונג „באַרייכערט זיך", וואָס כ' בוכאַרין האָט אַרויסגערוקט אין י. 1925 און דערנאָך אַליין אָנערקענט זיין פעלערהאַפטקייט. בוכאַרין האָט דעמאָלט געשריבן: „אין אַלגעמיין דאַרף מען דעם גאַנצן פויערטום, אַלע זיינע שיכטן זאָגן: „באַרייכערט זיך, זאַמלט אָן, אַנטוויקלט אייער ווירטשאַפט". דעמאָלט האָבן אייניקע אָנהענגער פון אָט דעם לאָזונג געטיינעט, אַז מיר טאָרן ניט שטערן די מיטעלע פויערשע ווירטשאַפט זאָל איבערוואַקסן אין אַ פעסטער, פאַרמעגלעכער (ד. ה. באַלעגופישער) ווירטשאַפט.

אונדזער לאָזונג איז אָבער ניט אָנזאַמלונג בכלל, נאָר סאָציאַליסטישע אָנזאַמלונג. פאַר אונדז איז וויכטיק ניט די אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון יעדער (ד. ה. אויך באַלעגופישער) ווירטשאַפט, נאָר די פאַרפעסטיקונג פונעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין דאָרף — פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן. מיר האַלטן אונטער די אָרעמפויערישע ווירטשאַפט, שטיצן דעם מיטלפויער, אָבער פאַרפעסטיקן די באַלעגופישע ווירטשאַפטן קלייבן מיר זיך ניט. קעגן דעם באַלעגוף פירן מיר אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף.

אין 1927 און 1928 י. האָבן די באַלעגופים געהאַט גאַנץ באַדייטנדיקע רעזערוון ברויט. בעשאַס די ברויט-פאַרגרייטונגען האָבן זיי געפּרוווט אָרגאַניזירן אַן איינגאַרטיקן „ברויט-שטרייק". זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרקויפן דער מעלוכע קיין ברויט (האָגאָט די פרייזן זיינען אין 1928 י. אַביסל געהעכערט געוואָרן). זיי

האָבן אויך איינגערעדט די מיטלפויערים ניט צו פאַרקויפן קיין ברויט. דער גאַנצער איניען פון באַזאָרגן מיט ברויט איז געווען אין געפאַר. די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַן אַנטשיידענעם אָנגריף קעגן באַלעגוף. מיט דער הילף פון אַ געזעלשאַפטלעכן דרוק אויפן באַלעגוף מיצאַד די אָרעמפויערים און מיטלפויערים, אויסנוצניק, ווו-נייטיק, אויך אַדמיניסטראַטיווע דרוק-מיטלען, האָבן מיר זיך דערשלאָגן, די ברויט-פאַרגרייטונגען זאָלן דורכגעפירט ווערן.

די רעכטע האָבן אויפגעהויבן אַ שטורעם מיקויעד אָט-די מיטלען. זיי האָבן זיך אַנטשיידן געשטעלט קעגן יעטווידע דרוק-מיטלען, קעגן יעטווידע אויסער-אָרדנטלעכע מיטלען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלפּי נויט. אָנשטאָט דעם האָבן זיי פאָרגעלייגט פאַרווירקלעכן אַזאַ פּרייזן-פּאָליטיק, בײַ וועלכער דער באַלעגוף זאָל פריייוויליק פאַרקויפן זיין ברויט דער סאָוועטן-מעלוכע, פאַרגעסנדיק, אַז דער באַלעגוף איז דער ביטערסטער סוינע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דערביי האָבן די רעכטע געפּרווט פאַרשווייגן די באַדייטונג פון אַ זעלב-שטענדיקער אָרגאַניזאַציע פאַר דער ברייטער מאַסע אָרעמקייט. די רעכטע לייגן אויך פאָר אָפּשאַפן די אינדיווידועלע באַשטייערונג פונעם באַלעגוף, וואָס דאָס מוז בעפיירעש פאַרשטאַרקן די באַלעגופישע פּאָזיציעס. די רעכטע האָבן אָנשטאָט דעם שטיצן זיך אויף דער אָרעמקייט און דעם בונד מיטן מיטלפויער גערופן צו אַ פּשאָרע מיטן באַלעגוף, זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פונעם סאָציאַליסטישן אַנטוויקלונגס-וועג פאַרן דאָרף צו זיין קאַפּי-טאַליסטישן אַנטוויקלונגס-וועג.

די רעכטע האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער טעאָריע, אַז די באַלעגופים וועלן פרידלעך אַריינוואַקסן אין אונדזער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט, אַז די באַלעגופישע קאָאָפּעראַציע, געשטיצט אויף די קרעדיט-געזעלשאַפטן, וועט אַריינ-וואַקסן אין דער סיסטעם פון אונדזערע בענק, אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון אונדזער ווירטשאַפט. די רעכטע זיינען אַזוי אַרום געשטאַנען אויפן שטאַנד-פּונקט, אַז מיר וועלן קומען צו דער סאָציאַליסטישער אָנקלאַסן-געזעלשאַפט ניט דורך קלאַסנקאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, נאָר אויפן גרונט פון זייער פרידלעכן אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם (בוכאַרינס טעאָריע).

די פּאַרטיי זאָגט נאָר אַנדערש: מיר וועלן קומען צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט דורך אומבאַראַכמאָנעסדיקן קלאַסנקאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און קעגן באַלעגוף אין דער ערשטער ריי.

מיר האָבן געזען אויבן, אינעם קאַפּיטל וועגן די קאָלווירטן, אַז בעשאַס די פּאַרטיי האָט געשטעלט די פראַגע וועגן ליקווידירן דאָס באַלעגופּנטום אַלס קלאַס אויפן יעסאָד פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן די רעכטע ווידער גע-צווייפלט און האָבן מיט זייער גאַנצער פּאָליטיק געהאָלפן דעם באַלעגופּנטום אין זיין קאַמף קעגן דער ליניע פון דער פּאַרטיי.

2. וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען מיטן פויערטום

די באַציונג צו קאָל־ווירטן און ראַטווירטן

קעדיי צו באַגרינדן זייער אָריענטאַציע אַפֿן באַלעגוף, האָבן די רעכטע אויסגעקלערט אַ טעאָריע, אַז אונדזער פויערישע ווירטשאַפט דעגראַדירט, ד. ה. אַז זי האַלט קעטיידער אין פאַלן. ווי באַלד אַזוי, מוז מען שטיצן דעם באַלעגוף, ער גיט דאָך דער מעלוכע ברויט — אָן אים וועלן מיר אײַנגאַנצן אומקומען.

אינדערעמעס איז קיין שום פאַלן פון דער לאַנדווירטשאַפט ניט געווען, עס איז בלויז געווען אַן אומגעהייערע אָפּגעשטאַנענקייט פונעם אַנטוויקלונג־טעמפּ פון דער לאַנדווירטשאַפט אין פאַרגלייך מיט דער אינדוסטריע. די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט איז געגאַנגען, זי איז אָבער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. די הויפּט־סיבע דערפֿון איז די צעשטויבטקייט פון דער פויערשער ווירטשאַפט (פאַר דער מילכאָמע איז געווען בײַ אונדז 16 מיליאָן ווירטשאַפטן, אין 1928—29 י. — 25 מיליאָן) און דער נידעריקער טעכנישער שטאַנד. קעדיי אויפצוהייבן די לאַנדווירטשאַפט, מוז מען זי מאַכן גרעסער און באַוואָפענען מיט אַ נייער טעכניק — מיטן טראַקטאָר אין דער ערשטער ריי. דערפאַר טאַקע איז דאָס שאַפן קאָלווירטן און ראַטווירטן האַנט בײַ האַנט מיט העכערן די נעצעטגיש פון דער אָרעמער און מיטלפויערשער ווירטשאַפט די גרונט־אויפגאַבע אין דאָרף.

די רעכטע האָבן אָבער דערווײַדערט גראָד קעגן דער שנעלער אַנטוויקלונג פון קאָלווירטן און ראַטווירטן; זיי האָבן געמיינט, אַז דער גרונט־וועג אויפצוהייבן די פויערשע ווירטשאַפט ליגט נאָך ניט דורך דער גרויסער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער ווירטשאַפט, ניט דורך ראַטווירטן און קאָלווירטן, נאָר דורכן אויפשטייג פון דער איינצלנער פריוואַטער ווירטשאַפט. די רעכטע אָפּנייגלער האָבן באַשולדיקט די פּאַרטיי, אַז זי שטעלט זיך אַן אויפגאַבע צו שאַפן אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט (קאָלווירט, ראַטווירט) און פאַרגעסט די אויפגאַבע צו העלפן די אינדיווידועלע אָרעמע און מיטלפויערשע ווירטשאַפטן. אינדערעמעס, ווערן די ראַטווירטן און קאָלווירטן גאָרניט אַנטקעגנגעשטעלט די אינדיווידועלע אָרעמע און מיטלפויערשע ווירטשאַפטן אַלס פיינטלעכע קראַפט. די פּאַרטיי פאַרשטאַרקט די קאָלווירטן־ און ראַטווירטן־בויונג און גלײַכצײַטיק גיט זי הילף אויך די אינדיווידועלע ווירטשאַפטן.

דערווײַערנדיק קעגן די קאָלווירטן און ראַטווירטן, דאַלטשנדיק, אַז דעריקער איז פאַרברייטערן די פריוואַטע קליין־ווירטשאַפטן, האָבן די רעכטע זיך נאָכ־

געשלעפּט נאָכן באַלעגוף קעגן דעם טויט פונעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין דאָרף.

די טעאָריע פון האַנאַכעס

דעם טאָג פון צוזאַמענשלוס פונעם ארבעטער-קלאַס מיטן פּויער-טום האָבן די רעכטע פאַרשטאַנען אויך אַף אַן איינגאַרטיקן אויפן. זיי האָבן ארויסגערוקט אַ טעאָריע וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קעסיידער געבן האַנאַכעס דעם פּויערטום. די רעכטע זאָגן, אַז „יעדעס מאָל ווערט די פּאַרטיי-טאַקטיק באַשטימט דערפון, אין וועלכער זייט דער מיטלפּויער טוט זיך אַ וואַקל. אַף אַט די וואַקלונגען איז געבויט די לערע וועגן צוזאַמענשלוס מיטן מיטלפּויער". אַזאַ טעאָריע האָט אָבער קיין שום שייכעס ניט צום לעניניזם. לענין האָט געלערנט, אַז דעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף געהערן די אָנפירנדיקע ראָליע אינעם בונד צווישן די ארבעטער און פּויערים, אַז דער ארבעטער-קלאַס דאַרף, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער אָרעמקייט, דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן מיטלפּויער און אָנפירן מיט אים אינעם קאַמף קעגן באַלעגוף. אין באַזונדערע פראַגן גייט דער ארבעטער-קלאַס אַף האַנאַכעס דעם מיטלפּויערטום (אַזאַ האַנאַכע איז, לעמאָשל, געווען האָט העכערן די ברויט-פּרייזן זומער 1928 י.); מע מוז אָבער שטענדיק זען די גרענעצן פון די האַנאַכעס, געדענקען, אַז אין יעדן פאַל דאַרף די אָנפירנדיקע ראָליע געהערן צום ארבעטער-קלאַס.

כ' סטאַלין האָט ריכטיק געזאָגט: „דער צוזאַמענשלוס איז אונדז נייטיק ניט צוליב פאַרהיטן און פאַרייביקן די קלאַסן. דער צוזאַמענשלוס איז נייטיק, כדי מיר זאָלן דערנענטערן דאָס פּויערטום צום ארבעטער-קלאַס, איבערדערציִען דאָס פּויערטום, איבערמאַכן זיין פּסיכאָלאָגיע און צוגרייטן אַזוי אַרום די ליק-ווידאַציע פון קלאַסן אַף דער באַזע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ווער עס פאַרשטייט עס ניט, אָדער וויל עס ניט פאַרשטיין, דער איז ניט קיין מאַרק-סיסט, ניט קיין לעניניסט, דער איז אַ פּויערשער פילאָזאָף, וואָס קוקט צוריק, ניט פאָרויס".

די רעכטע האָבן געהאַלטן, אַז דעם צוזאַמענשלוס מיטן מיטלפּויער קאָן מען פאַרווירקלעכן בלויז דורכן מאַרק, דורך דער האַנדלס-פאַרבינדונג מיטן דאָרף; דערביי האָבן זיי זיך אָפּגעפונקלט ביז צום פאַרקריפּלען דעם מעהוס פון נעפּ. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַצינד איז דעריקער—די מאַרק-באַציִונגען, אַז דער צוזאַ-מענשלוס מיטן דאָרף קאָן גיין בלויז דורכן מאַרק. אינדערעמעסן האָבן מיר אַצינד נייע פּראָדוקציר-פאָרמען פונעם צוזאַמענשלוס — דורך ראַטווירטן, קאָלווירטן, קאָנטראַקטאַציע, מאַשין-באַזאָרגונג, מאַשין-טראַקטאָרנע סטאַנציעס

א. ד. גל. אַט די פּראָדוציר פאָרמען, וואָס שאַפן ניט אָפּ די אַלטע צוזאַמענשלום־פאָרמען, ווערן אין איצטיקן מאָמענט די באַשליסנדיקע.

די נויטווענדיקייט פון אַן אָנגעשטרענגטן טעמפּ

אַ שנעלער טעמפּ פון דער אינדוסטריע־אַנטוויקלונג, באַזונדערס די פּראָדוקציע פון פּראָדוציר־מיטלען, איז דער יעסאָד פון אינדוסטריאַליזאַציע.

פאַרוואָס דאַרפן מיר פירן די אַרבעט מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטן טעמפּ? קודעמקאָל צוליב אויסערלעכע סיבעס. אונדז רינגלען אַרום קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט א הויכער טעכניק, וואָס ווערט אַלץ פאַרפולקומט. בא אונדז שטייט דער פאַרגעשריטנסטער קלאַס בא דער מאַכט, די טעכניק אונדזערע איז אָבער אַ פאַרעלטערטע. מיר האָבן אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לויט אונדזער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. צוליב דעם ענדגילטיקן ניצאָכן פון סאָציאַליזם דאַרפן מיר אָניאָגן און איבעריאָגן דידאָזיקע לענדער אויך אין טעכניש־עקאָנאָמישן הינזיכט. אַנדערש וועלן מיר ניט קענען באַשיצן די אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער לאַנד.

עס זייַנען נאָך פאַראַן אינערלעכע סיבעס — די אָפּגעשטאַנענקייט פון אונדזער ערדאַרבעט און איר טעכניק. איבערבויען די לאַנדווירטשאַפט אויף אַ נייער טעכנישער באַזע איז מעגלעך בלויז אַנטוויקלענדיק די אינדוסטריע. בא אַ שנעלן אַנטוויקלונג־טעמפּ וועט די אינדוסטריע קענען געבן דעם דאָרף יענע הונדערטער טויזנטער טראַקטאָרס, אין וועלכע עס נייטיקט זיך, לאַנדווירטשאַפט־לעכע מאַשינעס, עלעקטראָסטאַנציעס א. א. און שאַפן אַ טעכנישע באַזע פאַרן סאָציאַליזם אין דאָרף.

דער XVI פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט אונטערגעשטראָכן, אַז מיר דאַרפן נאָך מער פאַרשנעלערן די טעמפּן און אַנטוויקלען אַן אָנגריף אויף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אויפן גאַנצן פראָנט — בלויז אויף אַזאַ וועג איז מעגלעך גיכער זיין אַלע שוועריקייטן.

די רעכטע האָבן ניט איינמאָל דערקלערט, אַז דער אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפּ, וואָס די פאַרטיי האָט גענומען, „פירט צו אַ קאַטאַסטראָפע". זיי האָבן פאָרגעלייגט זיך גלייכן אויף די „ענגע ערטער", ד. ה. פּראַקטיש פאַרקלענערן דעם טעמפּ און בויען א קלענערן פינפיאָריקן פּלאַן.

זיי האָבן געטיינעט, אַז דאַפקע די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער לייכטער אינדוסטריע, וואָס באַפרידיקט דעם נאָכפרעג אויף ציץ, שוכוואַרג א. ד. גל. וועט העלפן פאַרפעסטיקן דעם בונד מיטן פּויערטום. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז דאָס דאָרף נייטיקט זיך ניט נאָר אין געברויך־סכוירעס, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין דער

אינדוסטריע, נאָר מער פון אַלץ אין פּראָדוקציר־מיטלען (לאַנדווירט. מאַשינעס, אינווענטאַר א. אַ.), אין סטווירעס, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט דורך דער שווערער אינדוסטריע. די דערוויידערונגען קעגן דעם אינדוסטריאַליזאַציע־טעמפּ האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם שטאַנדפּונקט פון באַלעבאַטישקייט, וועלכער האָט זיך געשראָקן פאַרן וווּקס און פאַרפעסטיקונג פונעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר אין אונדזערווירטשאַפט. זייער פּאָליטיק וואָלט געפירט צו רעסטאַווראַציע (ווידער־אויפשטעלונג) פונעם קאַפּיטאַליזם אין אונדזער לאַנד.

3. דער קאמף קעגן דער פּאַרטיי

קעגן זעלבסטקריטיק

די רעכטע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם לאָזונג פון זעלבסטקריטיק, זיי האָבן געפרווט דערווייזן, אַז די זעלבסטקריטיק רייסט נאָר אַראָפּ די אַרבעט. דאָ האָבן זיי פּאָשעט געשטיצט אונדזערע ביוראָקראַטן, וואָס שטערן דער ריינ־יקונג פון אונדזערע אַפּאַראַטן פון פרעמדע עלעמענטן.

די רעכטע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי (טאָמסקי א. אַ.) האָבן זיך אויסגעבויט אַ פעסטע נעסט אינעם אָנפירנדיקן קעפּל פונעם אַלפּראָפּראַט און זיינען פונדאָרטן אָנגעפאַלן אַפן צ״ק, קעגנשטעלנדיק די פּראָפאַריינען — דער פּאַרטיי. אַפן VIII־טן פּראָפאַריין־צוזאַמענפאָר (דעקאַבער 1928 י.) איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּראָפאַריינען האָבן נאָך ניט באַוויזן שטעלן זיך בעראָש פון די מאַסן בײַם דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע אַז זיי שלעפּן זיך אָפּט אין עק, זיינען אָנגעשטעקט מיט ביוראָקראַטיזם, זיי מאָביליזירן שוואַך די מאַסע צום קאַמף מיט די שוועריקייטן, האָבן זיך ניט דערשלאָגן צו אַ העכערער דיסציפּלין און אַר־בעט־פּראָדוקטיווקייט א. אַ. וו. די אָנהענגער פונעם רעכטן אָפּנויג האָבן אָנגעשיידן געשטערט דער פּאַרטיי איבערצובויען די אַרבעט פון די פּראָפאַריינען אַף נייע יעסוידעס.

די אָפּאָרטוניסטישע אָנפירונג פונעם אַלפּראָפּראַט, אויסדריקנדיק טרייד־יוניאָניסטישע טענדענצן, האָט פאַרנומען אין אַלע גרונט־פראַגן אַן אַנטילע־ניניסטישע האַלב־מענשעוויסטישע פּאָזיציע — ניט אומזיסט איז אין אַפּאַראַט פונעם אַלפּראָפּראַט געווען אַזוי פיל געוועזענע מענשעוויקעס, בונדאָוצעס און אַזוי ווייניק (סאַכאַקל 9%) אַרבעטער.

די פּאַרטיי האָט געשטעלט אַפן טאָג־סיידער פראַגן פון טאָצגעוועט און שלאָגלעריי, און די אָפּאָרטוניסטן פון טאָמסקיס גרופּע האָבן געשטערט די איניציאַטיוו פון די מאַסן.

אָנשטאָט צו קעמפן קעגן די רעכטע האָט די פּראָפּאַרייִנישע פּרעסע געשוויגן און די רעכטע אָנפירער פון דער באַוועגונג (קאָזולעוו) האָבן דערקלערט, אַז ביכלאַל קאָן מען ניט געבן קיין פּלאַץ פאַר פּאַרטיי-מאַטעריאַלן אין דער פּראָפּאַרייִנישער פּרעסע.

די פּראָפּאַרייִנע האָבן אָנגעהויבן אומקעגנשטעלן זיך דער פּאַרטיי, כאָטש מיר ווייסן, אַז בלויז אַ ריכטיקע און פעסטע אָנפירונג מיצד דער פּאַרטיי קאָן פאַרוואַנדלען די פּראָפּאַרייִנע אין אַ ווירקלעך געווער צו אָרגאַניזירן די מאַסן צוליב דער סאָציאַליסטישער בויונג. די פּאַרטיי האָט, פאַרשטייט זיך, געשטיצט די שטרעמונג פון די פּראָפּאַרייִנישע מאַסן אָפּצופרישן די אָנפירונג און אויסבייטן די גאַנצע „רעכטע" העלפט פונעם אַלפּראָפּראַט.

די רעכטע האָבן אַרויסגערוקט שווערע באַשולדיקונגען קעגן דער פּאַרטיי. איבערכאַזערנדיק טראָצקיס ווערטער, האָבן זיי דערקלערט, אַז דער פּאַרטיי-אַפּאַראַט איז אַ „ביוראָקראַטישער". זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אַ פאַלשע רעכילעסדיקע טייִנע, אַז די פּאַרטיי האָט געשאַפן אַ „מיליטעריש-פעאָדאַלע עקספּלואַטאַציע פון פויערטום" און נעמט באַ די פויערים צינז. אָט די רעכילעסדיקע באַשולדיקונגען קעגן דער פּאַרטיי באַטייטן, אַז דער רעכטער אָפּנויג הויבט אָן אַריבערצוגיין אַפן וועג פון פראַקציאָנעלן קאַמף קעגן דער פּאַרטיי. וועגן דעם זאָגט איידעס די שטרעבונג צו פּרינציפּלאָזע בלאָקן, די פּרוּוון צו ווירקן אַף דער פּאַרטיי דורך דעמיסיעס א. ד. גל.

פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק

אין די פראַגן פון וועלט-פּאָליטיק און קאָמינטערן-פּאָליטיק האָבן זיך די רעכטע אַראָפּגעקייקלט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָפּשאַצונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע.

בוכאַרין האָט געשאַפן אַ גאַנצע טעאָריע פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", וועלכע האָט באַדאַרפט דערווייזן די שטאַנדהאַפטיקייט פונעם קאַפּיטאַליזם און זיין קאַמף קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען אינגאַנצן אַ סאָצ.-דעמאָקראַטישע טעאָריע.

דער אָנטשלאָסענער קאַמף פון דער פּאַרטיי קעגן די רעכטע און פּשאַרעמאַכער אין קאָמינטערן האָט אַרויסגערופן מעלדונגען פון די רעכטע, אַז די פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי „דעמאָראַליזירט" דעם קאָמינטערן. פאַקטיש האָבן די רעכטע געשטיצט אַלע רעכטע רענעגאַטן פון קאָמינטערן און זיינען געוואָרן אַ צענטער, וואָס ציט צו אַלע אָפּאָרטוניסטישע גרופּעס פון קאָמינטערן.

4. צווישן דער XVI קאָנפערענץ און XVI צוזאַמענפאָר

דער דורכפאַל פון די טעאָריעס פון די רעכטע אָפּנויגלער

דער גאָיאַבער-פּלענום פונעם צ. ק. אַלק"פּ (ב) אין 1929 י. האָט, אונטער-פירנדיק אַ סאַכאַקל צום ערשטן יאָר פונעם פינפיאָר, קאָנסטאַטירט דעם פולקומען באַנקראָט פון די רעכטע אָפּנויגלער מיט אַלע זייערע געוויסן.

די רעכטע האָבן גערעדט וועגן דער „דעגראַדאַציע" פון דער לאַנדווירטשאַפט, און שוין דאָס ערשטע יאָר פונעם פינפיאָר האָט באַוויזן דעם וווקס פון די פּאַרזיי-שעטעכן.

די רעכטע האָבן באַהויפּט, אַז בײַ אונדז קומט פאָר אַן „איינרייס" מיטן מיטלפּויער, אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר אַ ווײַטערדיקע פאַרפעסטיקונג פונעם פּראָדוציר-צוזאַמענשלוס צווישן דעם אַרבעטער-קלאַס מיטן פּויערטום, דערבײַ פאַרשטאַרקט זיך אינעם דאָזיקן בונד די ראָל פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט זיך באַזונדער בולט אויסגעדריקט אינעם וווקס פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן.

די רעכטע האָבן באַהויפּטעט, אַז מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן אַף אינדוס-טריאַליזאַציע-טעמפּן, וואָס זיינען ניט פאַר אונדזערע קויכעס, און האָבן פאַר-געלייגט זיך אָריענטירן אַף די „ענגע ערטער". אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר איבערגעיאָגט די טעמפּן, וואָס זיינען אָנגעמערקט אינעם פינפיאָר, און שוין ווינטער 1929—30 יי האָבן מיר געהאַט בעיאַר אַרויסשטעלן אַ לאָזונג: „דעם פינפיאָר אין פיר יאָר". אַ ריי שוועריקייטן (לעמאַשל, מיט ברויט-פאַרגרייטונ-גען, מיט דער בווונג א. א .וו.) זיינען מיט דערפאָלג באַזייטיקט געוואָרן.

די רעכטע האָבן דערקלערט, אַז די טעמפּן פון קאָלעקטיוויזאַציע און ראַט-ווירטן-בויונג זיינען איבער די קויכעס, אַז דאָס אָרעם-מיטל-פּויערטום וויל ניט גיין אין די קאָלווירטן. אין דער ווירקלעכקייט האָט די קאָלעקטיוויזאַציע שוין אין 1929 יאָר אָנגעהויבן איבערוואַקסן אין א דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע פון איינצעלנע ראַיאָנען.

די רעכטע האָבן באַהויפּטעט, אַז עס איז אומפאַרמיידלעך אַן אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, אַ הונגער אין לאַנד א. א. וו. אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר אַ געוואַלדיקן וווקס פון דער פּראָדוקציע.

דער פּלענום האָט נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דער רעכטער אָפּנויג איז

און אַנטפּלעקונג פונעם דרוק פון די בעלגנים=קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון שטאַט און דאָרף אויפן ארבעטער=קלאַס און אויף דער פּאַרטיי און אַז ער ברענגט צום קאַפּיטולירן פאַר די שוועריקייטן, צו דעזערטירעריי, צו פאַרוואַן שליסן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די סאָנים פונעם ארבעטער=קלאַס.

דער פּלענום האָט אונטערגעשטראָכן, אַז בוכאַרינס גרופּע זאָגט זיך ניט אָפּ פון אירע אַנטילענינשע טעאָריעס (וועגן אָפּשוואַכן דעם קלאַסן=קאַמף, וועגן דעם בעלגנים=אַריינוואַקסן אינעם סאָציאַליזם א. א. וו.) און פרווט=זיך האַנדלען מיט מעטאָדן פון פראַקציאָנעלן קאַמף.

דער פּלענום האָט באַשטימט „אַנערקענען, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פון די אָנשוויגנען פונעם רעכטן אָפּאָרטוניזם און דאָס שאַלעם מאַכן מיט זיי קאָנען זיך ניט צוזאַמענפּאַסן מיט דער אָנגעהעריקייט צו די רייען פון אלק״פּ(ב)“.

נעמענדיק אין אַכט, אַז די פירער פון די רעכטע אָפּנויגלער (בוכאַרין, ריקאָוו, טאָמסקי) האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע טאָעסן, האָט דער פּלענום ארויסגעפירט פונעם באַשטאַנד פון פּאָליטביוראָ דעם כ׳ בוכאַרין, און די איבעריקע האָט ער געגעבן אַ האַסראָע וועגן שטרענגע מיטלען אין פאַל, אויב זיי וועלן פרוון פאַרזעצן דעם קאַמף קעגן דער פּאַרטיי. ערשט נאָכדעם האָבן די פירער פון די רעכטע אַנערקענט זייערע אָנשוויגנען פאַר פעלערהאַפטע. אָבער דיזאָקיע אַנערקענונג האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א געצוווּנגענע און פאָרמעלע. אויך נאָך דער=דאָזיקער אַנערקענונג פון זייערע פעלערן האָבן די רעכטע ניט געפירט קיין קאַמף פאַר דער גענעראַלער פּאַרטיי=ליניע.

מ׳דאַרף דאָ באַמערקן, אַז די רעכטע, וואָס האָבן זיך מיטן מויל אָפּגעזאָגט פון פראַקציאָנעלקייט, האָבן פאַקטיש געפירט א בעפיירעשע פראַקציאָנעלע ארבעט. אוגלאַנאָוו האָט זיך מוידע געווען, אַז ער האָט ווירקלעך געפרווט קעגנשטעלן דעם מאָסקווער קאָמיטעט קעגן דעם צ. ק. (ווי דאָס האָט אַפריער זינאָוויעוו געפרווט טאָן מיט דער לענינגראַדער אָרגאַניזאַציע). ער האָט אין מאָסקווער קאָמיטעט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ, באַזונדערס קעגן סטאַליגען.

קאָזלעוו האָט בעשאַס׳ דעם צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן, אַז „די רעכטע אָפּאָזיצע האָט זיך געפרווט שאַפן אין אַלפראָפראָט און אין די פראָפּאַריינען אַ צווייטן פּאָליטישן צענטער אויף צו באַשיסן דעם צ״ק. ער האָט זיך מוידע געווען, אַז טאָמסקי האָט צונויפגערופן ספּעציעלע באַראַטונגען לעכאַטכילע אויף צו באַהאַנדלען, ווי צו קעמפן מיט די באַשלוסן, וואָס די פּאָליטביוראָ האָט אָנגענומען מיקויעך דעם אַלפראָפראָט. קאָזלעוו אַליין האָט גענומען אַן אַקטיווען אָנטייל אינעם דיסקרעדיטירן דעם צ״ק און באַזונדערס כ׳ סטאַליגען.

די פּאָליטיק פון פּראַקציאָנעלקייט האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין די פּרוּוון צו שליסן פּרינציפּלאָזע בלאָקן (די אונטערהאַנדלונגען צווישן בוכאַרינען מיט קאַמענעװן), אין אַרויסטרעטן מיט געמיינזאַמע דעקלאַראַציעס אין צ״ק, אין דער פּאָליטיק פון דעמיסיעס, אין פראַקציאָנעלע אָנפאַלן אויף אינערלעך־פּאַרטייִשן רעזשים.

דער רעכטער אָפּנויג אין דער פּראַקטיק

דער קאַמף פון די רעכטע אָפּנויגלער קעגן דער פּאַרטיי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין מעשעך פונעם גאַנצן פּעריאָד ביזן XVI צוזאַמענפאָר.

אין אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און קעמערלעך זייַנען די רעכטע אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאַרטיי און זייַן צ״ק און האָבן געפּרוּווט דורכשלעפּן זייערע אָנשווונגען. די פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן אומעטום געגעבן דידאָזיקע פּרוּוון אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד.

עס זייַנען גאָר אָפּטער געווען פאַלן, ווען די רעכטע אָפּאָרטוניסטן האָבן אין זייער פּראַקטישער אַרבעט פאַרקריפּלט די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי און האָבן זיך געלאָזט פירן דורך די סאָנים פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אַזוי, לעמאָשל, האָבן די רעכטע אין אַסטראַכאַנער אָרגאַניזאַציע אַלזייטיק געהאָלפן דעם פּריוואַטניק און דערפירט די פּאַרטאָרגאַניזאַציע ביז אַ פולקאָמער דעמאָראַליזאַציע.

אין מאָסקווער גובפינאָפּטייל און אין אַנדערע אָרגאַנען פונעם פאָלקאָמפין האָבן די רעכטע פונקט אַזוי געקעמפט פאַר ניט־דערשטייערונג פונעם פּריוואַטניק, פאַר ניט אָנמאָנען די שטייער־כויוועס א. א. וו.

אין דער קאָלווירט־אַרבעט האָבן די רעכטע אומעטום געשטערט דער קאָלווירטישער פאַרייניקונג, און ווען ערגעץ־וווּ זייַנען פאָרגעקומען ליגקע טאָעסן, האָבן זיי אָנגעהויבן באַהויפּטן, אַז אין דעם איז שולדיק דער צ״ק.

אין אַ ריי אונטערנעמונגען זייַנען די רעכטע אַרויסגעטראָטן קעגן די אינדוסטריאַליזאַציע־פּינפּלענער, באַהויפּטנדיק, אַז זיי זייַנען איבערגעטריבן, און דערמיט גופא האָבן זיי דעמאָביליזירט די אַרבעטערישע איניציאַטיוו, וואָס איז געצילט מאַקסימאַל אויסצופילן די אינדוסטריעלע פאַרגעבונגען.

און וואָס האָבן אין דערזעלבער צייט געטאָן די פירער פונעם רעכטן אָפּנויג? זיי האָבן מאַניעווירט. אָנערקענענדיק מיטן מויל זייערע טאָעסן, האָבן זיי פאַקטיש אַלץ געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע; זיי האָבן געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, כדיי ווידער אַרויסצוטרעטן קעגן דער פּאַרטיי. זיי האָבן ניט אויסגעפילט יענע היסכייוועסן פון קאַמף פאַר דער פּאַרטיי־ליניע. וועלכע זיי האָבן אויף זיך גענומען (אוגלאַנאָוו, לעמאָשל, האָט עס אָפן

דערקלערט). זיי האָבן זיך אַליין געדריימ, ניט אַרויסגעטראָטן קעגן די אייגענע פעלערן, ניט אָפּגעהאַלטן זייערע אָנהענגער. זיי האָבן אויסגעוואַרט.

דער צ. ק. האָט געשיקט ריקאָוו און טאָמסקין אַלס פּאָרטרעגער אַף די קאַנט-קאָנפערענצן און האָט דערמיט געגעבן זיי די מעגלעכקייט מאַכן אַ שריט צו פאַריכטן זייערע טאָעסן. אַנשטאָט דעם האָט ריקאָוו אין אוראַל פאַרשוויגן אַ ריי גרונט-פראַגן, אַרום וועלכע עס איז געגאַנגען אַ קאַמף מיט די רעכטע, און האָט דערקלערט, אַז קיין שום ליניע פון דער פּאַרטיי קאָן ניט גאַראַנטירן דעם ניצאָכן פון סאָציאַליזם. טאָמסקי האָט געמאַכט אַ שוויג וועגן דעם איקער—וועגן די טאָעסן פון דער אָפּאָרטוניסטישער אָנפירונג מיטן אַלפראָפראָט. די לידערס פון די רעכטע האָבן לאַכלוטן ניט אָנערקענט זייערע טאָעסן.

אפן צוזאַמענפאָר זיינען די לידערס פון די רעכטע, אונטערן דרוק פון דער פּאַרטיי, געווען געצוווּנגען דערקלערן, אַז זיי האָבן געגרייזט, אָבער זיי האָבן אויך דאָ אויסגעמיטן קריטיקירן די טאָעסן אייגער פונעם אַנדערן, זיי האָבן פאַרמיגערט דעם טהאָם, וואָס טיילט אָפּ די אָנשוויונגען פון דער רעכטער אָפּאָזיציע פון די פּאַרטייישע אָנשוויונגען א. א. וו.

בוכארין איז אָפּילע ניט געקומען אפן צוזאַמענפאָר און האָט ניט געפונען פאַר נייטיק דערקלערן דעם צוזאַמענפאָר זיין פּאָזיציע.

גאַנץ קלאָר, אַז די דערקלערונגען פון די לידערס פון די-רעכטע, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט האַלבע ווערטער, האָבן ניט באַפרידיקט דעם צוזאַמענפאָר.

זיי האָבן ניט פאַרורטיילט זייער אָפּאָרטוניסטישע פּלאַטפאָרם, וועלכע זיי האָבן אַרויסגערוקט קעגן דער פּאַרטיי. זיי האָבן ניט געזאָגט קלאָר און פּאַשעט, ווי עס פּאַסט פאַר באָלשעוויקעס, אַז דער ניצאָכן פון זייער ליניע וואָלט אומפאַרמיידלעך געפירט צום אופשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן, אַז דידאָזיקע צווייפּענעמדיקייט קאָן ניט געדולדעט ווערן. עס איז נאָך ווייניק מאַכן אַ דערקלערונג, — מ'דאַרף אַרבעטן און קעמפן פאַר דער גענעראַלער ליניע קעגן די רעכטע אָפּאָרטוניסטן. דער צוזאַמענפאָר האָט דערקלערט, אַז די אָנשוויונגען פון דער רעכטער אָפּאָזיציע פאַסן זיך ניט צוזאַמען מיט דער אָנגעהעריקייט צו אַלק״פּ(ב).

דער קאַמף אַף צוויי פראָנטן

דער XVI צוזאַמענפאָר האָט אינעם פּאָרטראַג פון כ' סטאַלין אונטערגעפירט די גרונט-סאַכאַקלען פונעם קאַמף פון דער פּאַרטיי קעגן דעם טראָצקיזם און קעגן רעכטן אָפּנויג.

צום מאָמענט פונעם צוזאַמענפאָר איז דער טראָצקיזם געווען צעקלאַפּט און אַרויסגעשלייערט, די טראָצקיסטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטירעוואָ-

לעמאַרישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע גרופּע. אָבער די רעשטלעך פֿון טראָצקיזם זייַנען נאָך געבליבן. מיט זיי דאַרף מען קעמפֿן.

טראָצקיזם — דאָס איז קאַפּיטוליאַציע פֿאַר דער בורזשואַזיע, וואָס דעקט זיך צו מיט „לינקע" פֿראַזן און אַוואַנטיוריסטישע שטיק.

די „לינקע קנייטשן" אויפֿן געביט פֿון דער קאָלווירט־באַוועגונג זייַנען געווען אַן אויסבאַוווּסטזיניקער פּרווו אויפֿצולעבן דעם טראָצקיזם און זייַן באַציִונג צום מיטעלן פּויערטום אין דער פּראַקטיק. מענטשן האָבן „איבערגעאַדמיניסטרירט" (צופֿיל געקאָמאַנדעוועט).

די פּאַרטיי האָט אָנגעוויזן די קנייטשלעך זייער אָרט, זי האָט געגעבן אַ ווידערשטאַנד אויך אַנדערע „לינקע" מאָעסן.

אַזוי, לעמאָשל, האָבן אייניקע כאַווייריים אַרויסגערוקט אַ טעאָריע, אַז די פּאַרטיי גופֿע הייבט אָן לייַדן אויף באַלעבעסלדיקייט, איר מאַרך הייבט אָן שימלען, אַז דער קאָמיוג וועט אַרויספֿירן די פּאַרטיי אויפֿן וועג א. א. וו., דאָס הייסט, עס האָבן זיך איבערגעכאַזערט די אַלטע כקירעס פֿון טראָצקין.

דערבייַ האָט מען מיט אַ פֿולער קלאָרקייט געקאָנט זען, אַז די „לינקע" מאָעסן (לעמאָשל, בײַ דער קאָלעקטיוויזאַציע) קומען צוהילף דער זאַך פֿון די רעכטע. די „לינקע" טאָעסן האָבן געשאַפֿן פֿאַר די רעכטע די מעגלעכקייט באַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דער גענעראַל־ליניע פֿון דער פּאַרטיי, די „לינקע" קנייטשן האָבן געהאָלפֿן דעם באַלעגוף צו דיסקרעדיטירן די קאָלווירטישע באַוועגונג.

דער קויעך פֿונעם רעכטן אָפּנויג באַשטייט אינעם קויעך פֿון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, אינעם קויעך פֿונעם דרוק אויף דער פּאַרטיי מיצאַד די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערוויקלען.
ניט שטעלט מיט זיך פֿאַר די גרעסטע געפֿאַר, מאַכטעס ער שפּיגלט אָפּ די באַלעגופֿישע געפֿאַר, וועלכע איז די גרעסטע סאַקאָנע באַם אָנגריף אויף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן פֿאַנאַנדערוויקלען.

די סאָנים פֿונעם אַרבעטער־קלאַס האָבן שטענדיק געקוקט מיט האָפֿענונג אויף יעטווידע אָפּנויגן, וואָס טרעפֿן אין די רייען פֿון אונדזער פּאַרטיי. זיי איז ניט וויכטיק — וווּהין עס קערט זיך דער אָדער יענער אָפּנויג פֿונעם לעניניזם, אויף רעכטס אָדער אויף לינקס. פֿאַר זיי איז וויכטיק, אַז די פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי זאָל זיך אַ קער טאָן, זאָל אָפּגיין פֿונעם לעניניזם.

דעריבער פֿירט די פּאַרטיי באַם פֿאַרווירקלעכן איר גענעראַלע ליניע אַן אומבאַשלאָגעדיקן קאַמף אויף צ וו ײ פֿ ר אָ נ ט ן: סיי קעגן דעם אָפּנויג, וואָס דעקט זיך צו מיט „לינקע" פֿראַזן, וואָס שטעלט פֿאַר דעם קליינבירגערלעכן ראַדיקאַליזם, סיי קעגן דעם אויסגעשפּראָכן רעכטן אָפּנויג, וועלכער שטעלט פֿאַר דעם קליינבירגערלעכן ליבעראַליזם. אויף וויפֿל דער טראָצקיזם איז אין דעם קאַמף,

וואָס די פּאַרטיי האָט קעגן אים ניט לאַנג געפירט, צעקלאַפּט ביזן סאַך, איז איינגאַנצן דעמאַסקירט פאַר די מאַסן, אַף וויפל ער האָט שוין פולקום אַנט־פּלעקט זיין קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן פּאַרצעף, — איז דער קאַמף קעגן רעכטן, בעיקרעש אָפּאָרטוניסטישן אָפּנויג, איצט באַזונדערס וויכטיק.

די פּאַרטיי פירט אויך אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער טאָלעראַנטער באַציונג צו די אָפּנויגן. טאָלעראַנט באַציען זיך הייסט פּאַקטיש מיטהעלפן די אָפּנויגן, צודעקן זיי פון פּאַרטייִשער קריטיק.

די טאָלעראַנטע באַציונג צו די אָפּנויגן טאָר קיין אָרט ניט געפינען אין די רייען פון דער פּאַרטיי, פּונקט אַזוי ווי די אָפּנויגן גופע.

דער XVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט באַוויזן די פולקומע אייגהייטלעכקייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי. נאָך פיל יאָרן איז אפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר צום ערשטן מאָל ניט געווען ניט בלויז קיין אויסגעפורעמטע אָפּאָזיציע, נאָר אַפילע קיין קליינע גרופּע, וועלכע זאָל פּרוּוון דערקלערן וועגן דער ניט־ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע.

די דאָזיקע אייגהייטלעכקייט און צוזאַמענגעשלאָסנקייט האָבן באַטייט, אַז אַרום דעם לעניניסטישן צ״ק האָבן זיך באַהעפט צוליב קאַמף און זיג אַלע באָלשעוויסטישע קויכעס פון אונדזער לאַנד.

ענטפערן אַף פראַגן

צי ווערט פאַרענדיקט דער קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג נאָך דעם, ווי די פירער פון די רעכטע האָבן אַנערקענט זייערע פעלערן?

אייניקע כאַווײרים מיינען, אַז וויבאַלד די רעכטע האָבן אַנערקענט זייערע טאָעסן און האָבן געגעבן אַ האַפטאָכע ניין מיט דער פּאַרטיי, ענדיקט זיך דערמיט גופע אויך דער קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג, — אָבער דאָס איז ניט אין־גאַנצן אַזוי.

אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי האָבן מיר געהאַט ניט ווייניק פאַלן, ווען נאָך אַזעלכע האַפטאָכעס אפן וואָרט האָבן די אָפּאָרטוניסטן פּאַקטיש פאָרגעזעצט זייער ליניע קעגן דער פּאַרטיי.

דעריבער זיינען בלויזע האַפטאָכעס און אַנערקענונגען נאָך ווייניק, די געוועזענע רעכטע דאַרפן פּאַקטיש פירן אַ קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג און דאַרפן אין דער אַרבעט באַווייזן זיך אַלס פּאַרטיי־מענטשן, פּאַרטיידיקער און דורכפירער פון דער גענעראַלער ליניע פון דער פּאַרטיי.

אָבער ניט אין דעם אַליין האָנדלט זיך עס. קאָלזמאַן באַ אונדז זייגען נאָך ניט ליקווידירט די באַלעגופים און עס זייגען נאָך ניט אויסגעלעבט די קליין־

אײנגטימערישע שטרעבונגען פון די מיטל־פויערישע מאסן — װעט די פארטײ די גאנצע צײט, באזונדערס אינעם מאמענט פון שװעריקײטן, זיך געפינען אונטערן דרוק פון דידאָזיקע שיכטן, ד. ה. עס װעלן זײן אנהענגער פון האנאַבעם פאר דעם באלעגוף. דעריבער בלײבט די געפאר פונעם רעכטן אפנײג, אויב אפילע אלע איצטיקע רעכטע װעלן אנערקענען זײערע פעלערן. אונטערן דרוק פון פרעמדע פאר אונדז שיכטן, בא די קאמפליצירטע באדינגונגען און שװערי־קײטן פונעם קלאסנקאמף און סאציאליסטישער בױונג, װעלן מעגן אופקומען אין די רײען פון דער פארטײ נײע פארשטײער פונעם אפארטוניזם.

דעריבער ענדיקט זיך לאָבלוטן ניט דער קאמף קעגן רעכטן אפנײג און קעגן די „לינקע" קנײטשן, װען די איצטיקע פארשטײער פון דידאָזיקע אפנײגן אנערקענען זײערע טעותן. די פארטײ דארף בלײבן אף דער װאך און פאָרזעצן אן אומקאמפראמיסלעכן קאמף סײ קעגן די אפנײגן פון דער פארטײ־ליניע, סײ קעגן דער טאלעראנטער באציונג צו זײ, די פארטײ דארף אומדערמידלעך דעמאסקירן דעם אנטיפראלעטארישן, אנטילעניניש אינהאלט פון די אפנײגן.

קאנטראל־פראגן

1. צוליב װאס איז נײטיק און פאר װאס איז אומפארמײדלעך א שנעלער און אנגעשטרענגטער אינדוסטריאליזאציע־טעמפ פון אונדזער לאנד?
2. װו זײנען די סאציאל־עקאנאמישע װארצלען פונעם רעכטן אפנײג?
3. פארװאס האט די פארטײ ניט אופהערנדיק דעם קאמף אף 2 פראנטן קאנצענטרירט איצט דעם הױפט־פײער קעגן דעם רעכטן אפנײג און קעגן דער טאלעראנטער באציונג צו אים?
4. פארװאס האט דער XVI צוזאמענפאר אנערקענט, אז די אנשױונגען פונעם רעכטן אפנײג פארן זיך ניט צונױף מיט דער אנגעהעריקײט צו דער פארטײ.
5. אין װאס באשטײט די געפאר פון די „לינקע" קנײטשן אין דער פארטײ?

פראקטישע אופגאבן

1. נעמט דעם לעצטן נומער צײטונג, װאס איר שרײבט אויס, קוקט אופ־מערקזאם דורך די לײט־ארטיקלען און דעם אפטײל: „פארטײ־לעבן" און שטעלט פעסט, ערום װעלכע פראגן מאביליזירט אצינד די פארטײ איר אופמערקזאמ־קײט. נאכדעם גײט אריין אין קלוב און טוט א קוק, װי שפיגלען אפ דידאָזיקע פראגן די פלאקאטן און לאזונגען, װאס הענגען אף די װענט. דאסזעלבע טוט מיט דער װאנט־צײטונג. אײערע אויספירן גיט איבער דער פארטײ־ביורא דורך דעם שול־אנפירער.

2. שרייבט אָפּ, וועלכע שטימונגען בא אייך אַף דער אונטערנעמונג אָדער אין אייער צעך דערמאָנען אייך, אָדער פֿאַלן פּאָשעט צוזאמען מיט די פֿאָדערונ-גען פֿונעם רעכטן אָדער „לינקן" אָפּנויג. דער שול-אָנפֿירער דאַרף צוגרייטן אַ פּאָר צוהערער צו אַרויסטרעטן קעגן דידאָזיקע שטימונגען אַף איינער פֿון די נאָענטסטע פּאַרטיי-פֿאַרזאַמלונגען.

ליטעראַטור

1. לענין — „קינדערשע קראַנקייט פֿון „לינקייט". לענין ביבליאָטעק, סעריע נומ. 1. אויסגעוויילטע ווערק, באַנד VI, טייל 2 (יידישע אויסגאַבע), קאַפּ. IV, ז. 13, ביז די ווערטער: „דער אַנאַרכיזם איז ניט זעלטן..." אפֿן ז. 14; ז. 19, פֿון די ווערטער „דער אויספֿיר איז קלאָר..." ביז די ווערטער: „קעדיי ניט איבערלאָזן קיין אָרט..." אפֿן ז. 20.

2. סטאַלין — רעדע אפֿן אָקטיאַבער-פּלענום (1928 י.) פֿון מ"ק און צ"ק.

3. רעזאָלוציעס פֿון דער XVI פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ „וועגן פֿינפֿיאָריקן פּלאַן", אָפּט. III „וועגן די אופֿשטייג-וועגן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און פֿאַרגרינגערטער באַשטייערונג פֿונעם מיטלפּויער", קאַפּ. II.

כ' סטאַלינס פֿאָרטראַג אפֿן XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר.

קאפיטל XII. דער אימפעריאליזם איז די לעצטע שטופע פון קאפיטאליזם

פון פרײַער קאָנקורענץ צו דער הערשאפט פון מאָנאָפּאָל.—קאפּי־טאליסטישע מאָנאָפּאָליעס. — די מאָנאָפּאָליסטישע פאריייניקונגען אין די וויכטיקסטע לענדער. — פינאנץ־קאפּיטאל. — דאָס פארכאפּן די קאָלאָניעס און די פארטיילונג פון דער וועלט. — ארויספיר פון סכוירעס און ארויספיר פון קאפּיטאלן. — די ניט־גלײַכמעסיקײַט אין דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע לענדער. — אויסערן־פּאָלי־טיק, באוואָפענונגען און מילכאָמעס. — די וועלט־מילכאָמע און איר פאָלגן. — די טעאָריע וועגן „דעם אָרגאניזירטן קאפּיטאליזם“

די הערשאפט פון קאפּיטאל האָט זיך פארשפּרייט פון לאנד צו לאנד און אין א קורצער צײַט ארומגעכאפּט די גאנצע וועלט. צום אָנהויב פונעם איצטיקן XX־טן יאָרהונדערט קומט פאָר אן אינער־לעכע איבערבויונג פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט. עס קומט אָן א נײַע עפּאָכע אין דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם, וועלכע מיר רופן אָן אימפּעריאליזם.

בײַם אימפּעריאליזם ווערן אלע גרונט־ווידערשפּרוכן פונעם קאפּי־טאליזם אומגעהייער שטארק פארשארפט. דאָס ווירטשאפטלעכע לעבן גייט שפּרונגענווײַז: אייניקע לענדער יאָגן אריבער די אנדערע, אייניקע צווײַגן פון דער ווירטשאפט פארלויפן פאָרויס לעגאַבע אנ־דערע. די אימפּעריאליסטישע טקופע אונטערשיידט זיך דעריבער מיט אומפארמײַדלעכע צוזאמענשטויסן, וואָס ברענגען צו מילכאָמעס. בײַם אימפּעריאליזם מערקט זיך דײַטלעך אָן דער אונטערגאנג פון דער קאפּיטאליסטישער מעמשאָלע. דער אימפּעריאליזם איז דער דירעקטער „ערעוו פּראָלעטארישע רעוואָלוציע“.

1. פינאנץ־קאפּיטאל

פון פרײַער קאָנקורענץ צו דער הערשאפט פון מאָנאָפּאָל

דער זיג פון דער גרויסער פּראָדוקציע איבער דער קליינער איז איינער פון די גרונט־שטריכן פונעם קאפּיטאליזם. קאָלאָסאַלע פארמעגנס זאמלען זיך אָן

אין די הענט פון ווייניקע אשירים אפן בעזשבן פון די קליינע אונטערנעמער. פון יאָר צו יאָר גייען די גרויסע פּראָפיטן אין אָנזאמלונג, און די רייכטימער פון די גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן וואַקסן ווי א שניי־קליומפּ, וואָס קייקלט זיך פון א באַרג. עס קומט פאָר, ווי מע זאָגט, די קאָנצענטראציע (פארגרעסערונג) און צענטראליזאציע פונעם קאַפּיטאַל, ער ווערט קאָנצענטרירט אין ווייניקע הענט פון גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן.

ערשט מיט א יאָר פופציק צוריק האָבן דאָסראָוו אונטערנעמונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער געהערט צו באַזונדערע פּערזאָנען. שפּעטער הויבט זיך אָן דאָס בילד צו ענדערן. דאָס אָרט פונעם איינצלנעם באַלעבאָס פארנעמט די אַקציאָנערע געזעלשאַפט. דער טאָך פון דער אַקציאָנערער געזעלשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ נוצן אויס די גרויסע קאַפּיטאַליסטן די קאַפּיטאַלן פון די קליינע, און צומאָלס אפילע די אָפּשפּאָרונגען פון די אָנגעשטעלטע, באַאמטע, פויערים און אַרבעטער. יעדערער טראָגט אַריין א באַשטימטע סומע געלט און באַקומט פאַר דעם אן אַנטשפּרעכיקע צאָל אַקציעס. אן אַקציע — דאָס איז א פּיי־צייגעניש. איר באַזיצער קאָן אין יעדן מאָמענט זי פארקויפן יעדן באָלן.

באַם לייזן די איניאָנים פון דער אַקציאָנערער אונטערנעמונג, באַם באַשטימען די פּערזאָנען צום פארוואַלטן מיט דער אונטערנעמונג, באַם צעטיילן די רעוואָכים האָט יעדער אנטיילנעמער אַזוי פיל שטימען, וויפל אַקציעס אים געהערן. פאַרשטענדלעך, אַז די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס פארמאָגן אַסאַך אַקציעס, הערשן אַבסאָליוט אליין אין די אַקציאָנערע אונטערנעמונגען.

דאָס וואָס עס פארשפּרייטן זיך אַקציאָנערע געזעלשאַפטן איז נאָך ניט אַלץ. שנעל וואַקסן אויס קאָלאָסאַלע פאַראייניגן פון די קאַפּיטאַליסטן. די־דאָזיקע פאַראייניגן רופן זיך פארשיידן: סינדיקאַטן, טרעסטן, קאַרטעלן. וויאַזוי אַנטשטייען זיי? — נאָכן אַרויסשטופּן די קליינע קאַפּיטאַליסטן פארבלייבט אין יעדן צווייג פון דער אינדוסטריע אַ קליינע צאָל גרויסע פאַבריקאַנטן.

ווען אין יעדן צווייג פון דער אינדוסטריע בלייבט איבער א קליינע צאָל גאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטן, איז זיי ניט שווער צונויפרעדן זיך, ווי צו באַרייכערן זיך אפן בעזשבן פונעם געברויכער. אַזוי אַנטשטייען די קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניקונגען — די מאָנאָפּאָלן.

קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליע

וואָס איז אַזוינס מאָנאָפּאָל? — באַ איינעם א שרייבער איז פאַראַן א דערציילונג, וויאַזוי צוויי שווינדלער זיינען ניסאַשער געוואָרן. זיי זיינען געקומען צו פאָרן אין א שטעטל, וואָס איז דורך א פאַרפּלייצונג אָפּגעריסן געוואָרן פון דער

גאַנצער וועלט. האָבן זיי אָפּגעקויפט אַלע דרײַ שענקען, וואָס זײַנען געווען אין שטעטל, האָבן פאַרמאַכט צוויי פון זיי, און אינעם דריטן האָבן זיי גענומען פאַר־קויפן ווײַן צו דאָלער (צוויי רובל) פאַר אַ גלאָז. די אײַנוווינער פון שטעטל האָבן אָפּגעגעם געהאַלטן פון טרונק, דערצו האָט נאָך מיטגעהאָלפן דער נאַסער װעטער. אין אַ קורצער צײַט האָבן זיי ניט בלויז צוריק באַקומען די אויסגעגע־בענע סומע, נאָר אויך אַ פײַנעם רעווער.

דערדאָזיקער בײַשפּיל גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס מאָ־נאָפּאָל. דער גאַנצער קונץ באַשטייט אין דעם, וואָס אַ וואָסערע עס איז סחורה געפינט זיך אינגאַנצן, אָדער קימאַט אינגאַנצן, אין איינע הענט. דעמאָלט קאָן מען צווינגען יעדערן, וואָס נייטיקט זיך אין דערהאָזיקער סחורה, צו באַצאָלן דעם פּרײַז, וואָס מע פאַרלאַנגט פון אים.

הייסט עס, מאָנאָפּאָל באַטײַט אַ ווירטשאַפטלעכע פאַ־רייניקונג פון די קאַפּיטאַליסטן צווישן זיך, וואָס האָט דעם ציל צו פאַרניכטן די פרײַע קאָנקורענץ. זי ווערט דורכגעפירט דורך פאַרייניקן די קאַפּיטאַלן אין טרעסטן, סינדיקאַטן א. א. וו.

די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרייניקונ־גען אין די וויכטיקסטע לענדער

אַמשנעלסטן האָבן זיך אַנטוויקלט די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרייניקונגען אין אַמעריקע: מע רופט זי דעריבער אָן דאָס „טרעסטן־לאַנד“. שוין צום אָנהויב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט האָבן די אַמעריקאַנישע טרעסטן קאָנ־צענטרירט אין זייערע הענט דעם איבערוויגנדיקן טייל פּראָדוקציע. אַזוי האָט דער נאַפט־טרעסט אין זײַנע הענט 95 פּראָצענט פונעם גאַנצן נאַפט־אַרויס־באַקום; אויסנוצנדיק זײַן מאָנאָפּאָל, האָט דער נאַפט־טרעסט אויפגעהויבן זײַנע רעוואַכים פון 5% אין 1882 יאָר ביז 48% אין אָנהויב פונעם איצטיקן יאָרהונדערט. דער כעמישער טרעסט פאַרייניקט 81% פון דער פּראָדוקציע; דער בליי־טרעסט — 85% א. א. וו. דער אַמעריקאַנישער שטאָל־טרעסט איז די מעכטיקסטע אָרגאַניזאַציע פונעם קאַפּיטאַל אין דער גאַנצער וועלט. ער פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון 4 מיליאַרד דאָלער (אַ דאָלער באַטרעפט צוויי־גאָלד־רובל), האָט 147 זאַוואָדן, 500 דאָמנע־אויוונס. אין די אונטערנעמונגען פון דעמ־דאָזיקן טרעסט אַרבעטן 276.000 מאַן. אומגעפער אַזויפיל מענטשן אַרבעטן אין די אונטערנעמונגען פון אַן אַנדער טרעסט — „די אַמעריקאַנער טעלעגראַף־און טעלעפאָן־קאָמפּאַניע“, וואָס האַלט אין אירע הענט 80—85 פּראָצענט פון אַלע טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען אין לאַנד. דער נאַפט־טרעסט פון אַמעריקע פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל העכער אַ מיליאַרד דאָלער; דער אומזאַץ

פון דעמדאָזיקן טרעסט אין 1926 יאָר האָט דערגרייכט די קיילעכדיקע סומע פון 1.120.000.000 דאָלער. די צוויי גרעסטע אווטאָמאָביל־פירמעס, וואָס ביז איצט קאָנקורירן זיי צווישן זיך, געהערן אויך צו די גרעסטע אונטערנעמונגען פון אַמעריקע. דאָס זיינען — די באַרימטע פאָרדס פירמע און איר קאָנקורענט — די „אַמעריקאַנישע אווטאָמאָביל־קאָמפּאַניע". פאָרד פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון העכער אַ מיליאַרד דאָלער. די „אווטאָמאָביל־קאָמפּאַניע" — אַנדערהאַלבן מיליאַרד. איר פּידיען פון די אווטאָמאָבילן אין 1926 יאָר האָט באַטראָפן אַ מיליאַרד דאָלער, און באַ פאָרדן — דריי פערטל מיליאַרד. צוויי דריטל פון דער גאַנצער וועלט־פּראָדוקציע פון אווטאָמאָבילן געפינט זיך אין די הענט פון די דאָזיקע צוויי פירמעס.

אין דייטשלאַנד האָט דער שטאָל־„פאַרבאַנד" געהאַט ביז דער מילכאָמע אין זיינע הענט ניין צענטל פון דער גאַנצער שטאָל־פּראָדוקציע; אין דער שטיינקוילן־אינדוסטריע האָט דער ריינישֿ־וועסטפאַלישער סינדיקאַט פאַראייניקט שוין באַ זיין גרינדן זיך 87% (און שפּעטער 95%) פונעם קוילן־ארויסבאַקום אין דעמדאָזיקן רייכסטן קוילן־ראַיאָן פון דייטשלאַנד. צום סאָף 1926 יאָר זיינען פון דער גאַנצער צאָל אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין דייטשלאַנד, באַ צוויי דריטל אריין אין די אָדער יענע קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניקונגען.

דער איצטיקער שטאָל־טרעסט אין דייטשלאַנד פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון בערך אַנדערהאַלבן מיליאַרד מאַרק (אַ מאַרק—בערך 50 קאָפּיקעס), אויף זיינע אונטערנעמונגען אַרבעטן 200 טויזנט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. ער אַרבעט אויס יערלעך 9 מיליאָן טאָן שטאָל, 8 מיליאָן טאָן טשוהון און 30 מיליאָן טאָן קוילן.

אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָט אויך עקזיסטירט אַ ריי גרויסע מאָנאָפּאָליסטישע פאַראייניקונגען פון די קאַפּיטאַליסטן. דער סינדיקאַט „פּראָדוגאָל" האָט פאַראייניקט העכער אַ העלפט אַרויסבאַקום פון דאָנעצער קוילן. אַן אַנדער סינדיקאַט „פּראָדאַמעט" האָט געהאַלטן אין זיינע הענט דעם פאַרקויף פון בערך 95% פונעם גאַנצן אייזן, וואָס איז אָנגעקומען אויפן מאַרק. איינער פון די עלטסטע איז געווען דער סינדיקאַט פון די צוקער־זאַוואָדטשיקעס. דער־דאָזיקער סינדיקאַט האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם, וואָס ער פלעגט אַרויספירן קיין ענגלאַנד צוקער און פלעגט אים דאָרט פאַרקויפן אַזוי שפּאָט ביליק, אַז די ענגלענדער פלעגן האָדעווען מיטן רוסישן צוקער די כאַזיירים. טאָן פלעגט מען דאָס צוליב דעראָבערן דעם מאַרק. די העזייקעס פון דעמדאָזיקן עקספּאָרט פלעגן געדעקט ווערן גאָר פּאָשעט: אין רוסלאַנד פלעגט מען פאַרקויפן צוקער פאַר אַזאַ הויכן פּרייז, אַז די אַרבעטער און פּויערים האָבן טייטשנס געטרינקען טיי אָן צוקער.

עס אָרגאַניזירן זיך צווישנפעלקערלעכע קאַפּיטאַליסטן־פאַרבאַנדן (טרעסטן, קאַרטעלן), וואָס טיילן צווישן זיך די אָפּזאַץ־מערק. דערביי קומט אויס צו פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף, אין וועלכן עס נעמען אָנטייל די רעגירונגען פון די גרעסטע לענדער. אַזוי האָבן נאָך פאַר דער מילכאָמע צוויי עלעקטראָטעכנישע פאַרבאַנדן—אַ דייטשישער און אַן אַמעריקאַנישער — פאַרטיילט צווישן זיך די אָפּזאַץ־מערק. דער וועלט־מאַרק פון נאַפט האָט זיך געפונען אין די הענט פון צוויי קאָלאָסאַלע טרעסטן — אַמעריקאַנישן און ענגלישן. צווישן זיי קומט פאָר אַן אומופהערלעכער קאַמף, ביים וועלכן אַלע מיטלען זיינען קאָשער. אין 1927 י. איז באַשאַפן געוואָרן אַ אינטערנאַציאָנעלער קאַרטעל פון מעטאַל־זאַוואָדטשיקעס פון די וויכטיקסטע אייראָפּעישע לענדער.

אין דיזאָזיקע צווישנפעלקערלעכע פאַרבאַנדן גייט אַן אומופהערלעכער קאַמף פאַר פאַרטיילן דעם אַלגעמיינעם פּראָפיט, פאַר פאַרכאַפּן רעווער. אייניקע פאַריינען צעפאַלן זיך, די צווייטע ווערן באַשאַפן.

אינגאַנצן פאַרניכטן דעם קאַמף פון אַלעמען קעגן אַלעמען גיט זיך באַם קאַפּיטאַליזם אָבער ניט איין. עמעס, ביים קאַמף פאַלן די קליינע רויבער אַרויס. דער קאַמף צווישן די גרויסע גאַזלאָנים ווערט אָבער נאָך מער פאַרביטן. אַף אַ צייט ווערט ער שטילער, ווען די קאַפּיטאַליסטן קומען צו אַ העסקעם, באַלד אָבער צעפלאַקערט ער זיך מיט אַ פיל גרעסערער קראַפט.

בא דער הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן האַלט אַ קליין הייפל מענטשן אין זייערע הענט די שליסלען צו אַלע געביטן פונעם פאָלק־לעבן. איינער פון די פירער פונעם קאַפּיטאַליסטישן דייטשלאַנד, דער דירעקטאָר פונעם עלעקטראָטעכנישן טרעסט, ראַטענאַו, האָט אַמאָל אָפן דערקלערט: „דריי הונדערט מאַן, וואָס קענען איינער דעם אַנדערן, פירן אָן מיטןווירטשאַפטלעכן שיקזאַל פון דער וועלט און באַשטימען זייערע יאָרשים פון זייער אייגענעם קריַיז".

די ווירטשאַפט איז דער יעסאָד פונעם לעבן פון יעדן לאַנד. אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען די אומבאַגרענעצטע אַליינהערשער איבערן ווירטשאַפטלעכן לעבן, ווערן גיך די „גיט־געקרוינטע קעניגן" אויך אין אַלע אַנדערע געביטן. די מעלוכע־מאַכט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געהאָרכזאַמען דינער פון קליינע גרופּן קאַפּיטאַליסטישע רעדלפירער.

„די מאָנאָפּאָל, ווי באַלד זי האָט זיך אויסגעבילדעט און האָט צו שאַפן זיך מיט מיליאַרדן, דרינגט דורך מיט אַבסאָליוטער אומפאַרמיידלעכקייט אַלע זייטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אָרדענונג" — האָט געשריבן לענין.

פינאנץ-קאפיטאל

די גרויסע אינדוסטריעלער פארבינדן זיך אלץ ענגער מיט די בענק, פראגנדיק אהינצו די פרייע געלטער; די אפשפארונגען פון די אנגעשטעלטע, פון די ארבעטער זאמלען זיך אויך אין באנק. דער באנק גיט דאפדאזיקע געלט אלס האלוואה יענע אינדוסטריעלער און סאחרים, וואס נייטיקן זיך אין געלט פאר זייער אומזאץ. מיט דער הילף פון דעמדאזיקן געלט קאנען די אונטערנעמער פארברייטערן דעם געשעפט, פארגרעסערן זייער רעוועך. א טייל פון דעמדאזיקן רעוועך גיבן זיי אפ דעם באנק, און דער באנק צאלט אפ פון דעמדאזיקן געלט א באשטימטן כיילעק יענע, וואס האבן אריינגעלייגט זייער געלט אין באנק. אמאליקע צייטן פלעגן די בענק זיך פארנעמען בלויז דערמיט, וואס זיי פלעגן „האנדלען מיט געלט“.

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואס די גרעסטע באנקירן (ב א נ ק י ר ן — אזוי רופט מען די באלעבאטים און אייגנטימער פון בענק) ווארפן אלץ מער אן אויג אף די געשעפטן פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ווייל בא א שלעכטער ווענדונג פונעם געשעפט קאן דער באנק פארלירן זיין געלט, וואס ער האט אפגעגעבן אין דער אינדוסטריע.

די בענק האלטן אין זייערע הענט א מאסע אקציעס פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אזוי ארום באווארענען זיי זיך דעם איינפלוס אין דידאזיקע אונטערנעמונגען. געוויינלעך זיינען די גאר גרויסע קאפיטאליסטן איינצייטיק אנפירער אי פון די בענק אי פון דער אינדוסטריע. עס קומט פאר א צ ו נ ו י פ־ וו א ק ס ו נ ג פון די בענק מיט דער אינדוסטריע. דעם באנק־קאפיטאל, וואס האט זיך אזוי ארום צונויפגעוואקסן מיטן אינדוסטריעלן קאפיטאל, רופט מען א פ י נ א נ ץ־ק א פ י ט א ל. אין אמעריקע זיינען דער הויפט פונעם נאפטטרעסט — ראקפעלער און דער הויפט פונעם שטאל־טרעסט — מארגאן די באלעבאטים פון די גרעסטע בענק פון לאנד.

אין יעדן קאפיטאליסטישן לאנד איז אינעם איצטיקן מאמענט פאראן א קליינע צאל בענק, וואס האלטן אין זייערע הענט דאס גאנצע ווירטשאפטלעכע לעבן. אין ענגלאנד זיינען פינף בענק אזוינע, אין דייטשלאנד — זעקס, אין פראנקרייך שפילן די הויפט־ראליע פיר קאלאסאלע בענק. מע דארף צוגעבן, אז אט־די אלע בענק זיינען געוויינלעך אפן ענגסטן אויפן צונויפגעבונדן איינער מיטן אנדערן.

דאס צונויפוואקסן פונעם באנק־קאפיטאל מיט דער אינדוסטריע פירט דערצו, וואס עס וואקסט קאלאסאל די מאכט פון א הייפל גרעסטע קאפיטאליסטן. די קעניגן פון דער אינדוסטריע און פון די בענק ווערן די פולשטענדיקע באלעבאטים פון קאלאסאלע לענדער. דער פינאנץ־קאפיטאל כאפט פעסט

אַריין אין זייער הענט דעם האַנדל און די באַנען, די שאַכטעס און די לאַנד־ווירטשאַפט, די פאַבריקן און זאַוואָדן, די שולן און אוניווערסיטעטן.

בײַ דער הערשאַפט פונעם פינאַנץ־קאַפיטאַל שטויסט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג צונויף מיט אַן אומגעהויער שטאַרקן קעגנער, וואָס איז פאַרייניקט און באַוואָפנט פון קאָפ ביז די פיס. די קלאַסן־סטירעס ווערן פאַרטיפערט, דער קלאַסנקאַמף ווערט אַלץ מער פאַרשאַרפט.

2. קאַמף פאַר דער וועלט-הערשאַפט

דאָס פאַרכאַפן די קאָלאָניעס און די פאַרטיילונג פון דער וועלט

אין דער עפּאָכע פון די מאָנאָפּאָלן און פינאַנץ־קאַפיטאַל וואַקסט שטאַרק אויס די פאַרכאַפּערישע טעטיקייט פון די קאַפיטאַליסטישע לענדער.

נאָך פון די אַמאָליקע צייטן פלעגן די אייראָפּעיער ברענגען צו פירן אין די קאָלאָניעס און אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער זייערע סכוירעס, פלעגן רייסן פון די אָרטגעבוירטיקע אומגעהייער הויכע פרייזן פאַר אַ גאָרניט, פלעגן אַרויס־פירן פון די קאָלאָניעס ווערטפולע זאַכן. די מעכטיקע לענדער פלעגן ביסלעכווייז פאַרכאַפּן אין זייערע הענט אַ מאַסע ערד מיט אַ קאָלאָסאַלער באַפעלקערונג. די ענגלישע אימפּעריאַליסטן האָבן ליב צו באַרימען זיך, אַז „אין די טערי־טאָריעס פונעם ענגלישן קעניג פאַרגייט קיין מאָל ניט די זון“. און ווירקלעך, די טעריטאָריעס פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם זײַנען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט אַזוי, אַז אין יעדן מאָמענט שיינט ערגעץ וווּ די זון. פון $1\frac{1}{2}$ מיליאַרד באַפעלקערונג פונעם ערד־קוילעך געפינען זיך בײַ 600 מיליאָן אין די אונטערדריקטע קאָלאָניעס, און 400 מיליאָן — אין די האַלבקאָלאָניעס (כינע, פערסיע א. א. וו.). אַזוי אַרום געפינט זיך העכער אַ העלפט מענטשהייט, בײַ אַ מיליאַרד מענטשן, אונטער דער מאַכט פון די גרויסע לענדער־רויבער, וואָס זייער באַפעלקערונג באַטרעפט בלויז סאַך־הכּל בײַ ¼ מיליאַרד מענטשן.

באַזונדערס שנעל איז אָוועק די איינטיילונג פון דער וועלט אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה. פון 1876 ביז 1914 יאָר האָבן די אַזוי־גערופענע „גרויס־מעלוכעס“ פאַרכאַפט בײַ 25 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער; אַזוי אַרום האָבן זיי אײַנגעראַבירט אַזאַ שטיקל פרעמדע ערד, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי גאַנץ אייראָפּע. דער גרעסטער טייל איז אַריינגעפאַלן צו אַזוינע רויבער, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך. די יינגערע רויבער— דייטשלאַנד, איטאַליע א. אַנד. — זײַנען שוין געקומען צו די שיריים. אַלע לענדער, וואָס טויגן אויף וויפל ניט איז פאַר עקספּלואַטאַציע, האָבן שוין אַנדערע

פאַרכאַפּט; האָט מען זיך גענומען באַנוגענען מיט די שיראַים פונעם פרעמדן טיש, אָדער פרוּוון זיך אַרויסרייסן מיט די ציין דעם ביסן פונעם מויל בײַ אַנדערע רויבער.

קיין „פרייע“ ערדן איז מער ניטאָ. די אימפּעריאַליסטן קאָנען באַקומען עפּעס נייעס בלויז אויף איין אופן: אָפּנעמען אַ טייל רויב בײַ זייערע קעגנער. די פאַרטיילונג פון דער וועלט איז שוין פאַרענדיקט. איצט זיינען אומפאַרמיידלעך רייסעריייען צווישן די אימפּעריאַליסטן איבער נייע *איבערטיילונגען* פונעם ערד-קיילעך. אַזאַ קאַמף ברענגט אומפאַרמיידלעך צו באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, צו *מילכאָמעס*.

ארויספיר פון סכוירעס און ארויספיר פון *קאַפּיטאַלן*

פאַרוואָס איז די איינטיילונג פון דער וועלט אַוועק מיט אַזעלכע שנעלע טריט אין דער לעצטער צייט? די מייסטע דערפון איז, וואָס אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע ווערן האַרדיקאַל געענדערט די ראָליע און באַדייטונג פון די קאָלאָניעס. פריער פלעגן די קאַפּיטאַליסטן ברענגען צו פירן אין די קאָלאָניעס זייערע סכוירעס און פלעגן אַרויספירן פון דאָרט קאָלעריי אָרטיקע אויסאַר-בעטונגען. פון דעמדאָזיקן האַנדל פלעגן זיי באַקומען פראָפיט.

ניט אַזוי איז אָבער איצט, ווען עס הערשן די מאָנאָפּאָלן און דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל. דעם קאַפּיטאַליזם ווערט ענג אין די שמאָלע גרענעצן פון די אייראָ-פּעישע לענדער. האָבנדיק דערגרייכט די אַבסאָליוטע הערשאַפט אין זייער לאַנד, שטרעבן די מאָנאָפּאָליסטן אַריינכאַפּן אין זייערע הענט אויך פרעמדע לענדער — די *רויוואַרג-קוואַלן אָדער אָפּזאַץ-מערק*, אויפהויבן דעם רעוועד אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גופע קאָן מען בלויז ביז אַ באַשטימטער גרענעץ. איבער דערדאָזיקער גרענעץ וואַקסט אויס דער ווידערשטאַנד פונעם אַר-בעטער-קלאַס, וואָס שטעלט אין געפאַר די עצעם עקזיסטענץ פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדענונג. דער אומדערזעטלעכער דורשט נאָך רייכטימער טרייבט דעם קאַפּיטאַל אין נייע לענדער, קוידעמקאָל אין די קאָלאָניעס.

דאָרט בויען זיך מיט אַ ווילדער שנעלקייט באַנען, עס אַנטשטייען שטעט, עס רייסן זיך צום הימל די קוימענס פון די פאַבריקן און זאַוואָדן. אויף דעם ווערן אויסגעגעבן מיליאַרדן, וואָס פליסן אַריין פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דידאָזיקע מיליאַרדן גיבן גוטע פראָפיטן: די אַרבעט אין דידאָזיקע לענדער איז ביליק. אין כינע, לעמאָשל, האָרעוועט דער אַרבעטער צו 12—14 שאָ פאַר אַ שעלכל רייז. אונטערן האַנט איז דאָס רייכסטע רויוואַרג. די פּאָרטיקע סכוירעס געפינען אַ ברייטן אָפּזאַץ: אויף די קוואָרים פון די באַלעמעלאָכעס,

האָט װערן צערוינירט, קומט פאַר דער טריומף־מאַרש פון דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק.

װאָס פאַר אַ באַדײַטונג עס האָט דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט פאַר די מאָדערנע מעלוכעס, באַװײַזט פאָלגנדיקער כעזשבן. אין 1925 יאָר האָט ענגלאַנד אַרויסגעפירט סכוירעס — די אויסאַרבעטונגען פון איר אינדוסטריע — אַף 7 מיליאַרד רובל; דער רעװעד פון דערמאָזיקן עקספּאָרט באַטרעפט אומגעפער 1 מיליאַרד. אין 1928 יאָר האָט ענגלאַנד באַקומען פּראָפיט בלויז פון די קאַפּיטאַלן, װאָס זײַנען אַרײַנגעלײגט געװאָרן אין אַנדערע לענדער, אַף אַ קײַלעכדיקער סומע 5600 מיליאָן רובל.

הײסט עס, אַנשטאָט דעם פריערדיקן סכוירעס־עקספּאָרט טרעט אַרויס באַם אימפּעריאַליזם אין פאָדערגרונט דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט.

די ניט־גלײַכמעסיקײט אין דער אַנטװיקלונג פון פאַרשײדענע לענדער

דער צופלוס פונעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל פאַרשנעלערט אָפט די אינדוסטריעלע אַנטװיקלונג פון די אָפּגעשטאַנענע לענדער. יונגע לענדער שטעלן זיך אַף די פיס מיט דער הילף פון קוליעס — אויסלענדישע קאַפּיטאַלן.

די אומגעװײנלעכע אַנטװיקלונג פון דער טעכניק, באַזונדערס אין די בעערער יונגע לענהער (װי אַמעריקע), העלפט זײ באַזונדער איבערצויאָגן די אַנדערע לענדער אין קאַמף פאַר פאַרכאַפּן מערק, קװאַלן פון רויװאַרג א. ד. גל.

יעדערער װײס, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז ניט אַנטשטאַנען גלײַכצײַטיק אין אַלע לענדער. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט בעהאַדראָגעדיק פאַרכאַפּט אײן לאַנד נאָכן צװײטן. די יינגערע לענדער פלעגן װערן קאָנקורענטן פאַר די עלטערע, אָפּטמאָל איבעריאָגן זײ. אַזוי, למשל, האָט דײַטשלאַנד און אַמעריקע (פאַרײניקטע שטאַטן) פאַר דער מילכאָמע איבערגעיאָגט ענגלאַנד און פראַנקרײך.

אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע װערט די ניט־גלײַכמעסיקײט אין דער אַנטװיקלונג פון באַזונדערע לענדער נאָך מער פאַרשטאַרקט. אין די אַלטע לענדער הויבט די װירטשאַפט אָן פוילן, איר פאָרויסגאַנג און אַנטװיקלונג שטעלן זיך װי אָפּ. די יונגע רויבער שטרעבן אָנצויאָגן די פאַרלאָרענע צײַט. אַף אַזאַ באָדן זײַנען אומפאַרמײַדלעך צוזאַמענשטויסן, װאָס פירן צו מילכאָמעס. „די ניט־גלײַכמעסיקײט פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטװיקלונג איז אַן אַבסאָליוטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם. דערפון פאָלגט, אַז דער ניצאָכן פון קאַפּיטאַליזם איז לעכאַטכילע מעגלעך אין אײניקע, און אַפילע אין אײן אײנציקן, באַזונדער גענומען, קאַפּיטאַליסטישן לאַנד" —

האָט לענין געשריבן. טראָצקי, זינאָוויעוו און זייערע אָנהענגער האָבן אָבער באַשטריטן דיזאַזיקע האַנאַכע לענינס און האָבן דערמיט גופע אָפּגעלייקנט אײנע פון די גרונט-באַזונדערקייטן פון דעם אימפּעריאַליזם. זיי האָבן געלייקנט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אין סאָוועטן-לאַנד בויט בעעמעס דעם סאָציאַליזם און דערמיט גופע האָבן זיי זיך צוריק אַראָפּגעקייקלט צו סאָציאַלדעמאָקראַטיזם.

אויסערן-פּאָליטיק, באַוואַפענונגען און מילכאָמעס

אין דער אימפּעריאַליסטישער טקופע באַקומט די אויסערן-פּאָליטיק אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע באַדייטונג פאַרן קאַפּיטאַל. אַ שטאַרקע מעלוכע באַוואָרנט פאַר די קאַפּיטאַליסטן די מעגלעכקייט צו באַקומען רעוואָכים פון די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין אויסלאַנד. ווען דאָס געלט איז אָפּגעגעבן געוואָרן ווו עס איז אין איטאַליע אָדער אין כינע, איז נייטיק אַ שטאַרקע מאַכט, וואָס זאָל קאָנען האַלטן אין מוירע די כינעזער און אינדוסן.

אָבער אויך אָף צו באַקומען פּראָפיטן באַ זיך אינעם היימלאַנד פאָדערט זיך אַ שטאַרקע מעלוכע-מאַכט, וואָס איז אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון די פינאַנסיסטן און אונטערנעמער. יעדע מעלוכע צוימט זיך אָפּ פון דער גאַנצער וועלט מיט הויכע פּאָשלינעס. אין פיל לענדער קומט אויס צו צאָלן פּאָשלינעס פאַר יעדן אַריינגעפירטן צענטנער קאָרן. דאָס איז אַ גאַנץ פיינע מאַטאָנעלע פאַר די גוטבאַזיצער: ווען עס וואָלט ניט געווען קיין פּאָשלינעס, וואָלט מען געמוזט פאַרקויפן דעם אייגענעם קאָרן אַסאַך ביליקער. ליידן ליידט פון די פּאָשלינעס דער אַרבעטער-קלאַס, ווײַל עס קומט אויס צו צאָלן טייערער פאַר ברויט און פאַר אַלע סכוירעס ביכלאַל. באַ היינטיקן טאָג זיינען קימאַט אָף אַלע סכוירעס פאַראַן הויכע פּאָשלינעס, וואָס באַוואָרענען די קאַפּיטאַליסטן גרויסע פּראָפיטן.

דער עקאָנאָמישער וועלט-קריזיס פון 1929—1930 האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שטרעבונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַרומצאַמען זיך מיט הויכע גרענעץ-טאַריפן. אַלע לענדער, אָנהויבנדיק מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן שטאַרק געהעכערט די גרענעץ-טאַריפן און דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קריזיס און פאַרפּלאָנטערט די באַציונגען צווישן די מעלוכעס *.

דער קאַמף צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס ווערט באַם אימפּעריאַליזם אַלץ מער אַ פאַרביטערטער, עס גייט אַלץ אַ גרעסערער כיילעק מעלוכע-הויצאָעס אָף דער אַרמיי און פלאָט. עס ווערט פּראָדוצירט אַ קאָלאָסאַלע צאָל ביקסן, האַרמאַטן, גראַנאַטן, קוילנוואַרפערס, מיליטערישע אַעראָפּלאַנען. עס

* גענויער וועגן וועלט-קריזיס, זע אינעם קאַפּיטל „קאָמינטערן“.

2168—9*

איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די קריגס־אינדוסטריעלער און אַלע לענדער שטויסן זייערע רעגירונגען אַף אַ מילכאָמע, אויב די מיליטער־אינדוסטריע גיט קאָלאָסאַלע רעוואָכים.

פונעם וווּקס פון די באוואָפעונגונגען (אָדער, ווי מע רופט עס, מיליטאַריזם) ליידן מער ווי אַלע די אַרבעטנדיקע מאַסן. זיי שטעלן צו די מיטלען אַף די מיליטערישע הויצאָעס. די בעסטע יאָרן קומט אויס אָפּצוגעבן אַף מיליטער־דינסט אין די אימפּעריאַליסטישע אַרמייען, מיט זייער ווילקיר און שטעקן־דיסציפּלין. ענדלעך, ביים דער מילכאָמע דערהאַרגענען מיליאָנען אַרבעטנדיקע איינער דעם אַנדערן, שלאָגנדיק זיך פאַר די אינטערעסן פון אַ הייפל מיליטאַריסטן.

מיטן וווּקס פונעם מיליטאַריזם וואַקסט דעריבער אויך די אומצופרידנקייט פון די ברייטע מאַסן מיט דער מיליטערישער לאַסט. פאַר די אימפּעריאַליסטן ווערט אַלץ שווערער צו האַלטן אין געהאָרכזאַמקייט די מיליאָנען באַוואָפנטע אַרבעטנדיקע — די סאָלדאַטן. מיט דער הילף פון קאָלערליי טעכנישע נייע איינפירונגען פּרוּוון זיי זיך באַגרענעצן די באַדייטונג פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער קראַפט אינעם מיליטערישן פאַך.

פיבערהאַפט אַרבעט די מיליטערישע כעמיע; עס ווערן דערפונדן אַלץ מער גיפט־גאַזן. עס ווערט פאַרשטאַרקט די אַוויאַציע, די אַרטילעריע. די קאַפּיטאַליסטן און זייערע געטרייע דינער טרוימען וועגן אַזאַ אָרדענונג, ווען מע וועט קאָנען פירן מילכאָמע מיט דער הילף פון אַ קנאָפּקע, וואָס מע וועט דאַרפן בלויז אָנדריקן, קעדיי צו מאַכן קאָלאָסאַלע צעשטערונגען. דיזאָזיקע טרוימען זיינען אַבסאָליוט באָדנלאָז. אָן קאָלאָסאַלע מענטשלעכע מאַסן איז אוממעגלעך צו פירן אַ מאָדערנע מילכאָמע, און די מאַסן וועלן אַלץ מער אַרויסגיין פון דער געהאָרכזאַמקייט.

3. די צעפאַלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט

די וועלט־מילכאָמע

דער וווּקס פון די ווידערשפּרוכן צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס האָט געבראַכט צו דער וועלט־מילכאָמע פון 1914—1918 י. י., וואָס האָט אומגעטרייסלט אַלע וועלט־לענדער.

די מילכאָמע האָט געבראַכט מיט זיך אָן אַ שיר ליידן די פאָלקס־מאַסן. אין אַלע לענדער, וואָס האָבן מילכאָמע געהאַלטן, זיינען מאָביליזירט געוואָרן 62 מיליאָן מענטשן. די צאָל דערהאַרגעטע און דערדאָזיקער מילכאָמע דערגרייכט 10 מיליאָן, די צאָל פאַרוווּנדעטע און צעקאַליעטשעטע, וואָס זיינען געבליבן

אינוואלידן אפֿן גאנצן לעבן, איז דערגאנגען ביז 24 מיליאָן. קאָלאָסאלע רייכטימער פֿון די סאמע בליענדיקסטע לענדער פֿון דער וועלט האָט מען ווינלאָז צעשאָסן אינדערלופטן. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אז די הוצאָעס אף דערדאָזיקער מילכאָמע האָבן באטראָפֿן 1.200 מיליארד מארק (א מארק איז עטוואָס ווייניקער פֿון 50 קאָפּיקעס). צוליב א פארגלייך קאָרף מען זאָגן, אז אלע רייכטימער פֿון די לענדער, וואָס האָבן געפֿירט מילכאָמע, האָבן ערעוו מילכאָמע באטראָפֿן 2.400 מיליארד מארק. די מילכאָמע האָט אזוי ארום איינגעשלונגען א סומע, וואָס באטרעפֿט א גאנצע העלפֿט דערפֿון, וואָס די פֿעלקער פֿון אייראָפּע האָבן אָנגעזאמלט דורך שווערער קנעכטישער ארבעט פֿון אסאך דורעס. פֿאר דידאָזיקע אוצרעס וואָלט מען געקענט דעם גרעסטן מידבער אין דער וועלט — סאכארע — פארוואנדלען אין א בליענדיקן גאָרטן.

די מילכאָמע האָט פארשנעלערט די רעוואָליוציע אין רוסלאנד און געבראכט צו רעוואָליוציעס אין א ריי אנדערע לענדער. זי האָט גרינגלעך א טרייסל געטאָן די קאפּיטאליסטישע וועלט און מיטגעהאָלפֿן דעם ניצאָכן פֿון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אין רוסלאנד. דערמיט האָט זי אָנגעהויבן א נייע טקופֿע אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

דאָס איז געווען די ערשטע וועלט־מילכאָמע, אָבער זי איז געווען ניט די לעצטע.

די מענשעוויסטישע פארטייען, וועלכע ווילן ראטעווען דעם קאפּיטאליזם פֿון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, נארן אָפּ די ארבעטער, אז מע קען, קלוימערשט, באם אימפּעריאליזם אויך אויסמיידן מילכאָמעס, אז די אימפּעריאליסטישע לענדער קענען זיך, קלוימערשט, צונויפֿריידן צווישן זיך און לייזן אלע שטרייט־פֿראגן אף א פֿרידלעכן אויפֿן. ואינדערעמעסן אָבער קאָן בלויז די פֿארניכטונג פֿונעם קאפּיטאליזם ראטעווען די מענטשהייט פֿון איבערצוכאזערן די וועלט־שכיטע, וואָס וועט זיין א פֿיל מער דויערנדע און שוידערלעכע. קאָלזמאָן די מאכט געפֿינט זיך אין די הענט פֿון א הייפֿל קאפּיטאליסטישע פּאראזיטן, זיינען ווייטערדיקע צוזאמענשטויסן אומפֿארמיידלעך — איבערן צעטיילן די מערק, די קאָלאָניעס א. ד. גל. דידאָזיקע צוזאמענשטויסן מוזן ברענגען צו פּרוּוון דורך באוואָפֿנטער קראפֿט איבערצייגן די קעגנער, ד. ה. צו מילכאָמע.

קעדיי צו נאָרן די „פֿאָלקס־מאַסן“ איז באשאפֿן אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס רופֿט זיך „פֿעלקער־ליגע“; זי האלט אין איין שרייען וועגן „פֿרידלעכע אויפֿאנים“ צו לייזן אלע שטרייט־פֿראגן און אין דערזועלבער צייט פֿארנעמען זיך אירע הויפּטאָנטיילנעמער מיט גראָמירן די קאָלאָניאלע איינוווינער: ענגלאנד — אין אינדיע און כינע, פֿראנקרייך — אין אפֿריקע. די פּשאָרעמאכערס פֿון אלע לענדער שטיצן די פֿעלקער־ליגע און העלפֿן אזוי ארום מיט די אימפּעריאליסטישע רויבער.

אימפּעריאַליזם — דער ערעוו פון סאָציאַליזם

מיר זעען אַזוי אַרום, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט זיינען צום אָנהויב פון XX יאָרהונדערט פאָרגעקומען אומגעהויער ערנסטע ענדערונגען.

מיר האָבן פאַר זיך אַ באַזונדער שטופע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, די לעצטע שטופע. דעם קאַפּיטאַליזם פון דער איצטיקער עפּאָכע רופן מיר אָן אימפּעריאַליזם. לענין גיט פאָלגנדיקע דעפיניציע פונעם אימפּעריאַליזם:

„דער אימפּעריאַליזם איז דער קאַפּיטאַליזם אין יענער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע (ד. ה. שטופע), ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט די הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן און פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, ווען ס'האָט באַקומען אַ באַזונדער באַדייטונג דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־צעטיילונג דורך די צווישנפעלקערלעכע טרעסטן און עס האָט זיך פאַרענדיקט די צעטיילונג פון דער גאַנצער ערד־טעריטאָריע דורך די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע לענדער“.

דער אימפּעריאַליזם מאַכט אומדערטרעגלעך דאָס לעבן פון די קאָלאָסאַלע מאַסן פון דער מענטשהייט. די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס ראַטן אויס מיליאָנען מענטשן אין זייער בליענדיקן עלטער און פאַרוואַנדלען אין אַ גיהנעם דאָס לעבן פון אַנדערע צענדליקער מיליאָנען.

אַלע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ווערן פאַרשאַרפט און אויפגעדעקט באַם אימפּעריאַליזם ביזן לעצטן גראַד, די קאָנקורענץ צווישן די קליינע קאַפּיטאַליסטן פאַרשווינדט בלויז צוליב דעם, זי זאָל פאַרביטן ווערן אויף דער קאָנקורענץ צווישן די גרויסע קאַפּיטאַליסטן. דאָרט, וווּ די קאָנקורענץ צווישן די גרויסע קאַפּיטאַליסטן ווערט שטילער, דאָרט צעפלאַקערט זי זיך צווישן די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטן־פאַרבאַנדן און זייערע מעלוכעס. די אָרטיקע קריזיסן פאַרוואַנדלען זיך אין קריזיסן, וואָס כאַפּן אַרום אַ ריי לענדער, און שפּעטער אויך אין וועלט־קריזיסן. די פריערדיקע מילכאָמעס זעען אויס ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער מאַסאָווער מענטשן־פאַרניכטונג.

אימפּעריאַליזם איז דער פוילנדיקער קאַפּיטאַליזם.

דער קאָלאָסאַלער וווּקס פון די פּראָדוצירישע מעגלעכקייטן באַם קאַפּיטאַליזם און דער ווילדער וווּקס פון די פּראָפיטן ווערט באַגלייט מיט אַ פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע, מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס, מיט דער אַלץ־וואַקסנדיקער אַרבעטלאָזיקייט א. א. די אַרמיי אַרבעטלאָזע ווערט

א שטענדיקע, סיסטעמאטישע. די פּראָדוקציע ווערט די גאנצע צייט ניט אָנגעלאָדן אין דער פולער מאָס און ווערט ניט איינגאנצן אויסגענוצט.

די מאָנאָפּאָליסטישע פאררייניקונגען פארהאלטן דורכויס און אומעטום די אנטוויקלונג פון טעכניק. העכערן די פרייזן לוינט בעסער איידער איינפירן נייע מאַשינעס. דער קאפיטאליזם ווערט אין דער איצטיקער עפּאָכע א פארעלטערטער, א בלוטלאָזער. עס פילט זיך, אז ער נייט צו גרונט.

צוויי הויפּט-קוּיכעס טרעטן אַרויס צום קאַמף פאַר פארניכטן דעם אימפּעריאַליסטישן גוואלדטאט און קנעכטשאפט. דאָס איז, ערשטנס, דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער-קלאס פון די קאפּיטאליסטישע לענדער, און צווייטנס, די פאָלקס-מאסן פון די קאָלאָניעס, וואָס ווערן דערשטיקט אונטערן דרוק פונעם אויסלענדישן קאפיטאל. זיי נייען אונטער דער אָנפירונג פונעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט.

די בורזשואזיע פון די רייכע לענדער קויפט אונטער דעם קליינעם אויבערשיכט פון די ארבעטער („ארבעטער-אריסטאָקראטיע") אפּן כעזשבן פון די פּראָפיטן, וואָס באקומען זיך פונעם ראבירן די קאָלאָניעס, די הויכקוואליפיצירטע ארבעטער באצאָלן זיי א הויכן ארבעט-לוין: זייער לאגע ווערט פארבעסערט, און צווישן זיי וואקסן די פשאָרעמאכערישע שטימונגען. עס ווערט געשאפן א פאריגטערעסירטקייט אין די קאפיטאליסטישע פּראָדוציר-פאָרמען. אָבער די גרונט-מאסן פון פּראָלעטאריאט, די אונטערדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס, די רוינירטע מאסן פויערטום איבערצייגן זיך אלץ מער, אז באם קאפיטאליזם ווערט זייער לעבן פארוואנדלט אין א פינצטערער קאטאָרגע. עס שטארקט זיך דער ווילן צום קאַמף.

אין דערזעלבער צייט איז די ווירטשאַפט אין דער אימפעריאַליסטישער עפּאָכע שוין פולקום רייף צום איבערבוי אף סאָציאַליסטישע יעסוידעס. די פאַבריקע מי פון אסאך דוירעס האָט איבערגעלאָזן דער מענטשהייט קאָלאָסאלע רייכטימער. דידאָזיקע רייכטימער גייען איצט פארן נענוס פון די קאַפיטאַליסטן און זייערע מעשאָרסים, אָבער דידאָזיקע רייכטימער קאָן מען אויסגעצייכנט אויסנוצן פאַר דער האָרעפּאַשנער מענטשהייט.

דער אימפעריאליזם וועקט אוף צום לעבן קאָלאָסאלע רייכטימער, וואָס האָבן ביז איצט געדרעמלט. ער פארבינדט אלע לענדער פונעם ערד-קיילעך אין איין נויט-צערייסבארעם גאנציעס. אָבער אלע מיילעס פון דער אלוועלטלעכער מיטארבעטערשאפט קאָנען אויסגענוצט ווערן ערשט נאָכדעם, ווי עס וועלן אראָפּגעוואָרפן ווערן די אימפעריאליסטישע פאַראָנדקעס, וואָס ברענגען מיט זיך אָנגופהערלעכע צוזאמענשטויסן און מילכאָמעס צווישן די לענדער.

בלויז דער סאָציאַליזם עפנט אַ מעגלעכקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, פאַר דער ווייטערדיקער באַוועגונג פאָרויס, בלויז באַם סאָציאַליזם וועט ווייטער פאַרברייטערט ווערן דעם מענטשנס מאַכט איבער דער נאַטור. בלויז דער סאָציאַליזם וועט באַוואָרענען די אַרבעט־מאַסן אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ.

די טעאָריע וועגן דעם „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם“

די סאָציאַלדעמאָקראַטן, די דאָזיקע פאַרביסענע סאָנים פון קאָמוניזם און אַרויסהעלפער פון דער בורזשואַזיע, באַשטרייטן, פאַרשטייט זיך, זייער שאַרף די מאַרקסיסטישע לערע וועגן אימפּעריאַליזם. זיי מאַכן אומגעפער אַזאַ חשבון: דער קאַפּיטאַליזם אָרגאַניזירט זיך אַלץ מער, די מאָנאָפּאָליעס הויבן אָן אויס־פּלאַנעווען דיווירטשאַפט, דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון אַ נייעם אויפשטייג. די ווידערשפּרוכן אין קאַפּיטאַליזם גופא ווערן ווייכער, דער אַרבעטער־קלאַס באַקומט ביסלעכוויז, אָן שום רעוואָליוציעס, אַ ווירקונג אויף דער מעלוכע. עס וועלן געשאַפן ווערן ווייטערדיקע פאַראייניקונגען פון לענדער אונטער דער אָנפירונג פון דער פעלקער־ליגע.

מיט איין וואָרט, זיי לערנען אונדז, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט פרידלעך און בעהאַדראָגע אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם.

בוכאַרין האָט אין אַ געוויסן גראַד איבערגעכאַזערט אייניקע פון די דאָזיקע באַהויפּטונגען און אויפגעגעבן פּאָזיציעס פאַר די סאָציאַלדעמאָקראַטן. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען געדאַנקען, אַז די אינערלעכע קאָנקורענץ אין קאַפּיטאַליסטישן לאַנד פאַרשווינדט אַראָפּ דער מאָנאָפּאָל, אַז דער קאַפּיטאַ־ליזם „אָרגאַניזירט זיך“.

עמעס, בוכאַרין רעדט גלייכצייטיק וועגן דער פאַרשאַרפונג פון די ווידער־שפּרוכן צווישן די מעלוכעס. אָבער אויב מיר זאָלן טאַקע דערלאָזן, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז מעגלעך אַ מין „געפּלאַנטע“ ווירטשאַפט, וואָס איז פריי פון דער אַנאַרכיע פון פּראָדוצירן און קאָנקורירן, וואָלט דאָך עס טאַקע באַדייט אַ מעכטיקע פאַרפעסטיקונג פון דעם קאַפּיטאַליזם.

און אויב מע זאָל אין די גרעסטע לענדער דערגרייכן צו אַזאַ גליקלעכער לאַגע, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קאָנען צונויפרעדן זיך צווישן זיך און פאַר־שפּרייטן זייער „אָרגאַניזירטקייט“ אויך אויף ווייטער?

די לערע וועגן „אָרגאַניזירטן“ קאַפּיטאַליזם גייט לעהייפעד צו אַלץ, וואָס לענין האָט געשריבן, זי ווידערשפּרעכט אויך אַלע פאַקטן.

דער שאַרפסטער קריזיס פון דער וועלט-ווירטשאַפט, דער נייער אופשווינג פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון דעם אַרבעטער-קלאַס און די אונטערדריקטע לענדער, ווייזן ווי וואַקלדיק עס איז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געביידע.

לענין האָט, כאַראַקטעריזירנדיק דעם קאַפּיטאַליזם, ספּעציעל אָנגעוויזן, אַז מאָנאָפּאָלן פאַרניכטן גאָרניט די קאָנקורענץ, טראָגן ניט אַריין קיין פּלאַנמעסיקייט אין דער ווירטשאַפט און באַזייטיקן ניט קיין קריזיסן. פאַרקערט, זיי פאַרשאַרפן די ווידערשפּרוכן, ברענגען צו מילכאָמעס און פאַרשנעלערן די מאַפּאָלע פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער אימפּעריאַליזם איז דער אונטערפוילנדיקער קאַפּיטאַליזם. אונטער אים ווערן צייטיק אַלע פאָרהאַנאָכעס פאַרן פאַלן פון קאַפּיטאַליזם, פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. דורך די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציעס גייט די מענטשהייט אַריבער פון אים צום סאָציאַליזם.

די אומגלייכקייט אין דער אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע לענדער שטרעקט דער פעסטער און ווירקלעכער פאַראייניקונג צווישן זיי. די אינטערעסן און דער אַנטוויקלונג-גראַד פון פאַרשיידענע מעלוכעס אונטערן קאַפּיטאַליזם זיינען אַזוי פאַרשיידן, אַז אַלע פּלענער וועגן „פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע“ און ענלעכע פאַראייניקונגען וועלן שטענדיק זיין ניט מער, ווי אַ פּוסטע פראַזע.

אַף אַזאַ אויפן זעען מיר, אַז בוכאַרינס לערע, וואָס שליסט זיך צונויף מיט סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָנשויונגען (לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אָן בוכאַרינס לערע וועגן דעם „אַריינוואַקסן פון דעם באַלעבאָף אין סאָציאַליזם“), טרעט אַרויס אַנטשיידן קעגן דעם לעניניזם. איר שעדלעכקייט דריקט זיך באַזונדערס אויס אין דעם, וואָס מאָלנדיק דעם איצטיקן צושטאַנד פון קאַפּיטאַליזם, ווי אַ שטאַנדהאַפטיקן, ברענגט זי צו אַן אומגלויבן אין דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט. זי שוואַכט אָפּ די צוגרייטונג פון פּראָלעטאַריאַט צו אַנטשיידענע שלאַכטן און העלפט דערמיט גופא דער בורזשואַזיע.

ענטפערן אַף פראַגן

צי איז עמעס, אַז פ.ס.ס.ר. פירט דורך אַ פּאָליטיק פון רויטן אימפּעריאַליזם?

די סאָציאַלדעמאָקראַטן, מענשעוויקעס, טראָצקיסטן און פאַרשיידענע אַנדערע קנעכט פון דער בורזשואַזיע האָבן ליב איבערצוכאַזערן, אַז פסס"ר איז אַ לאַנד פון רויטן אימפּעריאַליזם, דאָס הייסט, אַז מיר באַוואָפענען זיך פונקט ווי אַנדערע אימפּעריאַליסטן, קעדיי מיט גוואַלד צו פאַרכאַפּן פרעמדע לענדער און אונטעריאָכן צו זיך אַנדערע פעלקער. צי איז עס ריכטיק?

קוידעמקאָל מוז מען באַמערקן, אַז מיר גיבן אויס אַף באַוואָפענונגען אַסאַך ווייניקער, וויפל ס'האָט אויסגעגעבן די צאַרישע רעגירונג און וויפל ס'גיבן איצט

אויס די בורזשואזע מעלוכעס. אויסערדעם האָבן גראָד מיר ניט איין מאָל פאָרגעשלאָגן דורכצופירן אן אַלגעמיינע אונטוואָפענונג, נאָר די בורזשואזע מעלוכעס האָבן יעדעס מאָל געמאַכט צוניש אונדזערע פלענער. ווען די כינעזישע גענעראַלן האָבן לויטן באַפעל פון די אימפּעריאַליסטן פאַרכאַפּט באַ אונדז די מיזרעד-כינעזישע אייזנבאַן, האָבן מיר ניט געשיקט אונדזערע אַרמייען קיין כינע, ווי דאָס וואָלט זיכער געטאָן יעדע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע, נאָר מיר האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו ליקווידירן דעם קאָנפליקט אַף אַ פרידלעכן אופן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרטיידיקט אונדזער גרענעץ און האָבן צעשלאָגן באַ אונדזערע גרענעצן די כינעזישע ווייסבאַנדיטן, אָבער מיר האָבן זיך ניט געלאָזן מיטרייסן און האָבן ניט אָקופּירט מאַנדזשוריע, ווי דאָס האָבן פון אונדז דערוואַרט אונדזערע סאָנים.

אין אונדזער לאַנד איז ניט פאַראַן קיין איין פעלקערשאַפט, וועלכע מיר זאָלן האַלטן אין אונדזער פאַרבאַנד מיט גוואַלד, קעגן איר ווילן. און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט דעם מינדסטן כיישעק צו לאָזן זיך איינעמען פרעמדע לענדער. אַזעלכע קלאַנגען לאָזן קעסיידער פאַנאַנדער אונדזערע סאָנים, קעדיי צו באַרעכטיקן דערמיט זייערע קריגס-צוגרייטונגען אַנטקעגן אונדז. אינדערעמעסן: מיט וואָס, לעמאָשל, קאָן מען באַרעכטיקן דאָס, וואָס אין זומער 1930 האָבן פוילן, לאַטוויע און עסטאָניע אָרגאַניזירט געמיינזאַמע מיליטערישע מאַנעוורעס אַרום אונדזערע גרענעצן און פאַרייניקן איצט זייערע לופט-קרעפטן? פאַר יעדן איינעם איז קלאָר, אַז די דאָזיקע מאַנעוורעס זײַנען אַ קריגס-צוגרייטונג אַנטקעגן אונדז. אונדזערע סאָנים טראַכטן אויס באָבע-מייסעס וועגן אונדזערע קריגס-צוגרייטונגען, וועגן אונדזער כיישעק אָנצופאַלן אַף זיי, קעדיי צו געפינען אַן אויסרייד פאַר פיינטלעכע צוגרייטונגען אַנטקעגן אונדז.

ס'איז קלאָר, פאַרשטייט זיך, אַז אויב דער אַרבעטער-קלאַס זאָל אין אַ וועלכן עס איז לאַנד קריגן די מאַכט און דאָסדאָזיקע נייע סאָוועטישע לאַנד זאָל וועלן אַרייננעמען אין אונדזער ראַטנפאַרבאַנד, — וועלן מיר זי ברידערלעך אַרייננעמען אין אונדזער פאַרבאַנד.

און אָט פאַר דעם טאַקע האָבן די אימפּעריאַליסטן באַזונדערס מוירע. זיי ווייסן, אַז צו זייערע מעלוכעס וועט מיטן גוטן ווילן קיינער ניט צושטיין. זיי ווייסן, אַז באַ זיי קומט אויס מיט גוואַלד אייגצוהאַלטן פיל לענדער און פעלקער אין באַשטאַנד פון זייערע מעלוכעס (לעמאָשל, אינדיע אין באַשטאַנד פון דער בריטישער אימפּעריע, אינדאָ-כינע אין באַשטאַנד פון פראַנקרייך א. א. וו.).

איז קעדיי צו פאַרמאַסקירן זייערע אייגענע גוואַלדטאַטן און זייערע צוגרייטונגען צו מילכאָמע פאַרשפּרייטן די אימפּעריאַליסטן פאַלשע קלאַנגען וועגן „רויטן אימפּעריאַליזם“ און די סאָציאַלדעמאָקראַטן, אַלס געטרייע דינער פון קאַפּיטאַל, כאַפּן אונטער און פאַרשפּרייטן די דאָזיקע קלאַנגען.

קאָנטראָל-פראגן

1. ווי אַזוי ברענגט די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ צו קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל?

2. וואָס פאַר אַ סיבעס רופן אַרויס די אומפאַרמיידלעכקייט פון אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס?

3. וואָס פאַר אַ פּאָזיציע האָבן די באָלשעוויקעס פאַרנומען בענעגייע דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע פון 1914 י.?

ליטעראטור

1. פּראָגראַם פון קאָמינטערן. I-טער אָפּטייל „די וועלט-סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם, איר אנטוויקלונג און איר אומפאַרמיידלעכער אונטערגאַנג", פּאַראַגראַף 2 און 3.

2. לענין. באַנד IV, טייל 2 (יידישע אויסגאַבע) — „אימפּעריאַליזם אַלס נייסטער עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם", ז. 15. פון די ווערטער, „די קאָנקורענץ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאָנאָפּאָליע" ביז „דער דייטשישער עקאָנאָמיסט"... ז. 16; קאַפּיטל „עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל" ז. 48 ביז דער טאַבעלע אויף דער זייט 49.

קאפיטל XIII קאָמינטערן

די אנטשטייונג פון קאָמינטערן.—אלק״פ (ב) און קאָמינטערן.—די פראָגראם פון קאָמינטערן.—אָרגאניזאציאָנעלע פרינציפן. — די „21 באדינגונגען״.— די קעמערלעך.—די אָנפירונג מיטן קאמף פון די מאסן.—די פראָפארייִנען—דער אָנטייל אינעם פארלאמענט— די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט.—די פאשיסטישע ראָליע פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע.—די פאָליטיק אין דאָרף.—דאָס פוי-ערטום בא דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.—די קאָלאָניאלע פראגע.—די רעכטע אָפּנייגן.—די „לינקע אָפּנייגן״

אונדזער פארטיי האָט זיך שטענדיק באטראכט אלס איינעם פון די אָטריאדן פון דער פראָלעטארישער וועלט-ארמיי. זייער קאמף האָבן די באָלשעוויקעס שטענדיק פארבונדן מיטן רעוואָלוציאָנערן קאמף פונעם גאנצן ארבעטער-קלאס. דער ניצאָכן איבערן אימפעריאליזם איז די זאך פון די ארבעטנדיקע איבער גאָר דער וועלט. דעריבער דארפן די פראָלעטארישע פארטייען זײַן ענג פארבונדן צווישן זיך. נאָך מארקס האָט געשאפן דעם ערשטן אינטערנאציאָנאלן ארבעטער-פאר-באנד (ערשטער אינטערנאציאָנאל). דער צווייטער אינטערנאציאָנאל האָט געליטן א מאפּאָלע ביים דער מילכאָמע, ווײַל די סאָציאל-פארע-טערישע מערהײַט זײַנע האָט אָנגעהויבן שטיצן די קאפּיטאליסטן. לויט דער איניציאטיוו און בא דעם נאָענטסטן אָנטייל פון אונדזער פארטיי און פון לענינען איז געשאפן געוואָרן דער III-טער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל, קעדיי אָנצופירן מיטן גאנצן קאמף פונעם וועלט-פראָלעטאריאט פאר דער פראָלעטארישער דיקטאטור, פארן אראָפּ-שלײַדערן דעם אימפעריאליזם.

1. די פראָגראם און סטאטוט פון קאָמינטערן

די אנטשטייונג פון קאָמינטערן

באָלד ווי עס זיינען אָנטשטאַנען די סאָציאָליסטישע אידייען צווישן אר-בעטער-קלאס האָט זיך בא די אָרבעטער פון פארשיידענע לענדער ארויסגעוויזן א שטרעמונג פאָרייניקן זייערע קויכעס צום געמיינזאמען קאמף קעגן זייערע קלאסן-סאָנים.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אונטער מאַרקס און ענגעלס אָנפירונג אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דער צוווישנפעלקערלעכער סאָלידאַרישקייט פונעם אַרבעטער=קלאַס. ער איז אַנטשטאַנען, ווען עס זייגען נאָך געווען פריש אין זיקאָרן די רעוואָליוציאָנערע כוואַליעס פון מיטן XIX יאָרהונדערט (די רעוואָליוציע אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך, די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין ענגלאַנד). ער איז זיך צעפאַלן באַלד נאָך דער מאַפּאָלע פון דער פאַריזער קאָמונע אין 1871 יאָר.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל (פון 1889 י.) איז אַנטשטאַנען און עקזיסטירט אין פעריאָד פון רעוואָליוציאָנערן שטילשטאַנד, אין די יאָרן פון שנעלן קאַפּיטאַליסטישן וווּקס, פון דער גזיילע און צעטיילונג פון די קאָלאָניעס, ווען די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס האָבן שטאַרק עקספּלואַטירט די אָפּגעשטאַנענע לענדער. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין טאָך פאַרייניקט בלויז די אַרבעטער פון אייראָפּע און טיילווייז פון אַמעריקע. דער פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע פעלקער אין כינע, אינדיע, אַפריקע, דער פּראָלעטאַריאַט פון די קאָלאָניעס האָט אין דערדאָזיקער פאַרייניקונג קיין אָנטייל ניט גענומען.

ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרן דער קראַך פונעם 2=טן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אונדזער פּאַרטיי אַרויסגערוקט דעם לאָזונג — שאַפן אַ III אינטערנאַציאָנאַל. שוין אין די ערשטע מילכאָמע=כאַדאָשים האָט לענין געשריבן וועגן דעם, אָנווייזנדיק, אַז די נייע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרייניקונג פון די אַרבעטער קאָן מען אויסבויען בלויז אָף אַ רעוואָליוציאָנערער באַזע, ווען מע זאָל אָנטשיידן אייגרייסן סיי מיט די אָפּאָרטוניסטן (ד. ה. מיט די סאָציאַל=פּאַטריאָטן, וואָס שטיצן זייער בורזשואַזיע אין דער מילכאָמע), סיי מיט די צענטריסטן (ד. ה. מיט די, וואָס האָבן ניט געוואָלט אייגרייסן מיט די סאָציאַל=פּאַטריאָטן און פּאַקטיש געטאַנצט בא זיי אָפן שטריקל).

אָף דער אַפּרעל=קאָנפערענץ אין 1917 יאָר רוקט אַרויס די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי די אויפגאַבע צו שאַפן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל אַלס איר אָרדנטלעכע פּאַרטיי=אויפגאַבע. דעם צ"ק ווערט געגעבן אַן אויפגאַבע טייקעף פאָרנעמען שריט צו גרינדן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

אַדאַנק די שטורעמדיקע געשעענישן און דעם קאַמף אַף די פראָנטן ניט זיך איין ערשט אין מאַרט 1919 יאָר צונויפגערופן דעם ערשטן גרינדונגס=קאָנגרעס פונעם III אינטערנאַציאָנאַל. אָפן קאָנגרעס זייגען געווען 50 פאָרשטייער פון 24 פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס (33 פאָרשטייער פון זיי מיט שטימרעכט פון 19 פּאַרטייען). די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דידאָזיקע קאָמוניסטישע פאַרייניקונגען זייגען נאָך ניט געווען קיין מאַסן=פּאַרטייען, נאָר בלויז שטרעמונגען און גרופּעס אין דער אַרבעטער=באַוועגונג.

אין יעסאָד פון דער אַרבעט פונעם ערשטן קאָנגרעס איז געלעגן די באַהאַנדלונג פון לענינס טעזיסן „וועגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און וועגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“. די דאָזיקע טעזיסן האָבן, אַף דער דערפאַרונג פון דער רוסישער און דייטשישער רעוואָליוציע, אָנגעמערקט די פּראָגראַם, טאַקטיק און די אָרגאַניזיר-יעסוידעס פון קאָמינטערן.

זיי האָבן אַרויסגערוקט דעם קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער ראַטן-סיסטעם אַלס די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. זיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז דעם בורזשואַזן מעלוכע-אַפּאַראַט קאָן דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט ניט אויסנוצן, נאָר מע דאַרף אים צעברעכן און פאַרבייטן מיט דער ראַטן-סיסטעם, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן בא אונדז. לענין האָט געגעבן אַן אויספירלעכע כאַראַקטעריסטיק פון אַלע אייגנטימלעכקייטן פון דער ראַטן-סיסטעם.

די טעזיסן האָבן אָנגעוויזן, אַז דער ניצאָכן פונעם פּראָלעטאַריאַט איז מעגלעך בלויז, ווען די פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט וועט אינגאַנצן אייגנרייסן מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס שטיצן ווי ווייט מעגלעך די בורזשואַזיע. אונדזער דערפאַרונג פונעם קאַמף מיט די מענשעוויקעס איז ברייט אויסגענוצט געוואָרן אַף אויסאַרבעטן די טאַקטיק פון די ברידערלעכע פּאַרטייען. לענין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז בלויז זעלבשטענדיקע און שטאַרקע פּאַרטייען פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטיצן זיך אַף מאַרקס לערע און וואָס האָבן זיך אָפּגערייניקט פון יעטווידער אָפּאָרטוניזם, וועלן זיין בעקויעד צו באַהעפטן דעם אַרבעטער-קלאַס און פירן אים צום ניצאָכן.

אַפן ערשטן קאָנגרעס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נייטיקייט פון אומלעגאַלער אונטערערדישער אַרבעט, וואָס דאַרף ריכטיק קאָאָרדינירט ווערן מיטן אָפענעם קאַמף.

מע דאַרף צוגעבן, אַז פון זיין סאַמע אנטשטייונג אָן האָט דער קאָמינטערן אָנגעהויבן זיך בויען אַלס פּאַרייניקונג פון אַלע פּראָלעטאַריער פון דער וועלט (איינשליסנדיק די כינעזער, אינדוסן, נעגרען א. א. וו.), און ניט אַלס אָרגאַניזאַציע פון בלויז ווייסע אַרבעטער (ווי דאָס איז געווען באַם II אינטערנאַציאָנאַל).

אַזוי זיינען די לעניגשע פּרינציפּן געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פונעם III אינטערנאַציאָנאַל.

אלק"פּ (ב) און קאָמינטערן

אונדזער פּאַרטיי איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און הויפּט-אָנפירער פון קאָמינטערן. דאָס איז געווען נאַטירלעך, אַף וויפל זי האָט געהאַט ניט בלויז אַ גרויסע רעוואָליוציאָנערע דערפאַרונג און לעניגס גענויאַלע אָנפירונג, נאָר

האָט אויך אין דערווירקלעכקייט אָפּגעוואָרפן די בורזשואַזיע און געשאַפן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי איז אין גאַנצן געבויט אויף דער לעניניסטישער אָפּשאַצונג פון וועלט-באָלשעוויזם.

לענין האָט אָנגעוויזן, אַז די פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי איז אין טאָד גענומען די פּראָגראַם פונעם וועלט-באָלשעוויזם.

אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאַרן אויסבויען סיי דעם קאָמינטערן גופא און סיי אויך די באַזונדערע קאָמפּאַרטייען.

אונדזער טאַקטיק נוצן שטענדיק ברייט אויס די ברידערלעכע פּאַרטייען און דער קאָמינטערן אַלס מוסטער פון עכטער רעוואָלוציאָנערער און בויגעוודיקער טאַקטיק פונעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט.

די רעזאָלוציע וועגן „באָלשעוויזירן די פּאַרטייען" איז געווען איינע פון די כאַראַקטעריסטישע רעזאָלוציעס פון קאָמינטערן. באָלשעוויזירונג באַטייט אַריבערטראָגן אין אַלע קאָמפּאַרטייען דאָס, וואָס אינעם רוסישן באָלשעוויזם איז געווען און איז פאַראַן אינטערנאַציאָנאַלעס, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן אויך אין די אַנדערע פּאַרטייען. דאָס, וואָס די אַנדערע פּאַרטייען האָבן דיסקאָנטירט און אויסגענוצט די דערפאַרונג פון אַלק"פּ אין די דריי רעוואָלוציעס, האָט זיי געבראַכט צו דער ווירקלעכער לענינישער פּאָזיציע. אַזוי אַרום האָט די באָלשעוויזאַציע באַטייט — אָנווענדן די לענינישע פּרינציפּן צו דער קאָנקרעטער סיטואַציע אין דעם אָדער יענעם לאַנד, שאַפן אַ מאַסאָווע אַרבעטער-באַוועגונג אונטער דער פאָן פון מאַרקס, ענגעלס, לענינס אידייען, פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, דעראָבערנדיק אַף דער זייט פונעם פּראָלעטאַריאַט דאָס קליין-פּויערטום א. אַז. וו.

האָבנדיק אַזאַ איינפלוס אַפן גאַנצן קאַמף פונעם קאָמינטערן, פלעגט אונדזער פּאַרטיי אין דערזעלבער צייט איבערגעבן אַף דער באַהאַנדלונג פון די קאָנגרעסן און פּלענומען פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן אויך אַלע וויכטיקסטע בעלוקעדייעם אירע. דער קאָמינטערן האָט ניט איין מאָל באַהאַנדלט די טאַקטיק פון אונדזער פּאַרטיי. און ער פלעגט ענערגיש אונטערשטיצן אונדזער פּאַרטיי אין איר קאַמף קעגן טראָצקיזם און אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע אָפּנייגן.

די פּראָגראַם פון קאָמינטערן

די פּראָגראַם פון קאָמינטערן, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אַפן VI קאָנגרעס, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מעשך פון עטלעכע יאָר; אין יעסאָד פון דער פּראָגראַם ליגן יענע האַנאָכעס, וואָס מאַרקס און לענין האָבן אַנטוויקלט, עס איז גענומען געוואָרן אין אַכט די דערפאַרונג פונעם פּראָלעטאַרישן וועלט-קאַמף, באַזונדערס די דערפאַרונג פון אונדזער פּאַרטיי.

די באַשטעטיקונג פון אַ פּראָגראַם פאַר אַלע קאָמפּאַרטייען איז אַן אויסערסט וויכטיקע דערשייַנונג. ביז איצט האָט נאָך קיין איין קלאַס אין דער מענטשלעכער געשיכטע ניט אויסגעאַרבעט פאַר זיך קיין איינהייטלעכע פּראָגראַם פון האַנדלונג.

דאָס אָנעמען אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם האָט באַטייט, אַז עס זייַנען שוין רייף געוואָרן די באַדינגונגען פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־רעוואָלוציע, אַז דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין פאַרשטאַנען די הויפּט־אויפגאַבן און וועגן פון אַראָפּצושליידערן דעם קאַפּיטאַליזם און אייַנשטעלן אַ דיקטאַטור. דאָס האָט אויך געהייסן, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז שוין אַ ווירקלעכער *פירער* פון דער צווישנפעלקערלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

די פּראָגראַם פון קאָמינטערן איז אַ פּראָגראַם פון קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער וועלט־דיקטאַטור, דערין ליגט די גרונט־אידייע פון דער פּראָגראַם.

די פּראָגראַם גיט אַ מעכטיק געווער אין די הענט פונעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט.

די באַזונדערקייט פון דער קאָמינטערן־פּראָגראַם באַשטייט דערין, וואָס זי גיט אַן איינהייטלעכע *טעאָרעטישע* פאַראַלגעמיינערונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דערפאַרונג פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, דער אינטערנאַציאָנאַלער *סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם* שטעלט זי אַנטקעגן *די סיסטעם פון קאָמוניזם*. זי איז אַ פּראָגראַם פון רעוואָלוציאָנערע קאַמף־מיטלס ניט בלויז פאַר די אַרבעטער פון די פאָרגעשריטענע לענדער, נאָר אויך פאַר די מיליאָניקע מאַסן אונטערדריקטע אין די קאָלאָניעס. זי באַלויכט די באַדייַטונג פון דער רעוואָליוציאָנערער דערפאַרונג *פונעם באָלשעוויזם און סאָציאַליסטישער בויונג אין פסס"ר* פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

די פּראָגראַם פון קאָמינטערן כאַראַקטעריזירט בלויז אינקורצן די גרונט־סימנים פון קאָמוניזם. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט אַף דער־ווייַזן, אַז דער אונטערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז אומפאַרמיידלעך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז זיגן אין דער גאַנצער וועלט. זי גיט דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט די הויפּט־אָנווייַזונגען, ווי צו פירן דעם קאַמף, ווי צו דערשלאָגן זיך צו אַ שנעלערן ניצאָכן.

די פּראָגראַם קלייבט גענוי פאַנאַנדער אַלע באַזונדערקייטן פונעם קאַפּיטאַליזם און פון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע.

די פּראָגראַם דעקט אויף די אומפאַרמיידלעכקייט פונעם קאַפּיטאַליסטישן אונטערגאַנג, שטרייכט אונטער דעם וווּקס פון עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און קאָלאָניאַלע פעלקער, די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף, די פאַנאַנדערוויקלונג פון די קוועטשן פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע.

ווייטער כאראקטעריזירט די פּראָגראם גענוי דעם איבערגאנגס־פּעריאָד פון קאפּיטאליזם צום סאָציאליזם און דעם טאָד פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. אפן גרונט, הויפּטזאכלעך, פון דער פסס"ר־דערפארונג ווערט פאר אלע קאָמפּארטייען אָנגעמערקט א גענויע טעטיקייט־פּראָגראם אפן איבערגאנגס־פּעריאָד נאָכן פארכאפּן די מאכט. עס ווערט באזונדערס כאראקטעריזירט דער קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער און קאָלאָניעס.

אין א באזונדערן קאפּיטל קלייבט די פּראָגראם פאנאנדער די באדייטונג פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אין פסס"ר און שטעלט פעסט, אז „אין פאל, ווען די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס וועלן אָנפאלן אפן פסס"ר און מילכאָמע האלטן מיט אים, דארף דער וועלט־פּראָלעטאריאט ענטפערן מיט דער סאמע דרייסטער און אנטשלאָסענער מאסן־ארויסטרעטונג אין קאמף פאר אראָפּשליידערן די אימפּעריאליסטישע רעגירונגען אונטערן לאָזונג פון פּראָלעטארישער דיקטאטור און פארבאנד מיטן פסס"ר".

די פּראָגראם מערקט גענוי אָן די סטראטעגיע און טאקטיק פונעם קאָמינטערן אין זיין קאמף פאר דיקטאטור. באזונדערס ווערט אונטערגעשטראָכן די פארעטערישע ראָליע פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, וואָס האָט זיך געשטעלט צו דינסט דער וועלט־בורזשואזיע און איז די הויפּט־באזע פון אימפּעריאליזם אינעם ארבעטער־קלאס און דער הויפּט־סוינע פון קאָמוניזם אין די ארבעטער־מאסן.

גענוי אָנמערקנדיק די וועגן פון פּראָלעטאריאט אין זיין קאמף פאר מאכט, ווייזט די פּראָגראם אָן די גאנצע וויכטיקייט פון דער ענגסטער פארבינדונג פון די קאָמוניסטישע פּארטייען מיט דער גאנצער ארבעטער־מאסע.

ענדלעך, ווייזט די פּראָגראם אָן, אז דער דערפאָלגרייכער קאמף פון פּראָלעטאריאט איז ענג פארבונדן מיט א פעסטער אינטערנאציאָנאלער קלאסן־דיסציפּלין. דיזאָזיקע דיסציפּלין פאָדערט, אז די, פּריוואטע און אָרטיקע אינטערעסן פון דער באוועגונג זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן די אלגעמיינע און לאנג־דויערנדיקע אינטערעסן.

די פּראָגראם ענדיקט זיך מיט מארקס ווערטער: „די קאָמוניסטן האלטן פאר איבעריק צו באהאלטן זייערע אָנשויונגען און פּלענער. זיי דערקלערן אָפן, אז זייערע צילן קענען דערגרייכט ווערן בלויז דורכן אראָפּשליידערן מיט גוואלד די איצטיקע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג".

„זאָלן די הערשנדיקע קלאסן ציטערן פאר דער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע. די פּראָלעטאריער קענען אין איר פארלירן בלויז זייערע קייטן. דעראָבערן וועלן זיי אָבער די גאנצע וועלט. פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!".

יעדער קאָמוניסט דארף אויפמערקזאם דערלערנען די פּראָגראם פון קאָמינטערן.

אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט זייער פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען. די צווישנפעלקערלעכער קאָנגרעסן פלעגן אָנעמען רעזאָליוציעס הויפּטזאַכלעך פון דעקלאַראַטיווען כאַראַקטער און פלעגן אויסמיידן אָנעמען גאַנץ באַשטימטע רעזאָליוציעס איבער די פראַגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַזונדערס גרויסע בעלוקעדייעס. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ, וואָס האָט געאַרבעט צווישן די קאָנגרעסן איז געווען פּאָשעט אַ פּאָסט־קעסטל פונעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אַבסאָליוט ניט געהאַט קיין שום מאַכט. אַלע פּאַרטייען, וואָס זיינען אַריין אינעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיך געבויט, ווי זיי האָט זיך געוואָלט. מיט זייערע אינערלעכע איניאָנים האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל ניט פאַרנומען, קיין שום דירעקטיוון פלעגט ער די פאַרשיידענע פּאַרטייען ניט געבן.

גאָר אַנדערש איז געבויט דער קאָמינטערן. דאָס איז אַ שלאַכט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם ציל אָנפירן דירעקט מיט די פּראָלעטאַרישע שלאַכטן צו פאַרכאַפּן די מאַכט און איינשטעלן די דיקטאַטור.

דער גרונט־ציל פון קאָמינטערן איז פאָרמולירט אין זיין סטאַטוט אַלס קאַמף פאַרן איינשטעלן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אַף דער גאַנצער וועלט און פאַרן שאַפן אַן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן, פאַר פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון קלאַסן און פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם — אָט דער ערשטער שטופע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

די שלאַכט־אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט פאָדערט, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסן צענטראַליזם, אַ שטאַרקן אָנפירנדיקן צענטער, אַ שטאָלענע דיסציפּלין.

דער קאָמינטערן איז ניט עפּעס אַן אומבאַשטימטע פעדעראַציע פון פּאַרטייען, דאָס איז אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, וואָס אין איר זיינען די פּאַרטייען פון די פאַרשיידענע לענדער בלויז טיילן, סעקציעס פונעם איינהייטלעכן גאַנצן. אַלע פּאַרטייען זיינען מעכויעוו אויסצופילן אַלע באַשלוסן פון די אָנפירנדיקע קאָמינטערן־אָרגאַנען. די כעקציעס פון קאָמינטערן ווייסן בלויז פון איין איינהייטלעכער אינטערנאַציאָנאַלער דיסציפּלין, וואָס פאַרזיכערט דעם זיגרייכן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דער וועלט־דיקטאַטור.

די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פונעם קאָמינטערן ווערט געבויט אַפן גרונט פון אונדזער באָלשעוויסטישער דערפאַרונג און פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פונעם לעניניזם — דעמאָקראַטישער צענטראַליזם, שטרענגע דיסציפּלין, אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט.

די קאָנגרעסן פון קאָמינטערן גיבן ניט בלויז אַלגעמיינע דירעקטיוון, וואָס מוזן אויסגעפילט ווערן, נאָר זיי באַטראַכטן אויך אויספירלעך די טעטי־קייט פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען און גיבן זיי דירעקטע אָנווייזונגען. דער אויס־פירקאָם, וואָס דער קאָנגרעס קלייבט אויס, האָט דיזעלבע אָנפירנדיקע מאַכט אין דער צייט צווישן די קאָנגרעסן. זיינע באַשלוסן זיינען אַבסאָליוט אָבליגאַטאָרישע פאַר אַלע סעקציעס.

דער אויספירקאָם פון קאָמינטערן פירט אָן מיט די פּאַרטייען טאָג־איין טאָג־אויס און ניט שטרענג אַכטונג, אַז אַלע דירעקטיוון זאָלן פּינקטלעך אויסגע־פילט ווערן. ער האָט רעכט אויסצושליסן מיטגלידער פון קאָמינטערן און אפילו גאַנצע אָרגאַניזאַציעס (אין געוויסע פאַלן דאַרפן אַזעלכע באַשלוסן שפּעטער באַ־שטעטיקט ווערן דורכן קאָנגרעס).

פאַר שטענדיקער אַרבעט טיילט אויס פון זיך דער אויספירקאָם אַ פּרע־זידיום, צוליב באַזונדערס וויכטיקע פראַגן קלייבט זיך צונויף דער פאַרברייטער־טער פּלענום, וווּהין עס ווערן איינגעלאַדן, כוץ די מיטגלידער פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן, אויך פאָרשטייער פון די קאָמפּאַרטייען.

אַלע „סעקציעס" (ד. ה. די באַזונדערע פּאַרטייען) ווערן געבויט לויט אַן איינ־הייטלעכער סיסטעם און זיינען אויך צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציעס. אומעטום איז דורכגעפירט דער פּרינציפּ **ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ר צ ע נ ט ר אַ ל י ז ם**, ד. ה. ברייטע אויסגעוויילטקייט פון די צענטראַלע און אַנדערע אָרגאַנען, זייער פּעריאָדישע באַריכט־אָפּגעבונג פאַר די וויילער, אָבליגאַטאָרישקייט פון די באַ־שלוסן פון די העכסטע אָרגאַנען פאַר די נידעריקערע און אַ שטרענגע פּאַרטייִשע דיסציפּלין.

די „21 באַדינגונגען"

דער קאָמינטערן, אויך ווי אונדזער פּאַרטיי, האָט זיך געבויט אין פּראָצעס פון קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, קעגן דער פּשאָרעמאַכעריי, קעגן מענשעוויזם. עס איז גייטיק געווען, אַז זיינע אָרגאַניזיר־פּרינציפּן זאָלן זיין אַזוינע, וואָס זאָלן איבערלאָזן מעכוץ די טויערן אַלע גישטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן און באַזונ־דערס יענע „צענטריסטן", וואָס האָבן זיך געוואַקלט צווישן רעוואָלוציע און פּשאָרעמאַכעריי. די אידייִשע אויסגעהאַלטנקייט פון אַלע מיטגלידער פון קאָמינטערן און פון זייערע סעקציעס איז געווען אַן אָבליגאַטאָרישער באַדינג פון דער עקסיסטענץ פון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

דעריבער האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון קאָמינטערן געהאַט די „21 באַדינגונגען" אויף אויפנעמען אינעם III אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן צווייטן קאָנגרעס (1920 יאָר). גראָד אין דעם־

דאָזיקן מאָמענט האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די מאַסן געשטויסן אַסאַך פירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו אַ דערנעענטערונג מיטן III אינטערנאַציאָנאַל. מע האָט געמוזט זאָרגזאַם דורכזיפּן אַלע וואַקלדיקע און ניט שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן.

די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע „21 באַדינגונגען“ זיינען געווען פאָלגנדיקע:

ערשטנס, די פּאַרטייען איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו ווערן קאָמוניסטישע ניט אפן פּאַפּיר, נאָר אין דער ווירקלעכקייט, ד. ה. ניט נאָר איבערמאַכן זייערע נעמען אף קאָמוניסטישע, נאָר אויך פירן אַן אַלטעגלעכע קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין גייסט פון די באַשלוסן פונעם קאָמינטערן, אונטערוואַרפן די גאַנצע פּרעסע זייערע די צענטראַל־קאָמיטעטן און איבערגעבן די אָנפירונג מיט דער פּרעסע די מער קאָנסעקווענטע כאַווערים א. א. וו.

צווייטנס, האָט זיך געפאָדערט איינצורייסן פולשטענדיק און אָנטשלאָסן מיט די רעפאָרמיסטן (אָפּאָרטוניסטן) און מיט די צענטריסטן. קעמפן קעגן דיזע דאָזיקע שטרעמונגען האָט זיך גערעכנט פאַר א מוז און פאַר גאַנץ זונדערס וויכטיק. אַלע רעפאָרמיסטן און צענטריסטן האָבן געדאַרפט אַראָפּגענומען ווערן פון אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרביטן ווערן מיט קאָמוניסטן.

דריטנס, די פּאַרטייען האָבן געדאַרפט ווערן איבערגעבויט אף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, און כוץ דעם האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין פאַל פון א וואָסער ניט איז אָנגריף מיצאַד דער בורזשואַזיע אף דער מאַסן־פּאַרטיי.

פערטנס, איז פאָרגעלייגט געוואָרן די פּאַרטייען צו פירן א סיסטעמאַטישע אַרבעט אין די פּראָפּאַריינען, אינעם מיליטער און צווישן דעם פּויערטום. באַזונדערס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נייטיקייט פון אַן ענגער פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער און אונטערדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס און דעמאַסקירן די טעטיקייט פון די אייגענע אימפּעריאַליסטן אין די קאָלאָניעס.

פינפטנס, איז געווען א פאָרשלאָג איבערצוקוקן און איבעראַרבעטן די פּראָגראַמען פון די פּאַרטייען אין גייסט פון די באַשלוסן פונעם קאָמינטערן.

אַלע באַשלוסן פון קאָמינטערן האָבן געדאַרפט ווערן אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע פּאַרטייען. די פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די פּאַרפּליכטונגען און מעזיסן, וואָס דער קאָמינטערן האָט אַרויסגעשטעלט, האָבן געדאַרפט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי א. אז. וו.

אַזוי אַרום זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרונט־ראַמען פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידייִשער אויספורעמונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

די קעמערלעך

די מערהייט פארטייען, וואָס זיינען אריין אין קאָמינטערן, זיינען געווען אָרגאניזירט אנטשפרעכנד דער פריערדיקער פארלאמענטארישער ארבעט, לויט די וואל-קרייזן. דער קאָמינטערן האָט געהאלטן פאר נייטיק איבערצובויען זיי לויטן רוסישן מוסטער, ד. ה. אין יעסאָד פון די פארטייען לייגן **די פראָדוציר-קעמערלעך**. איצט איז דער גרונט פון דער מערהייט פארטיי-אָרגאניזאציעס, זייער פונדאמענט — דאָס קעמערל אין-דער אונטערנעמונג (אין זאוואָד, אין דער פאבריק, שאכטע, קאנטאָר א. א. וו.), וווהין עס דארפן אריינגיין אלע פארטיי-מיטגלידער, וואָס ארבעטן דאָרט. אדאנק אזא געבוי איז די פארטיי ענגער צונויפגעבונדן מיט די ארבעטער-מאסן און באקומט א מער בויגעוודיקע און באוועגלעכע פאָרם.

א מיטגליד פון קאָמינטערן קאָן מען ווערן בלויז דורך א וועלכער ניט איז פארטיי, און אין דער פארטיי קאָן מען אריין דורכן אונטערשטן קעמערל. אזוי ארום ווערט אלס מיטגליד פון דער קאָמפארטיי און פון קאָמינטערן פארעכנט יעדערער, וואָס אנערקענט די פראָגראם און דעם סטאטוט פון דער פארטיי און פון קאָמינטערן, וואָס איז א מיטגליד פון דער אונטערשטער אָרגאניזאציע, וואָס ארבעט אין איר אקטיוו, ווארפט זיך אונטער אלע באשטימונגען פון דער פארטיי און פון קאָמינטערן און צאָלט רעגולער מיטגליד-אָפּצאָל.

די מיטגלידער פון די קאָמפארטייען דארפן ארייַנגעצויגן ווערן אין רעגולערער אלטעגלעכער ארבעט. אין זייערע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען זיינען זיי מעכויעוו צו האלטן זיך ווי דיסציפלינירטע מיטגלידער פון א שלאכט-אָרגאניזאציע. ביז וואנען עס ווערן אָנגענומען אלגעמיין-פארטייישע באשלוסן, ווערט דערלאָזט א פרייער מיינונג-אויסטויש אין דער פארטיי גופע, נאָכדעם, ווי דער באשלוס איז אָבער אָנגענומען געוואָרן, זיינען אלע פארטיי-מיטגלידער מעכויעוו דורכפירן אים אין לעבן אָן שום טיינעס.

ווי מיר זעען, האָט דער קאָמינטערן ברייט אויסגענוצט פאר זיין אָרגאניזאציאָנעלער בויונג די דערפארונג פון אונדזער פארטיי.

די צאָל מיטגלידער פון קאָמינטערן איז געוואקסן אזוי. אין 1921 יאָר זיינען געווען 1.651.000 (צוזאמען מיט דער רק"פ), אין 1924 יאָר — 1.305.000 (דערביי איז די צאָל מיטגלידער פון קאָמינטערן אָן דער רק"פ פארקלענערט געוואָרן פון 1921 יאָר קימאט אין צווייען). איצט פאראייניקט דער קאָמינטערן 55 פארטייען מיט אן אלגעמיינער צאָל מיטגלידער פון קימאט 3 מיליאָן מאן.

2. דער קאַמף פאַר די מאַסן

די אָנפירונג מיטן קאַמף פון די מאַסן

די ערשטע צוויי קאָנגרעסן פון קאָמינטערן זייַנען פאָרגעקומען אינעם פּעריאָד, ווען די רעוואָליוציאָנערע מאַסן האָבן געשטורעמט דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך געוואַקלט נאָך דער מילכאָמע. אפן דריטן קאָנגרעס איז געוואָרן קלאָר, אַז דער דירעקטער שטורעם איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן און מע מוז איבערגרופּירן די קרעפטן פאַר א מער אקשאָנעסדיקן און לאַנגדויערנדיקן קאַמף.

דעמאָלט האָט זיך מיט א באַזונדער קלאָרקייט ארויסגעוויזן די נייטיקייט צוציען צו די קאָמפּאַרטייען די ברייטסטע מאַסן. דער מאַניפעסט פונעם III קאָנגרעס האָט געזאָגט: „דער קאַמף דאַרף זייַן אַזוי צוגעגרייט און אָרגאַניזירט, אַז ער זאָל פאַרכאַפּן די ברייטסטע מאַסן, אַז די ברייטסטע מאַסן זאָלן אין אים זען דעם קאַמף פאַר זייערע לעבנס-אינטערעסן און ער זאָל זיי מאָביליזירן".

די פראַגע וועגן דעראָבערן אף אונדזער זייט די מערהייט פּראָלעטאַריער איז געשטאַנען אין צענטער פון קאָנגרעס. לענין האָט געזאָגט: „ווער אין אייראָפּע, וווּ קימאַט אַלע פּראָלעטאַריער זייַנען אָרגאַניזירט, עס פאַרשטייט ניט, אַז מיר מוזן דעראָבערן די מערהייט פונעם ארבעטער-קלאַס, דער איז פאַרלאָרן פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג". וואַרפנדיק דעם לאָזונג: „אין די מאַסן", האָט דער III קאָנגרעס צוגעגעבן: „רייניקט אָפּ אייערע רייען פון יענע עלעמענטן, וואָס זייַנען אימשטאַנד צו פאַרדאַרבן דעם קאַמף-גייסט און די קאַמף-דיסציפּלין פון די שלאָג-אָטריאַדן פונעם וועלט-פּראָלעטאַריאַט".

לענין האָט אפן קאָנגרעס אָנגעוויזן, אַז דער קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם פאָדערט א ריכטיקע צווישנפאַרהעלטעניש צווישן דער פּאַרטיי און דעם קלאַס, צווישן דער אָנפירנדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער מאַסע, ד. ה. מיט אַלע ארבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע. ער האָט באַטאָנט, אַז די פּאַרטיי וועט זייַן בעקוועם אָנצופירן מיטן קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם נאָר אין פאַל, אויב זי „האָט באַוויזן פאַרבינדן זיך פעסט מיטן גאַנצן לעבן פון איר קלאַס, און דורך אים מיט דער גאַנצער מאַסע עקספּלואַטירטע, און אייַנפלאַנצן אין דעמדאָזיקן קלאַס און אין דערדאָזיקער מאַסע דעם פולן צוטרוי".

אויסנוצנדיק די גאַנצע דערפאַרונג פונעם באָלשעוויזם, באַזונדערס אין פּעריאָד צווישן פעווראַל און אָקטיאַבער 1917 יאָר, האָט לענין אָנגעוויזן, אַז „צו די מאַסן דאַרף מען זיך אויסלערנען צוצוגייַן באַזונדערס געדולדיק און פאָרזיכטיק, כדיי צו קאָנען פאַרשטיין די אייגנטימלעכקייט, די אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגיע-שטריכן פון יעדן שיכט, פאַך און ד. גל. פון דערדאָזיקער מאַסע".

די קאָמפּאַרטייען האָבן געמוזט קעמפן קעגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך איינשליסן אין ענג-צעכישע ראַמען. דער פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי זיינען מעכויעוו אַרויסצוטרעטן, אַלס אָנפירער פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין זייער גאַנצן אַלטעגלעכן קאַמף.

די קאָמפּאַרטייען זיינען מעכויעוו צו באַטייליקן זיך דירעקט אינעם קאַמף פון די אַרבעטער-מאַסן און, אָנפירנדיק מיט אים, שאַפן מאַסן-פּאַרטייען. בלויז דעמלט, ווען זיי וועלן זיך שטעלן בעראָש פונעם לויפנדיקן פּראַקטישן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, קאָנען זיי דערגרייכן די מאַסן צום קאַמף פאַר דער דיקטאַטור.

דער קאָמינטערן האָט געשטיצט די נייטיקייט צו קעמפן אויך פאַר טייל-ווייזע פאָדערונגען. פאַרשטייט זיך, די גאַנצע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמוניסטן האָט באַוויזן, אַז באַם קאַפּיטאַליזם איז ניט מעגלעך קיין שום ערנסטע און פעסטע פאַרבעסערונג פונעם גורל פון אַרבעטער-קלאַס. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז די קאָמפּאַרטייען דאַרפן זיך אָפּזאָגן צו קעמפן פאַר די אַלטעגלעכע, דרינגנדיקע לעבנס-באַדערפענישן פונעם פּראָלעטאַריאַט ביז ער וועט ניט אויסקעמפן די דיקטאַטור.

די קאָמוניסטן דאַרפן זיך באַטייליקן אין אַלע צוזאַמענשטויסן פונעם אַרבעטער-קלאַסן מיטן קאַפּיטאַליזם, אין אַלע קאָנפליקטן וועגן דעם אַרבעטס-טאָג, אַרבעטלוין א. אנד. בלויז מיט דער הילף פון אַזאַ אַלטעגלעכער אַרבעט וועלן די קאָמוניסטן קאָנען ווערן די עכטע אָנפירער פון די מאַסן און פאַרוואַנדלען זייער פּאַרטיי אין אַ ווירקלעך מאַסאָווער. די דערפאַרונג פון איייניקע קאָמפּאַרטייען אין אַ ריי לענדער פאַר די לעצטע יאָר אַרבעט האָבן באַוויזן, אַז אַזאַ קאַמף פון די קאָמוניסטן פאַר טיילווייזע פאָדערונגען פון די אַרבעטער-מאַסן קאָן דינען אַלס גלענצנדער מיטל צו דעמאַסקירן די סאָציאַל-פּשאָרעמאַכער, פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונג פון די קאָמפּאַרטייען מיט די מאַסן, הויבט אויף דעם אויטאָריטעט פון דער קאָמפּאַרטיי ווי פון אַ ווירקלעכער קלאַסן-פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די פּראָפּאַריינען

קעמפנדיק פאַר דעראָבערן די מאַסן אויף זייער זייט, דאַרפן די קאָמוניסטן אַקטיוו באַטייליקן זיך אין די פּראָפּאַריינען. די פּראָפּאַריינען זיינען שטענדיק אַ ברייטערע אָרגאַניזאַציע, אַ מער מאַסאָווע, איידער די פּאַרטיי, זיי נעמען אַרום קימאַט אַלע אַרבעטער. דורך זיי שליסט זיך די פּאַרטיי צונויף מיטן קלאַס באַזונדערס ענג.

אַזוי ווי אין מיירעוו געפינט זיך אַ באַדייטנדיקער טייל פּראָפּאַריינען באַ די „געלע" אין די הענט, באַ די רעאַקציאָנערן, וואָס טאַנצן אויפן שטריקל באַ דער בורזשואַזיע, האָט זיך באַ איינגיקע „לינקע" קאָמוניסטן דערפון גענומען אַ גע-

דאַרף ניט צו באַטייליקן זיך אין די גאַנצע פּראָפּאַריינען, אַוועקגייען פון זיי. לעניין און דער גאַנצער קאָמינטערן האָבן זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער־אָזיקער ליניע.

די קאָמוניסטן זיינען מעכויעוו צו זיין צווישן דער מאַסע, דערהויפּט מיט מיטגליד פון די אומפּאַרטייאישע אַרבעטערשאַפט פון די מאַסן. אָפּזאָגן זיך אַרבעטן אין די רעאַקציאָנערע פּראָפּאַריינען הייסט איבערלאָזן די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער־מאַסן אונטערן איינפלוס פון די רעאַקציאָנערע פירער, פון די אַגענטן בא דער בורזשואַזיע.

שאַפנדיק זייערע קאָמוניסטישע פראַקציעס אין די פּראָפּאַריינען, ווירקן די קאָמפּאַרטייען דורך זיי אויף דער אַרבעט פון די פּראָפּאַריינען און פירן אָן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דער קאָמינטערן וואַרפט אָפּ אַנטשיידן די לערע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז די פּראָפּאַריינען דאַרפן זיין ניטראַל, ד. ה. אַז זיי דאַרפן שטיין אָן א זייט פון דער פּאַרטיי און פונעם פּאָליטישן קאַמף. די־אָזיקע לערע איז בלויז נוצלעך דער בורזשואַזיע. די פּראָפּאַריינען דאַרפן אַרבעטן א י ן ע נ ג ן ב ו נ ד מיט די קאָמפּאַרטייען און אונטער זייער אָנפירונג. דער קאָמינטערן פירט אָן ניט בלויז מיטן פּאָליטישן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך מיט אַלע מינים פון זיין קאַמף: דעם עקאָנאָמישן, קולטורעלן א. אנד.

דער אָנטייל אינעם פּאַרלאַמענט

ווען אייניקע איינראָפּעישע כאַוויירים האָבן פּאָרגעלייגט זיך אָפּזאָגן פון באַטייליקן אין די בורזשואַזע פּאַרלאַמענטן, ווייל דער פּאַרלאַמענטאַריזם האָט זיך אויסגעלעבט, האָט לעניין קעגן דעם דערווידערט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז פאַר אונדז איז דער פּאַרלאַמענטאַריזם אויסגעלעבט, אָבער ער איז ניט אויסגעלעבט אין די לענדער פון קאַפּיטאַליזם פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־מאַסע.

דעריבער דאַרפן מיר אויסנוצן דאָסדאָזיקע געווער פונקט אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן אַמאָל אויסגענוצט זייער אָנטייל אין דער מעלוכע־דומע, האַגאַם אין דער דריטער און פערטער דומע האָבן דעם מאָן געגעבן די שוואַרצמייעניקעס. מאַקע קעדיי דערציען די מאַסן זיינען די קאָמוניסטן מעכויעוו צו אַרבעטן אויך אינעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענט, אויסנוצן די פּאַרלאַמענט־טריבון אויף אַרויסצושטעלן פאַר דער וועלט ד י ק ל אַ ס ן ־ פּ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן פונעם פּראָלעטאַריאַט, דעמאַסקירן די צעפוילטקייט פונעם קאַפּיטאַליזם און זיינע לאַקייען — די גאַנצע סאָציאַליסטן, פּראָקלאַמירן צוקונפטיקע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט

אלס איינעם פון די מיטלען צו קעמפן פאַר די מאסן האָט דער קאָמינטערן ארויסגערוקט די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט. דאָס איז געטאָן געוואָרן אין יענע יאָרן (1921—1922 יאָרן), ווען דער קאַפּיטאַליזם איז אריבער אין אַן אָנגריף, האָט דורכגעפירט א ריי לאָקאוטן, האָט פארלענגערט דעם ארבעטס־טאָג א. א. וו. דער פּראָלעטאַריאַט האָט געזען, אז איינע פון די סיבעס פון די מאַפּלעס איז זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּליטערקייט. בא די מאסן איז געווען א דראַנג צו איינהייט, וואָס די אָפּאָרטוניסטן האָבן איר מיט אַלע מיטלען געשטערט.

דער קאָמינטערן האָט דאַן ארויסגערוקט דעם לאָזונג פון איינהייטלעכן פראָנט. ער האָט אָנגעוויזן, אז דער איינהייטלעכער ארבעטער־פראָנט הייסט די איינהייט פון אַלע ארבעטער, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן קעגן קאַפּיטאַל.

די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט איז געווען געווענדעט אויך קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דעם II אינטערנאַציאָנאַל. מיט דער הילף פון דערדאָזיקער טאַקטיק האָבן די קאָמוניסטן באוויזן אָפּרייסן די מאסן פונעם אידייִשן איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער.

דורכפירנדיק דידאָזיקע טאַקטיק, האָבן די קאָמוניסטן געשטרעבט צו אַן איינפארשטענדעניש און א פאראייניקונג מיט די אונטערשטע שיכטן, ד. ה. מיט די פּראָלעטאַריער, ווען אפילו די סאָציאַל־פשאָרעמאכערישע פירער האָבן זיך געשטעלט קעגן דער פאראייניקונג. מע האָט געמוזט אין טאַט באוויזן די מאסן, אז בלויז די קאָמוניסטישע פארטייען זיינען גרייט אנטשיידן און ענערגיש צו פארטיידיקן די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט און שטרעבן צו דער ווירקלעכער פאראייניקונג פון פּראָלעטאַריאַט, קעדיי צו קעמפן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

די טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט איז קוידעמקאָל א דערגענטערונג פון אונטן, ד. ה. אַן איינפארשטענדעניש מיט די מאסן גופע ווענן געמיינזאַמע ארויסטרעטונגען.

די קאָמפּארטייען טאָרן בא קיין פאַל ניט בינדן זייער זעלבשטענדיקייט און דאַרפן פירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער איינהייטלעכער פראָנט — איז א מיטל אַף דעראָבערן די מאסן און פאראייניקן זיי אינעם קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם און די סאָציאַל־פשאָרעמאכער.

דער נייִנטער פּלענום פונעם אויספּירקאָם פון קאָמינטערן (1928 יאָר) האָט געגעבן ווייטערדיקע דירעקטיוון אפן געביט פון איינהייטלעכן פראָנט און פון דער טאַקטיק פון די קאָמוניסטן אינעם איצטיקן מאָמענט. ער האָט באַרנעלייגט

די קאָמפּאַרטייען באַטייליקן זיך אַקטיווער אינעם שטרייק-קאַמף, נעמען צו זיך אין די הענט די אָנפירונג מיט די שטרייקן, דעמאַסקירן די רעפאָרמיסטן און **קעמפן קעגן זיי**. דער פראַנצויזישער און ענגלישער פּאַרטיי איז פאָרגעלייגט געוואָרן ארויסשטעלן זייערע אייגענע קאַנדידאַטן באַ די וואַלן קעגן די קאַנדידאַטן פון די פשאָרמאַכערישע, „אַרבעטערשע“, ס.-ד. פּאַרטייען. עס זיינען גענוי אָנגעוויזן געוואָרן די מאָסמיטלען צו פאַרשטאַרקן די פּראָפאַריינען און דעם איינפלוס פון די קאָמפּאַרטייען אין זיי.

די פאַשיסטישע ראָל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע

אין דעם שטענדיקן קאַמף פאַר דעראָבערן די מערהייט פונעם אַרבעטער-קלאַס אַף זייער זייט, דאַרפן די קאָמוניסטן מער ווי אַלץ אָנווענדן זייערע קלעפּ קעגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, נאָך וועלכער עס גייען נאָך מיליאָנען אַרבעטער — אָפט די גרעסטע מערהייט זייערע.

אָנהויבנדיק פון דער וועלט-מילכאָמע איז די פאַרעטערישע ראָליע פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע געוואָרן פולקום קלאָר. צודעקנדיק זיך מיט רעוואָליוציאָנערע פראַזן, האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע געשטעלט זיך פאַר אַ ציל צו שטיצן מיט אַלע מיטלען און באַפעסטיקן די בורזשואַזיע. אירע קלעפּ האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געצילט קוידעמקאָל קעגן די קאָמוניסטן און רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער.

נאָך דער וועלט-מילכאָמע האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע געשטיצט די גענעראַלן, וואָס האָבן אונטערגעדריקט דעם פּראָלעטאַרישן אופשטאַנד (דייטשלאַנד), זי האָט געפירט אַ קריג קעגן **פססר**, זי האָט זיך געשטעלט אַף דער זייט פון די שקלאַפן-אייגנטימער קעגן די קאָלאָניאַלע שקלאַפן, זי האָט דורכגעפירט קריגס-געזעצן (אין פראַנקרייך), זי האָט דערשטיקט דעם בערגער-שטרייק (אין ענגלאַנד), זי האָט פאַרטיידיקט און געלויבט די אימפּעריאַליסטישע פעלקער-ליגע, זי האָט געהאָלפן צעשיסן די אַרבעטער און פּויערים פון די קאָלאָניעס.

צוזאַמען מיט דער פאַרברייטערונג פונעם קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער קאָמוניסטישער ווירקונג אין דעם אַרבעטער-קלאַס און דעם אופשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג ביכלאַל, איז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געוואָרן אַן אַלץ מער און מער איבערגעגעבענער געהילף פון דער וועלט-בורזשואַזיע. דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאָציאַל-פאַשיזם.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער האָבן געשאַפן און אַנטוויקלט אַ טעאָריע וועגן דעם, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט אָנקומען אַף אַ פרידלעכן אויפן,

אז דער קאפיטאליזם וועט אריינוואקסן אינעם סאָציאליזם, אז דער קלאסן־קאמף וועט וויכער און דער ארבעטער־קלאס דארף צוזאמען מיט די קאפיטאליסטן ארבעטן צו פארשטארקן די ווירטשאפט, די בורזשואזע ווירטשאפט, און אזוי ווייטער.

יעדעס מאָל, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראטן פלעגן באקומען די מאכט אין זייערע הענט (און נאָך דער מילכאָמע זיינען זיי געשטאנען בא דער מאכט אין א ריי לענדער — ענגלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, שוועדן — און אסאך יאָר), האָבן זיי מיט דער גאנצער קראפט פון דער מעלוכישער מאכט, מיט אייזן און בלוט פארטיידיקט די בורזשואזיע קעגן דעם ארבעטער־קלאס.

די טעטיקייט פון מאקדאָנאלדס רעגירונג, צום ביישפיל, איז באשטאנען אין אראָפזעצן דעם ארבעטלוין פון די טעקסטילער און אנדערע קאטעגאָריעס ארבעטער, אין פארשטארקן די ארבעטלאָזיקייט, פארערגערן די אלגעמיינע ארבעטבאדינגונגען. דאָס וואָס עס האָט ניט געהאט גענוג דרייסטקייט צו טאָן די בורזשואזיע אליין (די רעגירונג פון די קאָנסערוואטאָרן, וואָס איז געווען ביז מאקדאָנאלדן), פארווירקלעכט זי איצט מיט די הענט פון דער „ארבעטער"־רעגירונג.

מיט א נאָך גרעסערער אונטערטעניקייט דינט מאקדאָנאלד עט קאָמפ. דעם ענגלישן אימפעריאליזם אין די קאָלאָניעס. לויט זיין פאראָרדענונג דערטרינקט מען אין טייכן בלוט דעם רעוואָליוציאָנערן שטרייק־קאמף אין אינדיע, צעשיסט מען פרידלעכע דעמאָנסטראציעס, באָמבארדירט מען פון עראָפּלאנען און טאנקן אינדישע און ארבישע דערפער, צעשיסט מען די עגיפּטישע באפעלקערונג, וואָס וויל זיך באפרייען פונעם ענגלישן יאָך א. א. וו. ניט אומזיסט האָט לאָיד דזשאָרדזש פאָשעט געזאָגט, אז דאָס וואָס אין ענגלאנד עקזיסטירט א רעגירונג פון „סאָציאַליסטן" פארגרינגערט שטארק דעם קאמף קעגן אינדיע.

אן ענלעכע פארעטערישע ראָליע האָט געשפילט אין דייטשלאנד מיולערס סאָציאַל־דעמאָקראטישע רעגירונג. זי האָט דורכגעפירט דעם „יאָנג־פּלאן", וואָס טוט אָן אן אומדערטרעגלעך־שווערן יאָך אף די פּלייצעס פונעם פּראָלעטאריאט, זי האָט דורכגעפירט דעם געזעץ קעגן רעוואָליוציאָנערן קאמף פון די ארבעטער, זי האָט אוועקגעשטעלט צענדליקער סאָציאַל־דעמאָקראטן אף פּאָסטנס פון פּאָליציי־שעפן און דורך זיי געפירט א קאמף קעגן די קאָמוניסטן, צעשאָסן ארבעטער־דעמאָנסטראציעס, זי האָט צוגעגרייט א באָדן פאר דער ווייטערדיקער פארשטארקונג פון דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע.

זיין פארעטערישע ראָל פירט דער סאָציאַל־פאשיזם אויס דורך ביידע פליגלען זיינע.

דער רעכטער, אָפן־קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער פליגל שליסט דירעקט א בונד מיט דער בורזשואזיע. **דער „לינקער"** פליגל, שפּילנדיק מיט דער רעוואָליוציאָנערער פראזע, כאַנפעט זיך נאָר אונטער צו די ארבעטער, נאָר פאַק־

מיט פירט ער דיזעלביקע פאַרעטערישע פּאָליטיק. דעריבער זײַנען די „לינקע“ סאָציאַל־דעמאָקראַטן איצט באַזונדערס געפערלעך. מיט זיי דאַרף מען דערפאַר באַזונדערס שטאַרק קעמפן.

די גרונט־ארבעט פון די סאָציאַל־פאַשיסטן איז — צעשפּאַלטן דעם ארבעטער־קלאַס, איבערשלעפּן אים אויף דער זייט פון קאַפּיטאַליזם. די צווישנפעל־לעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז איצט דער סאַמע זיכערסטער אָנשפּאַר פונעם אימפּעריאַליזם, דער סאַמע פאַרביסנסטער סוינע פון קאָמוניזם און פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

3. קאָמינטערן און דאָס פּויערטום, די קאָלאָניאַלע פּראַגע

די פּאָליטיק אין דאָרף

דער II אינטערנאַציאָנאַל און זײַנע פּאַרטייען האָבן קימאַט ניט געפירט קיין ארבעט צווישן דעם פּויערטום און האָבן ניט צוגעגעבן קיין באַדײַטונג דער דערגרעכנערונג פון דער ארבעטערשער און פּויערשער באַוועגונג.

דער III אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך אין דעמדאָזיקן פאַל דיסקאָנטירט די דערפאַרונג פון אונדזער פּאַרטיי. שוין זײַן צווייטער קאָנגרעס האָט געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער אגראַרער פּראַגע און אויף דער באַציונג צום פּויערטום.

ער האָט אָנגעוויזן, אַז פאַר די ארבעטנדיקע מאַסן פון דאָרף איז נישטאָ קיין אַנדער רעטונג, סײַדן אינעם בונד מיטן קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט, אינעם מעסירעסנעפּעשדיקן אומטערשטיצן זײַן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אראָפּוואַרפן די פּריצים און די בורזשואַזיע. די אינדוסטריעלע ארבעטער, ווידער, קאָנען אויך ניט אויספילן זייער היסטאָרישע אויפגאַבע צו באַפרייען די מענטשהייט פונעם יאָך פון קאַפּיטאַל, אויב זיי וועלן זיך אײַנשליסן אין זייערע ענג פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן און וועלן ניט אָנפירן מיטן קאַמף פון אלע האָרעפּאַשניקעס און אונטערדריקטע. צוליב דעם דאַרף מען פאַרייניקן ארום די קאָמפּאַרטייען די ארבעטנדיקע מאַסן פון דאָרף.

דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף צוציען אין דאָרף אויף זײַן זײַט קורעמקאָל דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט. צווייטנס, דעם האַלב־פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. יענע פּויערים, וואָס לעבן טיילווייז פון זייער ערד און טיילווייז פון לוין־ארבעט באַם באַלעבאָס און, ענדלעך, יענעם קליין־פּויערטום, וואָס שפּײַזט זיך קוים פון זײַן שטיקל ערד און באַנוצט זיך ניט מיט דער ארבעט פון באַטראַקעס.

די ערשטע צוויי גרופּעס וועלן זיין די זיכערסטע פּאַרבינדעטע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס קליין-פּויערטום וועט זיין וויניקער שטאַנדהאַפטיק, דאָך קאָן עס אויך צונעצוויגן ווערן אַף דער זייט פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

וואָס איז שייעך דאָס מיירעוו-אייראָפּעישע מיטלפּויערטום, ד. ה. יענעם שיכט, וואָס פֿאַרמאָגט געוויסע מויסקעס פֿון דער האַכנאָסע פֿון זיין ערד און נאַנץ אָפֿט באַנוצט עס זיך מיט לוין-אַרבעט, — אין דעם זין אונטערשיידט עס זיך פֿון אונדזער מיטלפּויער, איז אים דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אינעם פֿעריאָד פֿון קאַמף פֿאַר דער מאַכט, שטרעבן צו נייטראַליזירן, מאַכן פֿאַר אומשעדלעך. צוציען אים אַף זיין זייט אינגאַנצן קאָן ער נאָך צו דער צייט נִיט. אָבער נאָך דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט וועט אין טאָגסיידער זיך שטעלן די פֿראַגע וועגן אַן ענגערן בונד אויך מיט דעמדאָזיקן שיכט. דערביי קאָן קיין רייד נִיט זיין וועגן וואָסער נִיט איז צעטיילן די מאַכט מיטן פּויערטום.

ענדלעך, דאָס גרויסע, באַלעגופּישע פּויערטום וועט זיין אַ דירעקטער און אַנטשלאָסענער סוינע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין דאָרף. דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאַרפֿן אומבעראַכמאָנעסדיק דערשטיקן יעדן ווידערשטאַנד מיצאַד די באַלעגופּים.

דאָס פּויערטום בּאַ דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט

נאָכדעם, ווי דער פּראָלעטאַריאַט דעראָבערט די מאַכט, ענדערן זיך וועזנטלעך אַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, באַזונדערס, אין דאָרף, ווו דער פּראָלעטאַריאַט הויבט אָן צו פֿאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פֿון די פּויערשע ווירטשאַפֿטן. ווען די אינדוסטריע איז פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט און די בענק זיינען נאַציאָנאַליזירט, קאָן די פּויערשע ווירטשאַפֿט זיך באַוועגן צום קאָמוניזם, אויסמיידנדיק די קאַפּיטאַליסטישע פֿאָרמען. מיט דער הילף פֿון דער קאָלעקטיווזאַציע און אַנדערע פֿאָרמען פֿון קאָאָפּערירונג וועט מען קאָנען דירעקט אַריבערפֿירן די קליינע פּויערשע ווירטשאַפֿט אַף סאָציאַליסטישע רעלסן.

פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט וועט אין דעמדאָזיקן פֿעריאָד זיין די גרונט-אויפֿגאַבע פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די גרונט-מאַסן פֿונעם פּויערטום, ד. ה. פֿירן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל, נִיט אָפּשוואַכנדיק די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, צוציען אַף איר זייט אויך דאָס מיטלפּויערטום. דער בונד מיטן פּויערטום וועט זיין דער גייטיקער באַדינג פֿאַר דער בויונג פֿון סאָציאַליזם.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויך דעראָבערן אַף זיין זייט אַ טייל פֿון דעם שטאָטישן קליינבירגערטום, לעמאָשל, אַ טייל באַלמעלאָכעס און אַנד. שוין אינעם

פעריאָד פון קאַמף פאַר דער דיקטאַטור וועט אַ געוויסער טייל פון דידאָזיקע עלעמענטן אַריבערגיין צום פּראָלעטאַריאַט. נאָכן ניצחון פון דער רעוואָליוציע וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיין אימשטאַנד נאָך מער אַקטיוו צוציען דידאָזיקע גרופּן צום בויען דעם סאָציאַליזם.

די קאָלאָניאַלע פראַגע

דער III אינטערנאַציאָנאַל שטעלט פאַר זיין ציל פאַרייניקן די פּראָלעטאַריער פון אַלע ראַסן און די אונטערדריקטע פעלקער פון אַלע לענדער. שוין מיט דעם גופא האָט די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגע באַקומען אַ **באַזונדערע** וויכטיקייט.

אין זיין פאָרטראַג אויפן דערדאָזיקער טעמע אויפן פערטן קאָנגרעס האָט לענין אָנגעוויזן, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן לעבן־לאָזן אַ מיליאַרד מיט אַ פערטל באַפעלקערונג, וואָס געפינען זיך אין קאָלאָניאַלער אָדער אַנדער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער. און אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער גופא איז פאַראַן בלויז אַ פערטל מיליאַרד באַפעלקערונג. אַ פערטל מיליאַרד עקספּלואַטירט פינף פערטל מיליאַרד — אָט דאָס איז די כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייט פון אונדזער עפּאָכע.

אַ לאַנד, וואָס האָט קאָלאָניעס, באַנוצט בענוגייע זיי אַלערליי עקספּלואַטאַציע־מיטלען. עס סטאַרעט זיך פאַרהאַלטן זייער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. די אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד ווערט אויף אַלערליי אופנים פאַרהאַלטן. די קאָלאָניע ווערט אויסגענוצט אַלס צושטעלער פון רויוואַרג און ביליקע אַרבעטהענט און אַלס אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די סכוירעס פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַנד און פאַר קאַפּיטאַלן. די קאָלאָניע איז געצוווּנגען מאַקריוו צו זיין די אינטערעסן פון איר זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין צוגאָב צו אַ צווייטער מעלוכע, אַ צוגאָב, וואָס באַזאָרגט יענעם רויוואַרג (קאַוטשוק, בוימוואָל, נאַפט א. א.) און ברויט.

אָן דער באַפרייונג פון די קאָלאָניעס איז אומעגלעך בייצוקומען דעם אימפּעריאַליזם.

דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַר זיין באַפרייונג דאַרף דעריבער זיין ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף פון די קאָלאָניעס פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט און מיטן נאַציאָנאַלן קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

דער קאָמינטערן האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג ביז פולשטענדיקן אָפּטיילן זיך און שאַפן זעלבשטענדיקע מעלוכעס.

דער קאָלאָניאַלער פּראָבלעם האָט דער קאָמינטערן געווידמעט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און האָט געגעבן די קאָמפּאַרטייען קלאָרע דירעקטיוון.

אין די לענדער פון אימפּעריאַליזם זיינען די קאָמפּאַרטייען מעכויעוו סיסטעמאַטיש צו העלפן די רעוואָליוציאָנערע פרייהייט-באַוועגונגען אין די קאָלאָניעס. אין דער ערשטער ריי דאַרפן געבן דידאָזיקע הילף די אַרבעטער פון יענעם לאַנד, וואָס פון אים הענגען אָפּ די קאָלאָניעס. אַזוי, לעמאָשל, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט פון ענגלאַנד פאָדערן אָפּצורופן דאָס ענגלישע מיליטער פון אינדיע, כינע, אָפּזאָגן זיך פון טראַנספּאָרטירן אַהין מיליטער און געווער.

אין די קאָלאָניאַלע און האַלבקאָלאָניאַלע לענדער גופע זיינען די קאָמפּאַרטייען מעכויעוו צו פירן אַ דרייסטן קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן אויסלענדישן אימפּעריאַליזם און פּראָפּאַגאַנדירן איינצייטיק די אידייע פון אַ *דערנעענטערונג* און אַ בונד מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער. דאָרט דאַרף מען פּראָפּאַגאַנדירן און דורכפירן אין לעבן דעם לאָזונג *אַגראַרע רעוואָליוציע*.

פאַרשטאַרקנדיק די פאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט, דאַרפן די קאָמוניסטן פון דידאָזיקע לענדער ברייט פאַנאַנדערוויקלען די מאַסן-אָרגאַניזאַציעס — די פּראָפאַריינען און די פויערשע רעוואָליוציאָנערע פאַרבאַנדן. איצט, ווען עס וויקלען זיך פאַנאַנדער מעכטיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגען אין די גרעסטע קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער (כינע, אינדיע, אינדאָ-כינע), דאַרפן די קאָמפּאַרטייען אומבעראַכמאָנעסדיק קעמפן קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזיע, וואָס גייט אומעטום אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט די אימפּעריאַליסטן, אַבי נאָר צעקלאַפּן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער און פויערים.

דער דערפאָלג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אין מיירעוו און דער ניצאָכן פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אין די מיזרעך-לענדער וועלן געבן אַווירקלעכן אָנשפּאַר דער וועלט-רעוואָליוציע. דערביי וועלן די מיזרעך-קאָלאָניעס און לענדער באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצומיידן דעם קאַפּיטאַליזם און דורך אַ ריי איבערגאַנגס-מיטלען איבערגיין פון דער האַלבפעאָדאַלער אָרדענונג צום סאָציאַליזם.

4. דער קאַמף קעגן אָפּנייגן אין קאָמינטערן

די רעכטע אָפּנייגן

פונקט ווי דער באָלשעוויזם איז אויסגעוואַקסן און זיך אויסגעבילדעט אין קאַמף קעגן פאַרשיידענע מינים אָפּאָרטוניזם (עקאָנאָמיזם, מענשעוויזם, עסערן א. אנד.), אַזוי שטאַרקט זיך אויך דער קאָמינטערן און וואַקסט אידייִש אין קאַמף קעגן די רעכטע און לינקע אָפּנייגן. פונקט אַזוי ווי אונדזער פאַרטיי, אַזוי איז אויך דעם קאָמינטערן אויסגעקומען, קעדיי איינצוהיטן זיינע קרעפטן און די איינהייט,

אפהאקן פון זיך א ריי אָרגאַניזאַציעס און א ריי איינצלנע מאַוויירים (צומאָל זייער אָנגעזעענע).

די רעכטע אָפּנויגן אין קאָמינטערן באַדייטן א שטרעבונג אָפּצוטרעטן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסטישער ליניע אין דער זייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס אין טאָך מיינט דאָס פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן דעם קאַפּיטאַליזם.

א טיפּישער רעכטער אָפּנויג איז געווען, לעמאָשל, די פּאָליטיק פון די זאַקסישע קאָמוניסטן אין 1923 יאָר (בראַנדלער א. אנד.). אינעם מאָמענט פונעם גרעסטן אופשטייג פונעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד האָבן זיי געשלאָסן אן ענגן בונד מיט דער „לינקער" סאָציאַל־דעמאָקראַטיע לעשעם דעם לאָזונג פון אַרבעטער־רעגירונג. און נאָכדעם האָט זיי די זעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַראַטן. דאָס איז געווען א ניט ריכטיקע אויסטייטשונג פונעם לאָזונג איינהייטלעכער פראָנט. די רעכטע האָבן געמאַכט פון דעמדאָזיקן לאָזונג א גרונט פאַר א פּאָליטישן בונד מיט די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָבער די אופגאַבע פונעם לאָזונג איז נאָר געווען צו פאַרייניקן די פּראָלעטאַרישע אונטערשטע שיכטן, קעדיי צו באַפרייען די מאַסן פונעם איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פירער, קעדיי צו קעמפן קעגן דידאָזיקע אגענטן פון דער בורזשואַזיע.

די כאַראַקטעריסטישע ספּעציפישקייט פונעם רעכטן אָפּנויג איז זיין קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, קעגן די, לעמאָשל, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די מילכאָמע־אַוואַנטיורעס פונעם אימפּעריאַליזם. די רעכטע דערווידערן קעגן דער אקטיווער אַרבעט צווישן דעם מיליטער, קעגן די לאָזונגען פון ברידערן זיך מיט די אופגעשטאַנענע קאָלאָניאַלע פעלקער. די פראַנצויזישע רעכטע, לעמאָשל, האָבן דערווידערט קעגן אזא טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי בענוגע מאַראָקאָ.

ביכלאַל דערשאַצן ניט די רעכטע די מילכאָמע־געפאַר און די נייטיקייט אנטשלאָסן צו קעמפן קעגן איר.

די רעכטע אין קאָמינטערן שטרעבן דערצו, אז די פּאַרטיי זאָל ניט אויוועקזיין אף דער בורזשואַזער לעגאַלקייט, ד. ה. זי זאָל ווי מעגלעך אויסמיידן אָנצונעמען אַזעלכע קאַמף־מיטלען, וואָס זיינען ניט דערלויבט דורכן געזעץ.

די רעכטע מיידן אויס צו פאַרשאַרפן דעם קלאַסנקאַמף, לעמאָשל, בעיס שטרייקן. זיי פירן ניט דורך קיין שטרייקן דאָרט, ווו עס איז פאַראַן א פולע נויטווענדיקייט דורכצופירן זיי, און זוכן ביכלאַל אומעטום א פשאָרע.

ניט דערשאַצנדיק די פאַרלינקערונג פון די מאַסן, דערשאַצן די רעכטע אויך ניט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעריז אויך דעם לינקן פליגל אירן.

דער VI קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט אונטערגעשטרייכט, אז — „די רעכטע אָפנויגן בא דער אָנוועזנהייט פון פארהעלטניסמעסיק שטארקע סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטייען זיינען באזונדערס געפערלעך און אז דער קאמף מיט זיי דארף געשטעלט ווערן אפן ערשטן פלאן, וואָס באדייט אויך פירן א סיסטעמאטישן קאמף קעגן דער טאָלעראנטער באציונג צו די רעכטע שטרעמונגען אין קאָמינטערן גופע".

נאָכן קאָנגרעס האָט דער רעכטער אָפאָרטוניסטישער פליגל נאָך אלץ געלאָזט פון זיך הערן. די טיילווייזע סטאביליזאציע פון קאפיטאליזם, די עקזיסטענץ פון א שטארקער סאָציאל-דעמאָקראטיע, די סאָציאל-דעמאָקראטישע רעשטלעך אין די קאָמפארטייען גופע האָבן געבוירן אָט דעם רעכטן אָפנויג.

אין די פראגן פון צווישנפעלקערלעכער פאָליטיק באזוערט איבער דער רעכטער אָפנויג נאָך די סאָציאל-דעמאָקראטן די באָבע-מייסע וועגן דער „פארגעזינטערונג" פונעם קאפיטאליזם, ער פארשמירט די ווירקלעכע פארשארפונג פונעם קריזיס פון קאפיטאליזם, ער לייקנט אָפ דעם פאקט פון ניטשטאנדהאפטיקייט פון דער סטאביליזאציע. גלייכצייטיק זעט ער ניט די רעוואָליוציאָנערע ספעציפישקייטן פונעם „דריטן פעריאָד" — די פארלינקערונג פונעם ארבעטער-קלאס, דעם וווקס פון שטרייקן, די דערפאָלגן פון די קאָמוניסטן בא די איבערוואלן פון די פאבזאווקאָמען אין דייטשלאנד און די שטורמישע דעמאָנסטראציעס דעם 1-טן מיי און 1-טן אווגוסט, דעם וווקס פונעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג אין אינדיע און כינע א. אז. וו.

די רעכטע לייקענען אָפ די אויפגאבן פון מאָביליזירן די ארבעטער-מאסן (באזונדערס די ניטאָרגאניזירטע) צו זעלבשטענדיקן קאמף קעגן דער פראָפארייִשער ביוראָקראטיע.

די רעכטע זעען ניט די נייטיקייט צו פירן א שטארקן ענערגישן קאמף קעגן דער „לינקער" סאָציאל-דעמאָקראטיע און קעגן דער ביוראָקראטישער אָנפירונג מיט די פראָפפאריינען.

זיי לייקענען, אז די סאָציאל-דעמאָקראטיע ווערט איבערגעבוירן אין סאָציאל-פאשיזם. דאָס דרינגט ארויס פון זייער שטרעבונג צו שאפן א בלאָק מיט די סאָציאל-דעמאָקראטן. צו אזא פאָזיציע קייקלען זיך אויך אראָפ די טאָלעראנטלער. שטרעבנדיק צו א בלאָק מיט די סאָציאל-דעמאָקראטן, פאָדערן, צום ביישפיל, די רעכטע פון די קאָמוניסטן, מע זאָל אָפהיטן די *דיסציפלין אין די רעפאָרמיסטישע פארייגען*, ד. ה. אָז קיין שום רייד אונטערווארפן זיך דעם פאשיזירטן אפאראט. זיי טרעטן ארויס קעגן דער זעלבשטענדיקער טאקטיק פון די קאָמפארטייען אינעם עקאָנאָמישן קאמף, אנערקענענדיק נאָר אזעלכע שטרייקן, וואָס די סאָציאל-דעמאָקראטישע שטרייקברעכער אליין פירן (קעדיי בא דער ערשטער געלעגנהייט זיי אראָפצורייסן), זיי טרעטן ארויס

קענען זעלבשטענדיקע צעטלען בא די וואלן אין פאבזאוקאמעו, פאר שטיצן די רעפארמיסטישע צעטלען א. א. וו.

די קאמפארטיי פון דייטשלאנד האט געהאט א גלענצנדיקן זיג אף די אי־בערוואלן פון די פאבזאוקאמען אין רור, ווו זי האט דורכגע־פירט אן אמערהמטן בוילעטע קאמף־טאקטיק קעגן רעפארמיסטישער פראפבירא־קראטיע, און אמערסטן אויסגעשפראכענע ליניע אף זעלבשטענדיקער אנפירונג מיט די עקאנאמישע שלאכטן.

די קאמפארטיי פון דייטשלאנד האט געליטן א מאפאלע אף אייניקע גרויסע אונטערנעמונגען פון בערלין, ווו ס'האבן ביז איצט עקזיסטירט רויטע פאבזאוו־קאמען, וויל בעראש פון דיראזיקע פאבזאוקאמען זייגען געשטאנען רעכט־אפאר־טוניסטישע עלעמענטן.

דער רעכטער אפנויג האט זיך ארויסגעוויזן די לעצטע יארן ניט נאר אין אונדזער פארטיי, נאר אויך אין א ריי אנדערע — אין דער דייטשישער, ענג־לישער, טשעכאסלאוואקישער, אמעריקאנישער, פראנצויזישער, שוועדישער און אנדערע.

די רעכטע רעווידירן די גאנצע לענינשע אפשאצונג פון דער איצטיקער עפא־כע, ווי אן עפאכע פון מילכאמעס און פון דער אלוועלטלעכער פראלעטארי־שער רעוואליוציע.

די ליניע פון די רעכטע אפארטוניסטן איז א ליניע פון פארוואנדלען די קאמפארטייען אין א צוגאב צו דער פאשיזירטער סאציאל־דעמאקראטיע.

צודעקנדיק זיך מיט א קאמוניסטישער פאן, זייגען אבער בעעצעם די רעכטע אפארטוניסטן שטארקע סאנים און קאבראנים פון קאמוניזם און פון דער פראלעטארישער רעוואליוציע. ס'איז בעשיימפערלעך קלאר, אז אפרייניקן די קאמפארטייען פון די רעכט־אפאר־טוניסטישע עלעמענטן באדייט ניט דעמאראליזירן זיי (ווי עס האט געפרווט דערווייזן בוכארין), נאר געזונטמאכן די קאמ־פארטייען.

דער קאמינטערן האט געפונען פאר נייטיק אויסשליסן פון זייגע רייען א ריי פירער פון רעכטע שטרעמונגען (צום ביישפיל, בראנדלערן און טאלהיימערן — אין דייטשלאנד, טשילבומען — אין שוועדן, לאוועסטאנען און פעפערן — אין די פאר. שטאטן).

די געפאר פון רעכטן אפנויג אין קאמינטערן איז די הויפט־געפאר בא די איצטיקע באדינגונגען.

קעגן דעם רעכטן אפארטוניזם און קעגן יעדן מין טאלעראנטקייט צו אים דארף מען פירן אן אנטשיידענעם קאמף.

די „לינקע" אָפּנויגן

דעם קאָמינטערן קומט אויך אויס צו קעמפן קעגן „לינקע" אָפּנויגן.

די „לינקע" האָבן געפאָדערט מע זאָל אָוועקגיין פון די פּראָפּאַריינען און ניט באַטייליקן זיך אין פּאַרלאַמענט, און לעניןּ האָט געמוזט אָנשרייבן אַ ספּעציעלע בראָשור קעגן דערדאָזיקער קינדערשער לינקייט.

די „לינקע" האָבן דערווידערט קעגן דער טאַקטיק פון טיילווייזע פאָדערונגען, וואָס דערנידעריקן קלומערשט די ארבעטער־באַוועגונג.

דידאָזיקע אָפּנויגן האָבן אין טאָג גענומען אויסגעדריקט (דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון די לינקע, וואָס האָבן פאַרלאָרן די פעסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט אין אַלע מאָמענטן פון די שווערע קערן אין דער געשיכטע און פון שווערע קלעפּ מיצאַד דעם קאַפּיטאַליזם.

די „לינקע" האָבן ניט באַנומען, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן מען צוגרייטן בלויז מיט אַן אַקשאָנעסדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, אַז אַף צו דעראָבערן די מאַסן מוז מען אויסנוצן אַלע קאָמפּליצירטע קאַמפּס־מעטאָדן — לעגאַלע און אומלעגאַלע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די „לינקע", פּונקט ווי אייניקע רעכטע, דערווידערן באַזונדערס קעגן אויסנוצן די ד ע ר פ א ר ו נ ג פ ו ן ד י ר ו ס י ש ע ר ע ו ו א ָ ל י ו צ י ע ס אין דער אַרבעט פון קאָמינטערן. זיי פּרוּוון זיך דערווייזן, אַז די רוסישע רעוואָלוציעס אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אינעם קאַמף קעגן דעם פעאָדאַליזם — לייבאייגנשום, אונטערשיידן זיך וועזנטלעך פון די אָנקומענדיקע רעוואָליוציעס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָס זיינען געצילט קעגן דעם אימפּעריאַליזם. זיי לייגן אויך פאָר ניט באַלשעוויזירן די מיירעוו־אייראָפּעיִשע פּאַרטייען לויטן רוסישן מוסטער, נאָר פאַרקערט, איבערמאַכן אַביסל אונדזער פּאַרטיי. דידאָזיקע טייגעם האָבן אין טאָג איין זין — די שטרעבונג אַרונטערצורייסן די אָנפירנדיקע באַדייטונג פון אונדזער פּאַרטיי אין קאָמינטערן און אָפּנויגן זיך פון לעניִנס לערע וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע און פון די אַנדערע פּרינציפּן פון לעניניזם. גאַנץ אָפּט אַרבעטן די „לינקע" אין ענגן בונד מיט די רעכטע.

אַ באַזונדערס טרויעריקע ראָלע האָט געשפּילט די גרופּע דייטשישע „לינקע"— מאַסלאָוו, רוט פישער און קאָמפּ. זייער טעטיקייט האָט פון אָנהויב אָן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ רעכילעס־קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער אַלק"פּ. זיי האָבן גענומען ריידן וועגן „רויטן אימפּעריאַליזם", וועגן דעם, אַז פסס"ר טרעט קלוימערשט אַריין אין דער „פעלקער־ליגע", וועגן דעם קראַך פון קאָמינטערן א. א. וו.

נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אויסגעשלאָסן פון קאָמינטערן, האָבן דידאָזיקע אַלע „לינקע“ נאָך ענגער זיך דערנעענטערט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן מיט געלט אונטערגעשטיצט די בלעטלעך פון די לינקע, ווייל זייערע העצעס קעגן דעם פסס"ר און דעם קאָמוניזם זײַנען געווען ווי צוגעטראָפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

דידאָזיקע „לינקע“ אָדער ווי מע רופט זיי דאָרט „אולטראַ־לינקע“ (ד. ה. אויסערסט־לינקע) זײַנען נאָך ווייטער אַוועק אין זייער קאַמף קעגן באָלשעוויזם. צוזאַמען מיט דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע האָבן זיי געהערט וועגן דער איבערגע־בורט פון דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט אין ראַטנפאַרבאַנד און וועגן דעם, אַז זי ווערט פאַרוואַנדלט אין געוועער פון די ניט פּראָלעטאַרישע קלאַסן, זיי האָבן באַשולדיקט דעם קאָמינטערן אין אַ דערנעענטערונג מיט דער געלער (אַמ־סטערדאַמער) פרייניקונג פון די פּראָפאַריינען, אין דעם, אַז ער טרעט אָפּ פאַר דער בורזשואַזיע א. אַז. וו.

דערדאָזיקער קאַמף איז געווען אַן אָפענע הילף די סאָנים פון קאָמינטערן און קווידעמקאָל די סאָציאַל־פאַשיסטן.

באַשולדיקנדיק אַפן וואָרט דעם קאָמינטערן אין רעכטע אָפּנויגן, האָבן די „לינקע“ גופא ניט נאָר אויסגעהאָלפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר זיי זײַנען אַפּט געווען דירעקט מיט זיי פאַרבונדן. נאָך דעם קראַך פון „לענינבונד“ זײַנען אַ טייל „לינקע“ אַפן אריבער אין די רייען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

צו דעמדאָזיקן קאַמף פון די „לינקע“ קעגן דעם קאָמינטערן איז צוגעשטאַנען טראָצקי מיט זײַנע אָנהענגער. די טראָצקיסטן האָבן זייער אַקטיוו אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די „לינקע“ גרופּן פון קאָמינטערן, האָבן זיי באַזאָרגט מיט געהיימע דאָקומענטן און געפּרוּווט איבערטראָגן זייער אַרבעט אין אַלע קאָמ־פּאַרטייען.

טראָצקי האָט געהאָפט, שאַפנדיק זיך אַ באַזונדער פאַרטיי אין פסס"ר, צו געפינען אָנהענגער צווישן אַלע אָפּאָזיציאָנערן פון קאָמינטערן און צוגעבן זײַן אַרבעט אַ צווישנפעלקערלעכן כאַראַקטער.

דער קאַמף קעגן טראָצקיזם אין אונדזער פאַרטיי איז געווען גלײַכצײַטיק אַ קאַמף אויך קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָפּנויגן אין קאָמינטערן.

דאָס אויסשליסן די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע פון דער פאַרטיי האָט דער־לאַנגט אַ קלאַפּ אויך די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען אין אַנדערע קאָמפּאַר־טייען און האָט געהאָלפן דעם קאָמינטערן אין זײַן קאַמף קעגן די אַנטילעניניש אָפּנויגן אין די רייען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

פונקט ווי טראָצקי, האָבן אויך אונדזערע רעכטע אָפּנויגלער געשטיצט די רעכטע אינעם קאָמינטערן, נאָר די פאַרטיי האָט זיי געגעבן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד.

דער גרונט-שטריך פון די „לינקע“ שטימונגען און קניטשן פאר די לעצטע יארן ווייזט זיך ארויס אין דער ליקווידאטארישער באציונג צום דערראבערן אף דער זייט פון קאמוניזם די סאציאל-דעמאקראטישע ארבעטער. אין טשעכאסלאוואקיע איז געשאפן א גאנצע טעאריע וועגן דעם, אז דער ניטארגאניזירטער ארבעטער שטייט פרינציפיעל העכער פון דעם ארגאניזירטן און אז די קאמפארטיי דארף זיך אין איר קאמף אנשפארן נאר אף די ניטארגאניזירטע ארבעטער און ארבעטלאזיקע. אף אזא אומגעפער שטאנדפונקט האבן זיך אויך געשטעלט מערקערס אנהענגער אין דייטשלאנד, דערקלערנדיק פאר סאציאל-פאשיסטן ניט נאר די סאציאל-דעמאקראטישע פירער, נאר אויך די סאציאל-דעמאקראטישע ארבעטער.

אין דעם האט זיך ווידעראמאל ארויסגעוויזן דאס אפלייקענען די טאקטיק פון אייגהייטלעכן פראנט ביכלאל, וואס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר די „לינקע“ סעקטאנטן נאך אין די פאריקע פעריאדן פון דעם קאמינטערנס געשיכטע. כאראקטעריסטיש פאר מערקערס אנשווונגען איז אויך די פארייגפאכטע אפלייקענונג פון די באוווסטע ווידערשפרוכן אינעם לאגער פון דער בורזשואזיע און סאציאל-פאשיזם, וועלכע דער ארבעטער-קלאס דארף אומבאדינגט אויסנוצן אין זיין קאמף. מערקער און זיינע אנהענגער זיינען גענויגט צו האלטן די בורזשואזיע און די סאציאל-דעמאקראטיע פאר איין „אייגהייטלעכע רעאקציאנערע מאסע“, אייניקע גרופן פון וועלכער עס פירן צווישן זיך א קאמף נאר לעפאנעם וועגן, אף אפצונארן דעם ארבעטער-קלאס.

דער קאמף קעגן דער „לינקער“ סעקטאנטישקייט טאר פאר קיין פאל ניט פארבייטן אדער אפרוקן אפן לעצטן פלאן דעם קאמף קעגן רעכטן אפארטוניזם. דער קאמף מיט דער „לינקער“ סעקטאנטישקייט איז אבער א נייטיקער באדינג, איינע פון די פארמען פון בייקומען די הויפט-רעכטאפארטוניסטישע-געפאר. דעריבער דארף מען יעדן פרווו צו פארשמירן די באדייטונג פון דעמדאזיקן קאמף, יעדער טאלעראנטקייט צו די „לינקע“ שטימונגען אין די קאמפארטייען געבן אן אנטשיידענעם ווידערשטאנד.

ענטפערן אף פראגן

צי זיינען ריכטיק די באשולדיקונגען פון די רעכטע, אז אויסשליסנדיק פון קאמינטערן די אפארטוניסטן, לייגן מיר פאנאנדער דעם קאמינטערן?

אינעם קאמף פאר אן אויסגעשפראכענער לענינשער ליניע, אינעם קאמף פון דעם וועלט-פראלעטאריאט, האט דער קאמינטערן ניט איינמאל אויסגעשלאסן פון זיינע רייען באזונדערע באוויירים און גאנצע ארגאניזאציעס. בוכארין האט

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געוואָרפן אַ באַשולדיקונג, אַז אונדזער פּאָליטיק אין קאָמינטערן פירט צו אַ צעפּאַלונג און פאַנאַנדערלייגונג פון די ברידערלעכע קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

דידאַזיקע באַשולדיקונג כאַזערט פולשטענדיק איבער דאָס, וואָס עס פלעגן שטענדיק טייַנען די מענשעוויקעס און טראָצקיסטן וועגן די באָלשעוויקעס און, באַזונדערס, וועגן לענינען. זיי פלעגן שטענדיק אָנרופן די באָלשעוויקעס „צע־שפּאַלטער“.

לענין און די באָלשעוויקעס האָבן האַרטנעקיק געקעמפט פאַר אַ פעסטער צענויפגעשלאָסנקייט פון דער פּאַרטיי, פאַר איר אויסגעהאַלטנקייט און דיסצי־פּלינירטקייט. לענין האָט ניט איינמאָל איבערגעכאַזערט, אַז פאַר אונדז וועט זיין אַסאַך געזינטער, ווען די ניטשטאַנדהאַפטיקע, וואַקלדיקע עלעמענטן וועלן זיין ניט צווישן אונדזערע רייען, נאָר צווישן אונדזערע סאָנים.

דער קאָמינטערן איז אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע אָרגאַניזירט דעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר פאַרכאַפּן די מאַכט איבער גאָר דער וועלט. אָן איינ־קייט און צונויפגעשלאָסנקייט פון דער פּאַרטיי קען ניט געמאָלט זיין קיין דערפאָלגרייכע אָנפירונג מיטן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט.

ווען דער קאָמינטערן וואָלט זיך ניט אָפּגערייניקט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע עלעמענטן, וואָלט ער ניט געקענט פירן קיין ריכטיקע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק.

אַ באַזונדער וויכטיקע באַדייטונג באַקומט די אידייִשע צענויפגעשלאָסנקייט גראָד איצט, ווען, פון איין זייט, האָט זיך אין דער גאַנצער וועלט פאַרשאַרפט דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט און, פון דער צווייטער זייט, ווען די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געוואָרן באַזונדערס אַקטיווע פאַרטיידיקער פונעם קאַפּיטאַליזם און האָבן זיך צונויפגעשלאָסן מיטן פאַשיזם. יעדער מין מילדקייט צו די רעכטע אין קאָמינטערן וואָלט געהייסן קאַפּיטולירן פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. באַ אַזאַ מילדקייט וועט דער קאָמינטערן ניט קענען אָפּקעמפן די מאַסן באַ די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט געוויזן, אַז גראָד נאָכן אויסשליסן די אָפּאָרטוניסטן, האָבן די פּאַרטייען פון קאָמינטערן באַוויזן צו באַקומען אַ גרעסערע ווירקונג אויף די אַרבעטער און האָבן דערפאָלגרייך אָרגאַניזירט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דאָס זעען מיר אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אין דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע א. אַנד.

דער קאָמינטערן ווערט שטאַרקער, אָפּרייניקנדיק זיך פון די אָפּאָרטוניס־טישע עלעמענטן.

דער קאָמינטערן וואָלט אָבער אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערלייגן זיך, ווען ער וואָלט איינגעהיט אין זיין באַשטאַנד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַנדערע אָפּאָר־טוניסטישע עלעמענטן.

קאָנטראָל־פראַגן

1. פאַרוואָס איז די אַלק״פּ(ב) די אָנפירנדיקע פּאַרטיי אין קאָמינטערן?
2. אין וואָס באַשטייט דער טאַך פונעם איינהייטלעכן פראָנט, וואָס דער קאָמינטערן פירט דורך?
3. פאַרוואָס דאַרפן די סעקציעס פון קאָמינטערן איצט באַזונדערס פאַר־שאַרפן דעם קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?
4. פאַרוואָס איז די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַ־רישער רעוואָליוציע?
5. אַ וועלכע דאַרף זיין די באַציונג צווישן די ברידערלעכע קאָמפּאַר־טייען פאַר און נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט?

פּראַקטישע פאַרגעבונגען

1. לאַרט איין אַף די לימודים אין אייער שול די אָנפירער פון מאָפּר־און אָסאָאַוויאַכים־קעמערלעך, מיט זיי צוזאַמען קלייבט פריער אָפּ די געהעריקע מאַטעריאַלן וועגן זייער אַרבעט און באַהאַנדלט דערנאָך אַף די לימודים די וועגן און מעטאָדן ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון דיזאָזיקע אָרגאַ־ניזאַציעס.

ליטעראַטור

1. פּ ר אָ ג ר אַ ם פ ו ן ק אָ מ י נ ט ע ר ן, צווייטער אָפּטייל, קאַפּיטלען 2, 3 און 4.
2. לענין; ב. VI, ט. 2 (יידישע אויסגאַבע) „וועגן די טנאָים פון אופנעם אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל“, ז. 255.
3. פּ אָ ר ט ר אַ ג פ ו ן כ׳ מ אָ ל אָ ט אָ ו אַפּן XVI צוזאַמענפאָר.
4. ס ט אַ ל י ן — וועגן דער רעכטער געפאַר אין דער ק״פּ פון דייטשלאַנד.

קאַפּיטל 14. דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם אין פ. ס. ס. ר.

> דרײַ פּעריאָדן. — די פאַנאַנדערוויקלונג פונעם וועלט-קריזיס. — די באַזונדערקײַטן פון דעם איצטיקן וועלט-קריזיס. — די ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם. — דער קאַמף פון די פאַרייניקטע שטאַטן מיט ענגלאַנד. — דער קאַמף אין אייראָפּע. — די כינעזישע רעוואָלוציע. — דער אָנוווקס פון די עלעמענטן פון רעוואָלוציאָנערן אופשטײַג. — דער וווקס פון פאַשיזם. — די מילכאָמע-געפאַר. — די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען. — קאָנצעסיעס. — די פּאָליטישע פאַרבינדונגען. — דער קאַמף קעגן פסס"ר. — זײַ גרייט!

די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע און אירע פאָלגן האָבן פאַרשטאַרקט די צעפוילונג פונעם קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם קײַקלט זיך צו זײַן אומקום. זײַן מאַכט שאָקלט זיך אַלץ מער און מער. די אַרבעטער און אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער הויבן זיך אוף קעגן קאַפּיטאַליזם. מיר לעבן אין אַ צײַט פון רעוואָליוציעס און מילכאָמעס. און אין דערזעלבער צײַט ווערט דעם קאַפּיטאַליזם אנטקעגנגעשטעלט דאָס זיך אַלץ פאַרשטאַרקנדיקע לאַנד, וווּ בײַ דער מאַכט געפינט זיך דער אַרבעטער-קלאַס. אין דערזעלבער צײַט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבן איבער אַ קריזיס און אופטרייסלונגען, האַלט די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע מעכטיקײַט פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין איין וואַקסן.

עס גייט אָן אַ קאַמף צווישן צוויי סיסטעמען — דער קאַפּיטאַליסטישער און דער סאָציאַליסטישער. אין דעמדאָזיקן קאַמף וועט דער סאָציאַליזם ארויס אַ זיגער.

1. דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס

„דרײַ פּעריאָדן"

די יאָרן, וואָס זיינען פאָריבער נאָך דער מילכאָמע, צעטיילט די פּראָגראַם פון קאָמינטערן אָף דריי גרונט-פּעריאָדן.

דער ערשטער פּעריאָד, באַלד נאָך דער מילכאָמע. דער וועלט-קאַפּיטאַליזם איז געווען גוואַלטיק צעטרייסלט. די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט זיינען געווען שטאַרק כאָרעוו, דער האַנדל רויִנירט, דאָס פּאַפּיר-געלט איז געפאַלן. עס זיינען פאָרגעקומען עטלעכע רעוואָליוציעס און שטורמישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגען. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט דער אַרבעטער-קלאַס אָראָפּגע-

שלײדערט די פּריצים און די בורזשואַזיע און געשטעלט זיך בא דער מאַכט. אין אַ רײ אַנדערע לענדער איז געשאַפֿן געװאָרן די סאָװעטן=מאַכט (בײערן, אונגאַרן, פֿינלאַנד). די סאָװעטן=מאַכט האָט זיך אָבער אין דידאָזיקע לענדער ניט אײנגעהאַלטן. צום סאָף פֿון דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט די בורזשואַזיע אָפּגעהאַלטן אַ רײ ניצחונות איבערן פּראָלעטאַריאַט און אָנגעהױבן אַן אַלגעמײנעם אָנגריף.

דער **צװײטער** פּעריאָד, אַן ערך פֿון סאָף 1923 י., איז כאַראַקטעריסטיש מיט אַ טײלװײזער פֿאַרפֿעסטיקונג (סטאַביליזאַציע) פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און װײטערדיקן אָנגריף פֿון דער בורזשואַזיע אױפֿן פּראָלעטאַריאַט. גלײכצײטיק װערט שנעל אױפֿגעשטעלט די װירטשאַפֿט אין פֿסס״ר און עס װאַקסט די װירקונג פֿון די קאָמפּאַרטײען אױף די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

אין װאָס האָט זיך אױסגעדריקט אָט=די סטאַביליזאַציע?

ערשטנס, אין דער אױפֿשטעלונג פֿון דער אינדוסטריע. אין 1921 יאָר איז דער קױלן=אַרױסבאַקום געװען אױף 20 פּראָצענט נידעריקער פֿונעם פֿאַרמילכאָמעדיקן, די טשוהון=אױסשמעלצונג האָט ניט דערגרײכט אַפֿילע אַ העלפֿט פֿון דעם, װאָס פֿאַר דער מילכאָמע, דער בוימוואָל=געברױך האָט באַטראָפֿן בלױז דרײפֿערטל פֿון פֿאַר דער מילכאָמע. אין 1926 יאָר יאָגט שױן אָן די װעלט=פּראָדוקציע, אין אַלגעמײן דעם פֿאַרמילכאָמעדיקן צושטאַנד און אין אײניקע צװײגן הױבט זי שױן אָן אַפֿילע איבערצױאָגן (לעמאָשל, די שטאָל=פּראָדוקציע, דער בוימוואָל=געברױך).

מע דאַרף אױך פֿאַרצײכענען די אױסערסט שנעלע אַנטװיקלונג פֿון אײניקע צװײגן פֿון דער פּראָדוקציע, װאָס טײלװײז זײנען זײ נאָר ניט לאַנג אַנטשטאַנען, װי, לעמאָשל, די פּראָדוקציע פֿון קינסטלעכן זײד, פֿון אױטאָמאָבילן, די כעמישע פּראָדוקציע, עלעקטראָטעכנישע א. אַנד. קינסטלעכער זײד איז אין 1926 יאָר פּראָדוצירט געװאָרן קימאַט אין 10 מאָל מער אײדער ביז דער מילכאָמע. די אױטאָמאָבילן=פּראָדוקציע האָט דערגרײכט אין דער גאַנצער װעלט 28 מיליאָן שטיק (אין די צאָפֿן=אַמעריקאַנישע פֿאַראײניקטע שטאַטן מאַכט אױס צו אײן אױטאָמאָביל אױף 5 מאַן).

צװײטנס, איז אַ באַװײז פֿון דער טײלװײזער סטאַביליזאַציע די אױפֿשטעלונג פֿונעם װעלט=האַנדל. אין 1926 יאָר האָט ער דערגרײכט קימאַט דעם פֿאַרמילכאָמעדיקן צושטאַנד, און אין 1927 יאָר האָט ער אים שױן איבערגעיאָגט.

דריטנס, איז כאַראַקטעריסטיש די אױפֿשטעלונג פֿון דער װאַליוטע. דאָס ענגליש און דײטשיש געלט האָט דערגרײכט דעם גאָלד=קורס. אין אַ רײ אַנדערע לענדער (פֿראַנקרײך, איטאַליע א. אַנד.) איז פֿאָרגעקומען אַ בעהאַרדאָגעדיקע פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער געלט=סיסטעם.

אָנװײזנדיק אױף דער טײלװײזער סטאַביליזאַציע פֿונעם קאַפּיטאַליזם, האָבן די קאָמוניסטן קעסײדער אונטערגעשטראָכן, אַז די סטאַביליזאַציע קומט פֿאַר זײער

גימנאַליטעמעסיק: אין אייניקע לענדער איז זי פֿאָרגעקומען שנעל און האַסטיק (פֿאַרייניקטע שטאַטן), אין אַנדערע, פֿאַרקערט, קומט פֿאָר א יערידע (ענגלאַנד), ווי ניט ווי קומט פֿאָר א קריזיס און צעפֿאַלונג (פּוילן, עסטרייך). איבערהויפּט איז די סטאַביליזאַציע געווען א צייטווייליקע דערשיינונג, א ניט שטאַנדהאַפֿטיקע. זי האָט געדראָעט מיט נייע אופֿטרייסלונגען, וועלכע זיינען אינגיכן ווירקלעך אָנגעקומען. די טיילווייזע סטאַביליזאַציע פֿונעם קאַפּיטאַליזם האָט אין זיך אַנטהאַלטן טיפֿע ווידערשפּרוכן.

דער דריטער פּעריאָד, אומגעפֿער אָנהויבנדיק מיטן 27—26 י., צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטייגן איבער קימאַט גלייכציייטיק מיט פֿסס״ר דעם פֿאַרמילכאָמע־צושטאַנד פֿון דער ווירטשאַפֿט. אין 1927 י. איז אין דער גאַנצער וועלט דער אָרויסבאַקום פֿון קוילן געווען העכער פֿונעם פֿאַרמילכאָמעדיקן. די טשוהון־שמעלצונג איז געווען העכער אף 8%, שטאָל — אף 31%, בוימוואָל־געברויך — אף 12%. ס׳איז אויך געוואַקסן די לאַנדווירטשאַפֿט. די פּראָדוקציע פֿון פֿינף הויפּט־מינים ברויט איז אין 1927 י. אויסגעוואַקסן אף 12% מער פֿון דער פֿאַרמילכאָמעדיקער.

אין דערזעלבער צייט הויבט זיך אָן אין פֿסס״ר דער „רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד" — דער וווקס פֿון די סאָציאַליסטישע פֿאָרמען פֿון דער ווירטשאַפֿט אף דער באַזע פֿון אָ נייער טעכניק, אָ שנעלע אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע, קאָלעקטיוויזאַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, אַן אָנגריף אפֿן באַלעגוף.

בוכאַרינס גרופּע האָט אפֿן VI קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן און אויך נאָכדעם ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דער דריטער פּעריאָד צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט געוויסע דערפֿאָלגן פֿון דער טעכניק, מיטן וווקס פֿון די טרעסטן און מיט דער פֿאַרהעלטניסמעסיקער סטאַביליזאַציע, נאָר אויך מיט דעם, וואָס איז דעמדאָזיקן פּעריאָד פֿאַרשטאַרקן זיך די ווידערשפּרוכן פֿונעם קאַפּיטאַליזם, ס׳ווערט אַלץ מער און מער לינק דער אַרבעטער־קלאַס, ס׳פֿאַרשאַרפֿט זיך דער קלאַסן־קאַמף, ס׳וואַקסן די קאָלאָניאַלע אופֿשטאַנדן, די קריזיסן ווערן אַלץ מער און מער שאַרף און זיי צעטרייסלען די גאַנצע סיסטעם פֿונעם אימפּעריאַליזם. עס הויבט זיך אָן א נייע טקופֿע פֿון אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס און רעוואָלוציעס. עס דערנענטערט זיך דער אַלגעמיינער קראַך פֿונעם אימפּעריאַליזם.

בוכאַרין און די רעכטע האָבן איבערגעטריבן די פֿעסטקייט פֿון דער סטאַביליזאַציע, זיי האָבן געשאַפֿן א טעאָריע וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם", וועלכער באַזייטיקט, קלוימערשט, די שאַרפֿקייט פֿון דער קאָנקורענץ אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פֿאַרגרעסערט די שאַנסן פֿון קאַפּיטאַליזם אף דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

די אַלע אָנשווונגען זיינען אָבער גאַנץ גיך באַטל געוואָרן צוליב דעם שטורמישן וועלט־קריזיס, וואָס האָט זיך צעשפּילט אין 30—1929 י.

זיין טיילווייזע סטאביליזאציע האט זיך דער קאפיטאליזם דערשלאגן אדאנק דעם שווערן דרוק אפן ארבעטער-קלאס, וואס איז פארגעקומען אינטער לאזונג „ראציאנאליזאציע". פארבעסערנדיק די פראדוציר-טעכניק, איינפירנדיק די סאמע פארפולקומסטע מאשינעס, האבן די קאפיטאליסטן מיט אלע מיטלען געסטארעט זיך צו פארקלענערן די צאל פארנומענע ארבעטער, פארלענגערן דעם ארבעטס-טאג, פארקלענערן דעם ארבעטלוין.

אומעטום זעען מיר א פארלענגערונג פונעם ארבעטס-טאג ביז 9, 10, 12 שא. אין ענגלאנד האט מען אנשטאט 7 שא ארבעט איינגעפירט פאר די קוילנגרעבער 8 שא, אין איטאליע האט מען דעם 8 שאיקן ארבעטס-טאג פארביטן מיט א 9-שאיקן (אין א ריי פראדוקציעס דערגרייכט ער 10—12 שא). פונקט אזא בילד איז אין פוילן, אונגארן, באלגאריע א. א. וו.

צוויטנס, פירט די בורזשואזיע אומעטום א ליניע אף אראפזעצן דעם אר-בעטלוין. אין דייטשלאנד איז דער רעאלער ארבעטלוין פון די קוואליפיצירטע ארבעטער געווען אין 1927 יאר נידעריקער פונעם פארמילכאמעדיקן, אין ענג-לאנד איז ער געווען אף 10 פראצענט נידעריקער פונעם פארמילכאמעדיקן, אין פראנקרייך — אף 15—35 פראצענט נידעריקער פונעם פארמילכאמעדיקן, אין איטאליע — אף 25 פראצענט א. א. וו., ניט געקוקט אף דעם אלץ און אפן שטייגנ-דיקן יאקרעס, קומט פאר א ווייטערדיקע אראפזעצונג פונעם ארבעטס-לוין.

אלס רעזולטאט פון דער קאפיטאליסטישער ראציאנאליזאציע קומט אויס דעם ארבעטער אויסצובראגען מער קרעפטן און נערוון אף דער ארבעט. דאס פארגרעסערט די ארבעטס-פראדוקטיווקייט, אבער דאס רייסט אונטער און צערט אויס דעם ארבעטער. די קאפיטאליסטישע ראציאנאליזאציע ווערט געבויט אפן כעזשבן פון פארערגערן דעם ארבעטערס לאגע.

ניט געקוקט אף די אלע קונצשטיק האט אבער דער קאפיטאליזם ניט גע-קענט אויסמיידן צערודערונגען און קריזיסן, וואס זיינען ענג פארבונדן מיט דעם עצעם אינהאלט פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

דער בעסטער סימען, אז די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם איז ניט שטאנד-האפטיק איז געווען דער וועלט-קריזיס פון 1929—30 י. ער האט זיך אנגעהויבן אין א לאנד, וועלכעס האט זיך באזונדערס געביינט מיט אירע דערפאלגן — אין די פאראייניקטע שטאטן, אין אט דער פעסטונג פון אימפעריאליזם. די רעכטע אפארטוניסטן אין דער אמעריקאנישער קאמפארטיי (לאווסטאן א. אנד., וואס זיינען איצט שוין אויסגעשלאסן פון די פארטיי-רייען) האבן געשאפן אפילע א גאנצע טעאריע וועגן דעם, אז די פאראייניקטע שטאטן אנטוויקלען זיך לויט

ספּעציעלע נעזעצן און אונטערשיידן זיך פון אנדערע לענדער מיט זייער אויס־שליסלעכער שטאנדהאפטיקייט און פעסטקייט.

גלייכצייטיק האָבן די סאָציאל־דעמאָקראטן צוזאמען מיט די רעכטע עלע־מענטן פון קאָמינטערן אנטוויקלט א געמיינזאמע טעאָריע וועגן „אָרגאניזירטן" קאפּיטאליזם, וועלכער איז קלוימערשט „געזונטער געוואָרן", פארפעסטיקט זיך און האָט קיין מוירע ניט פאר קיין שום אופּטרייסלונגען.

דער קריזיס אין די פאראייניקטע שטאטן האָט זיך צעשפּילט אין הארבסט 1929 י. אין דעם מאָמענט, ווען א ריי לענדער האָבן שוין געפילט בא זיך ווירט־שאפטלעכע שוועריקייטן (א דעפּרעסיע).

דערדאָזיקער קריזיס האָט נאָך מער פארערגערט די לאגע פון אנדערע קאַ־פּיטאליסטישע לענדער און זומער צו 1930 י. האָט ער זיך שוין פארוואנדלט אין אן אלוועלטלעכן קריזיס, וועלכער האָט ניט אויסגעמיטן קיין איין לאנד (אויסער פססר).

אפילע אין פראנקרייך, וועלכע האָט זיך געהאלטן לענגער פון אנדערע, האָט זיך זומער 1930 י. אָנגעהויבן א פארערגערונג פון דער לאגע.

דער קריזיס האָט קוידעמקאָל געבראכט צו א באדייטנדיקער פארקירצונג פון דער אינדוסטריע. פרילינג צו 1930 י. איז די אינדוסטריע־פּראָדוקציע אין די פאראייניקטע שטאטן געווען אף 25% נידעריקער, ווי מיט א יאָר פאר דעם. אייניקע וויכטיקסטע צווייגן (שטאָל־שמעלצונג, אווטאָמאָביל־אינדוסטריע, בוויונג) האָבן זיך פארקלענערט אף 50% און נאָכדעם געפאלן נאָך נידעריקער.

דער אויסערן־האנדל האָט זיך שארף פארקירצט.

גלייכצייטיק האָט אויך איבערגעלעבט א שווערן קריזיס די לאנדווירט־שאפט—די פארזייען האָבן זיך פארקירצט, דאָס ברויט האָט ניט געהאט קיין אָפּ־זאץ, די פערמער זיינען בעדאלעס געוואָרן. אומעטום האָט זיך דער אינדוסטריע־קריזיס צוזאמענגעפלאָכטן מיטן אגרארן.

אזעלכע דערשיינונגען זיינען אויך געווען אין די אנדערע לענדער. אין דייטש־לאנד האָט זיך די פּראָדוקציע פארקירצט אף 17%, אין פּוילן — אף 24% און אזוי ווייטער.

דער קריזיס האָט נאָך מער פארשארפט די ארבעטלאָזיקייט. אין די הויפּט־לענדער פון דער וועלט איז זומער צו 1930 י. געווען 20 מיליאָן ארבעטלאָזיקע (צוזאמען מיט די מישפּאָכעס — 60 מיל.) — דערפון אין די פאראייניקטע שטאטן — 7 מיל., אין דייטשלאנד — 3½ מיל., אין ענגלאנד 2 מיל. א. א. וו. אויסערדעם, האָבן אסאך מיליאָנען ארבעטער געארבעט נאָר עטלעכע טעג אין וואָך (לעמאָשל, 3—4 טעג פון 6), ס'הייסט, זיי זיינען געווען האלבע ארבעט־לאָזיקע.

בכלל האָט די אַרבעטלאָזיקייט אָנגענומען נייע פאָרמען. פריער (ביז דער מילכאָמע) האָט זיך דער פּראָצענט אַרבעטלאָזיקע געהאַלטן בא 3—5, זעלטן ווען 8—10 פּראָצ. די לעצטע יאָרן אָבער איז דער פּראָצענט אַרבעטלאָזיקע אין די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער געווען 15—20 און נאָך העכער. פריער זיינען דאָס געווען רעזערוו-אַרמייען פונעם קאַפּיטאַליזם, איצט זיינען דאָס געוואָרן שטענדיקע, זיך ניט פאַרקלענערנדיקע, נאָר אַלץ וואַקסנדיקע אַרמייען. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וואַרפט אַרויס אַלץ מער און מער מענטשן פון דער פּראָדוקציע און טרייבט זיי אַראָפּ פון די פעלדער.

דער וועלט-קריזיס האָט נאָך מער פאַרטיפט די דיזיקע לאַגע און האָט שווין געבראַכט דערצו, אַז אומעטום איז דאָרטן יעדער פערטער אָדער פינפטער אַרבעטער — אַן אַרבעטלאָזיקער.

די באַזונדערקייטן פון דעם איצטיקן וועלט-קריזיס

די שוועריקייטן פון דעם וואַקסנדיקן קריזיס ווערן נאָך גרעסער איבער דעם, וואָס דער קריזיס קומט פאָר אויפן באָדן פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער וועלט-מילכאָמע. דער אַלגעמיינער יעסאָד זיינער ליגט אין דער סיסטעם גופא פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, אין דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם פון צואייגענונג. אויף וויפל ס'ווערט פאַרגרעסערט אַ שאַרפער קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַריייניקונגען פאַר איינהאַלטן די הויכע מאָנאָפּאָל-פרייזן אויף סכוירעס, וועט דער קריזיס זיך פאַרציען נאָך לענגער און וועט מער פאַרשאַרפט ווערן.

אַזוי ווי דער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס הויפט-לאַנד פון קאַפּיטאַליזם — די פאַראייניקטע שטאַטן — ברענגט דאָס נאָך צו אַ שטאַרקערער פאַרברייטערונג און פאַרטיפערונג פונעם קריזיס.

די ווירטשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען זיינען באַזונדערס שטאַרק דערפאַר, ווייל עס פלעכטן זיך איבער דער אינדוסטריע-קריזיס מיט דעם אַגראַרן (לאַנדווירטשאַפטלעכן).

די מוירעדיקע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם ווייזן זיך בולעט אַרויס דערין, וואָס דער פאָרקומענדיקער קריזיס איז אַ קריזיס פון איבערפּראָדוקציע. אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ליידן פון צופיל סכוירעס און ברויט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע אין אין הארבסט 1930 י. געווען אין 2 מאָל מער ברויט, ווי דאָס לאַנד האָט געדאַרפט. די הוווערס רעגירונג האָט דעריבער גענומען אַגיטירן, אַז די פערמערס זאָלן פאַרקלענערן דעם פאַרזיי-שעטעך לעכאָלאַפּאָכעס אויף 25%. אָנשטאָט קוילן הייצט מען איצט אין אַמעריקע מיט

קוקורוזע און ווייץ. אין בראזיליע האָט מען ארויסגעשליידערט אין יאם אריין 2 מיליאָן זעקלעך קאַפע.

אין דערזעלבער צייט זיינען אין כינע 50 מיליאָן מענטשן אפן ראנד פון הונגער־טויט.

מיליאָנען ארבעטלאָזיקע שטארבן פון הונגער. די פאָלקסמאסן זיינען אזוי אָרעם, אז זיי קענען ניט קויפן די פּראָדוצירטע סכוירעס. סכוירעס איז דאָ צופיל, און די ארבעטער און פּויערים האָבן זיי ניט און קאָנען זיי ניט האָבן.

פארשטייט זיך, די קאפּיטאליסטן נעמען אָן אלע מיטלען, קעדיי ארופליינגן די שווערקייט פון קריזיס אפן ארבעטער־קלאס. כאָטש דער קריזיס האָט גע־בראכט צו א שטארקער פארקלענערונג פון די הורט־פרייזן, זיינען אָבער די איינצל־פרייזן געבליבן ווי געווען. דעם ארבעטער צווינגט מען צאָלן דעם קאפּי־טאליסט פאר סכוירעס אזויפיל, וויפל ער האָט פריער געצאָלט. דעם ארבעטלוין אָבער פארקלענערט מען.

די שווערקייט פון דעם קריזיס ווערט גרעסער דורך דעם, וואָס ער איז אן אלוועלטלעכער. דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מילכאָמע האָט זיך צעבושעוועט אזא קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאפּט אלע לענדער פון דער וועלט, אלע אינ־דוסטריע־צווייגן, די לאנדווירטשאפט, דעם טראנספּאָרט א. א. וו. דער קריזיס ווארפט זיך איבער פון איין לאנד אין צווייטן.

אז ס'פארערגערט זיך די לאגע אין איין לאנד פארערגערט זיך גלייך די לאגע אויך אין צווייטן.

קעדיי באשיצן דאָס אייגענע לאנד פון אויסערלעכער קאָנקורענץ, שטעלן איין די קאפּיטאליסטישע רעגירונגען הויכע ארייַנפיר־טאריפן, עס פארשטארקט זיך דער עקסטער פּראָטעקציאָניזם אין אלע וויכטיקסטע לענדער (אין די פאראייניקטע שטאטן, אין דייטשלאנד, ענגלאנד א. א. וו.). דאָס רופט ארויס א פארשארפונג פון די באציונגען צווישן די מעלוכעס. אזוי צום ביישפּיל, האָבן פינף און דרייסיק רעגירונגען אויסגעדריקט דער רעגירונג פון די פאר. שטאטן א פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס זי האָט געהעכערט די טאריף־אָפּצאָלן, דראָענדיק, אז אויך זיי פון זייער זייט וועלן דערקלערן א צאָל־קריג.

2. דער אָנוווקס פונעם פּאָליטישן קריזיס

די ווידערשפּרוכן פון קאפּיטאליזם

דער וועלט־קריזיס פארגרעסערט נאָך מער די ווידערשפּרוכן, וואָס צערייסן דעם קאפּיטאליזם און פירן אים צו א גיכן אומקום.

מע קען אָנווייזן פיר גרונט־ווידערשפּרוכן, וואָס צעטרייסלען אים.

ערשטנס — דער ווידערשפּרוך צווישן פּסס"ר און

דער קאפיטאליסטישער וועלט. צוויי סיסטעמען קעמפן אין דער וועלט — דער סאָציאַליזם און קאפיטאליזם. דער סאָציאַליזם ווערט בא אונדז געבויט אונטער דער אָנפירונג פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. די פארפעסטיקונג פון פסס"ר איז א שטענדיקע דראָונג דעם קאפיטאליזם. די עקזיסטענץ פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור (אין מעשעך פון 13 יאָר) אין אזא גרויס לאנד באווייזט שוין דעם קריזיס פון קאפיטאליזם, די אומגעהערטע פארשארפונג פון קלאסן=קאמף.

דער קאפיטאליזם פאראייניקט זיינע קויכעס, קעדיי צו דערלאנגען א קלאפּ דער ארבעטער=רעפּובליק. ארום פסס"ר פאראייניקן זיך אָבער די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט. דער פאראייניקונג פון די קאפיטאליסטן האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט א לאנד פון פּראָלעטארישער דיקטאטור, פאר וועלכן עס זיינען גרייט צו קעמפן מיליאָנען האָרעפּאשניקעס איבער גאָר דער וועלט.

צווייטנס, וואקסן די ווידערשפּרוכן צווישן די קאפּיטאליסטן גופע. די פארשטארקונג פון די פאראייניקטע שטאטן און דער וווקס פון זייער ראָל אלס וועלט=עקספּלאָאטירער פארשארפט זייערע באציונגען מיטן אייראָפּעאישן קאפיטאליזם, קוידעמקאָל מיט ענגלאַנד. דער קאמף צווישן די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד ווערט דער יעסאָד.פון אלע וועלט=קאָנפליקטן. דער קאמף צווישן די לענדער פאר נאפט, קוילן, בוימוואָל, מעטאל, פאר א נייער איבערטיילונג פון די מערק פירט אומפארמיידלעך צו א נייער וועלט=מילכאָמע.

דריטנס, וואקסן די ווידערשפּרוכן צווישן די קאָלאָניעס און יענ'ע לענדער, צו וועלכע זיי געהערן (מעטראָפּאָליעס).

די כינעזישע רעוואָליוציע האָט שוין דערלאנגט א קלאפּ דעם אימפּעריאליזם. די ניצכוינעס פון דער כינעזישער רויטער ארמיי שטעלן אונטער א געפאר דער דאָרטיקער הערשאפט פון די אימפּעריאליסטן. עס הערט ניט אויף דער קאמף פון די אינדישע ארבעטער און פּויערים עס קומט פאָר א קאמף און אן אופשטאנד אין די האָלענדישע קאָלאָניעס פונעם אינדישן אָקעאַן, אין פארשיידענע טיילן פון אפריקע א. א. וו.

פערטנס, עס וואקסט אומפארמיידלעך א קריזיס אין די סאמע צענטערס פונעם אימפּעריאליזם. דער אָנגריף פון דער בורזשואזיע אפן פּראָלעטאריאט רופט ארויס א **פארשארפונג פון קלאסנקאמף**. די מאסן ווערן לינקער. די ארבעטער הויבן אָן איבערגיין אין אָנגריף אפן קאפּיטאליזם. דער קאָמוניזם קריגט אלץ נייע אָנהענגער. די דעמאָנסטראציעס פון פּראָלעטאריאט גייען איבער אין באריקאדן=שלאכטן, די צווישנפעלקערלעכע רעוואָליוציע אנטוויקלט זיך.

דער קאַמף פון די פאַרייני-
ניקטע שטאַטן מיט ענגלאַנד

דער גרונט-ווידערשפרוך אינעם לאַגער פון די אימפעריאַליסטן גייט לויט דער ליניע פון קאַמף צווישן ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר וועלט-לעבער העגעמאָניע.

די אַמעריקאַנער פאַרייניקטע שטאַטן האָבן פאַרנומען נאָך דער מילכאָמע דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט. פאַר דער מילכאָמע האָט אייראָפּע פאַרמאָגט אַ העלפט פון אַלע גאָלד-רעזערוון אין דער וועלט, איצט איז באַ איר פאַרבליבן נאָר אַ דריטל, און די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרמאָגן מער ווי אַ העלפט (55 פּראָצענט).

פריער זיינען די פאַרייניקטע שטאַטן געווען אַ באַלכויוו באַ די אייראָפּעיִשע מעלוכעס. איצט זיינען די אייראָפּעיִשע מעלוכעס שולדיק אַמעריקע 27 מיליאַרד גאָלד-רובל און יאָר איין יאָר אויס צאָלן זיי אויס דעם כויוו מיט פּראָצענטן.

נאָך דער מילכאָמע האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן באַוויזן גיך צו פאַרגרעסערן דעם אַריינלייג פון זייערע קאַפּיטאַלן אין אויסלאַנד. די אַנדערע לענדער (איינשליסנדיק אויך ענגלאַנד), — אָדער זיי פאַרקלענערן נאָך זייערע איינלייגן אָדער אויב זיי פאַרגרעסערן — איז זייער אין אַ קנאַפּער מאָס.

אפן געביט פון אינדוסטריע האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן אויך שנעל פאַרגרעסערט זייער כיילעק אין דער וועלט-פּראָדוקציע. אין 1929 יאָר האָבן זיי פאַרמאָגט 72% פּראָצענט פונעם גאַנצן נאַפט, וואָס ווערט אַרויסבאַקומען אין דער וועלט, 68 פּראָצ. פונעם בוימוואָל, 60 פּראָצענט פון דער שטאָל-פּראָדוקציע, 55 פּראָצ. קופּער, 43 פּר. קוילן א. א. וו.

דער אַלוועלטלעכערווירטשאַפט-צענטער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. זייערע פּאָזיציעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט אין דער גאַנצער וועלט. דאָרעם-אַמעריקע פאַלט אַרונטער אונטער זייער ווירקונג, דאָס זעלבע איז אויך מיט צענטראַל-אַמעריקע. קאַנאַדע און אפילע אווסטראַליע ציען זיך איצט צו די פאַרייניקטע שטאַטן. די פאַרייניקטע שטאַטן מישן זיך אַקטיוו אַריין אין אַלע וועלט-באַציִונגען, פריער פאַר אַלץ אין די אייראָפּעיִשע איניאָנים, וווּהין אַמעריקע האָט פאַר די לעצטע יאָרן אַריינגעלייגט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן.

דערדאָזיקער וווּקס פון די פאַרייניקטע שטאַטן איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געגאַנגען אפן כעזשבן פון ענגלאַנד. ענגלאַנד לעבט איבער אַ יערידע. איר פּאָזיציע אפן וועלט-מאַרק האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן. אין דעם זיינען פאַראַן אַ ריי סיבעס: די קאָנקורענץ צווישן אַמעריקע און יאַפּאָניע, די קאָלאָניאַלע אויפשטאַנדן, דער וווּקס פון דער אינדוסטריע אין די ענגלישע קאָלאָניעס, די

טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער ענגלישער אינדוסטריע, דאָס, וואָס קוילן (אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן ענגלאַנדס וועלט־באַדייטונג) ווערט פאַרביטן מיט אַנדערע מינים ענערגיע א. א. וו.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז אפילו אין די ענגלישע דאָמי־ניאָנען און קאָלאָניעס שטייען די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויס ענגלאַנד. לעגאַבע דעם פאַרמילכאָמעדיקן פּעריאָד האָבן זיי פאַרגרעסערט זייער אימפּאָרט אין ענגלאַנדס אַפריקאַנישע דאָמיניאָנען אין 3—4 מאָל, אין אויסטראַליע — אין 4 מאָל, אין מיזרעך־אינדיע — אין 4 מאָל מער א. א. וו.

אין דער צייט ווען ענגלאַנדס בייַלעק אינעם אַלוועלטלעכן קוילן־אַרויסבאַקום, שטאָל־פּראָדוקציע, בוימוואָל־געברויך איז געפאַלן, אין דער בייַלעק פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעוואַקסן.

די ענגלישע אינדוסטריע אַנטוויקלט זיך ניט, און ענגלאַנד גייט אַריבער פון דער קאַטעגאָריע אינדוסטריעלע לענדער צו דער קאַטעגאָריע לענדער, וואָס לעבן פון וואָכעריי, ד. ה. פון פּראָצענטן אויף די האַלוואָעס און קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אַריינגעלייגט אין אויסלאַנד, און אויף די האַכנאָסעס פון אייניקע מאָנאָפּאָלן (לעמאָשל, קאַוטשוק, נאַפט).

די יערידע פון דער אינדוסטריע און די פאַרמינדערונג פון ענגלאַנדס וועלט־ראָל לאָזט זיך פילן אין דעם, וואָס עס פאַרערגערט זיך די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס און עס פאַרשאַרפן זיך די קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

קעדיי צוגרייטן זיך צום קומענדיקן צוזאַמענשטויס מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, זוכט זיך ענגלאַנד פאַרבינדעטע אינעם קומענדיקן קאַמף, זי פאַרשטאַרקט אירע באַוואָפענונגען.

די פאַראייניקטע שטאַטן גרייטן זיך פון זייער זייט שטאַרק צום קאַמף. דער בורזשואַזער פּובליציסט דעני שרייבט אָפן: „אין דער איצטיקער וועלט איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַזעלכע צוויי קענגערישע און רויבערישע אימ־פּעריעס, ווי גרויסבריטאַניע און אַמעריקע. אָדער גרויסבריטאַניע וועט פרייוויליק אָנערקענען די העגעמאָניע פון אַמעריקע, אָדער די העגעמאָניע וועט באַשטעטיקט ווערן אין בלוטיקע שלאַכטן“.

דער קאַמף אין אייראָפּע

דייטשלאַנד האָט דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן אין זין פון אופשטעלן און רעאָרגאַניזירן איר אינדוסטריע, דעריקער אָפּן כעזשבן פון די האַלוואָעס בא אַמעריקע. זי שטייט אָבער פאַר די גרעסטע שוועריקייטן, ווייל זי איז געבונדן מיט קאָלאָסאַלע צאָלונגען, וואָס זי דאַרף מאַכן די לענדער—זיגער, און מיט צאָלן פּראָצענטן אויף די שווערע כויוועס. דאָס לאַנד האַרט ניט אויף צו ליידן פון

א קאָלאָסאַלע אַרבעטלאָזיקייט, דער קריזיס האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געגעבן איבער דייטשלאַנד.

די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט געוואונען פון דער מילכאָמע. פון אַ האַלב־לאַנדווירטשאַפטלעכן לאַנד, וואָס האָט דערהויפּט געלעבט פון פּראָצענטן אויף קאַפּיטאַלן, צעשפּרייטע אין אויסלאַנד אַלס האַלוואָעס, איז פראַנקרייך פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרק אינדוסטריעל לאַנד, ווייל זי האָט פאַרכאַפּט די דייטשישע קוילנגרובן, די אייזנגרובן א. אנד. און האָט באַקומען מיליאַרדן קאָנ־טריבוציע פון דייטשלאַנד.

די פאָזיקע אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד גיט אויך אַן אָנשפּאַר דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג. אין לאַנד האָבן זיך געבילדעט אַ ריי גרויסע אינדוסטריע־צענטרן מיט צענדליקער טויזנטער פּראָלעטאַריער. אַזאַ אינדוסטריע־צענטער איז אויך געוואָרן די הויפּשטאָט פון פראַנקרייך—פּאַריז.

דער קנופּ פון די צווישנפעלקערלעכע ווידערשפּרוכן אין אייראָפּע באַשטייט אין דעם טיילן די קאָנטריבוציע, וואָס די לענדער—זיגער ציען אַרויס פון דייטש־לאַנד. לויטן „יונג־פּלאַן“ דאַרף דייטשלאַנד יערלעך אויסצאָלן צו 2 מיליאַרד מאַרק, דערצו נאָך 1,6 מיליאַרד פּראָצענטן אויף אויסלענדישע האַלוואָעס.

דייטשלאַנד וועט לאַנג, פאַרשטייט זיך, ניט קענען צאָלן די ציגזן. אויף דעם באָדן פאַרשאַרפן זיך ביכלאַל די באַציִונגען צווישן דייטשלאַנד און די זיגערישע לענדער.

ס'האָבן זיך זייער שטאַרק פאַרשאַרפט די באַציִונגען צווישן איטאַליע און פראַנקרייך. איןביידע לענדער רעדט מען גאַנץ אָפן וועגן אַ מעגלעכער מיל־כאָמע. איטאַליע וויל פאַרברייטערן איר הערשאַפט, באַזונדערס פּרעטענדירט זי אויף אַ ריי קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך איצט בא פראַנקרייך (טוניס, וווּ ס'איז דאָ מער איטאַליענער, ווי פראַנצויזן, סיריע און אַנדערע).

אויף די באַלקאַנען גייט אַ קאַמף פאַרן איינפלוס צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע.

עס זיינען אָנגעשטרענגט די באַציִונגען פון דייטשלאַנד מיט פּוילן. עס זיינען פאַרשאַרפט די באַציִונגען בא רומעניע מיט אונגאַרן א. א. וו., א. א. וו.

עס גייט אָן אַ קאַמף צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך איבער דער ראָל אינעם מיטלענדישן יאַם און אויף זיינע ברעגעס.

דייטשלאַנד פּרוּווט שמועסן מיקויעך אומקערן איר די קאָלאָניעס, וואָס זיינען נאָך דער מילכאָמע צעטיילט געוואָרן דעריקער צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך.

נאָך שאַרפערע קאָנפליקטן ווייזן זיך אַרויס אויף מיזרעך. דאָ גייט אַ קאַמף קוידעמקאָל צווישן די פאַרייניקטע שטאַטן און יאַפּאַניע איבער דער ראָל אויפן שטילן אָקעאַן, אין כינע און אַנדערע מיזרעך־לענדער.

אין כינע באגעגעגנען זיך ענגלאַנדס אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון יאַפּאַניע און אַמעריקע.

אין דאָרעם־און צענטראַל־אַמעריקע און אין מעקסיקע קעמפן די פּאַרייניקטע שטאַטן פאַר דער אויבערהאַנט, באַזונדערס קעגן דעם ענגלישן איינפלוס.

אין דערזעלבער צייט זעען מיר, אַז דער קאַמף פון די קאָלאָניעס קעגן די לענדער, וואָס עקספּלואַטירן זיי, נעמט אָן אַלץ אָפטער די פאָרם פון עמעסע אופשטאַנדן און מילכאָמעס. לאָמיר דערמאָנען דעם קאַמף פאַר די לעצטע יאָרן אין אינדיע, אינדאָ־כינע, סיריע, מאַראָקאָ און אין די האָלענדישע קאָלאָניעס (סומאַטרע) א. אנד.

די כינעזישע רעוואָליוציע

א באַזונדער באַדייטונג האָבן באַקומען פאַר דער לעצטער צייט די כינעזישע געשעענישן. אין כינע האָבן זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע אינטערעסן פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס. דער דערפאָלג פון דער כינעזישער רעוואָליוציע איז דעריבער א געפאַר פאַר דער גאַנצער עקספּלואַטאַציע־סיסטעם פון די מיזרעך־לענדער און די קאָלאָניעס. ער פאַרשטאַרקט אין א באַדייטנדיקער מאָס דעם האַטנפאָ[illegible] און שאַפט אינעם צענטער פון אייראָפּע און אַזיע א מעכטיקן מענטשלעכן מאַטיוו פאַרן ווייטערדיקן קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם.

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די אימפּעריאַליסטן קעמפן פאַר זייער איינפלוס אין כינע און פאַר דערשטיקן מיט אַלע קויכעס די נאַציאָנאַלע רעוואָליוציע. קיין כינע זיינען געשיקט געוואָרן צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן און הונדערטער קריגס־שיפן. פאַקטיש פירן די אימפּעריאַליסטן אַן אָפענע מילכאָמע אין כינע.

די כינעזישע רעוואָליוציע האָט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטן. זייענדיק א בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע, איז זי צוגלייך אויך א נאַציאָנאַל־באַפרייערישע, וואָס איז געצילט קעגן דעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם, דערמיט שליסט זי זיך צונויף מיט די רעוואָליוציעס פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער קעגן דעם אימפּעריאַליזם. די כינעזישע בורזשואַזיע איז שוואַך, זי הענגט אָפּ פונעם אימפּעריאַליזם, איז אָנגעשראָקן פון דער אַרבעטערשער און פּויערשער באַוועגונג. די ראָלע פונעם אָנפירער מיט דער רעוואָליוציע און פונעם פירער פונעם פּויערטום פאַלט דעריבער אַפן כינעזישן פּראָלעטאַריאַט. וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס זייט־באַ־זייט מיט כינע עקזיסטירט דער פעסטער ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זיין רעוואָליוציאָנערע דערפאַרונג און הילף קאָן פאַרגרינגערן דעם קאַמף פונעם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט.

דער כינעזישער קאָמפּאַרטיי איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן באַ זייער א קאָמפּליצירטער סיטואַציע. פון איין זייט, האָט זי געדאַרפט דורכפירן איר פּראָלעטאַרישע ליניע, פאַרטיידיקן און אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן

דער בורזשואזיע א. א. וו. פון דער אנדערער זייט, איז זי אריין אין דער קליינ־בירגערלעכער פּאָליטישער פאריייניקונג — אינעם גאָמינדאַן, ווייל זי האָט גע־דאַרפט אונטערשטיצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איז געווען געצילט קעגן די אימפּעריאַליסטן.

אונטערן איינפלוס פון דער קאָמפּאַרטיי האָט זיך דידראַזיקע באַוועגונג באַ־דייטנדיק פארשטארקט. פון קאַנטאָן האָט מען אָנגעהויבן דעם „צאָפנדיקן מאַרש", וואָס אַדאַנק אים איז א היפּשער טייל צענטראַל־כינע אופגעשטאַנען קעגן די פעאָדאַלן און אימפּעריאַליסטן.

דעמדראָזיקן צאָפנדיקן מאַרש, בעיים וועלכן עס האָט עקזיסטירט דער בלאָק צווישן דער בורזשואזיע, וואָס איז אריין אין גאָמינדאַן, און דער קאָמפּאַרטיי, האָבן די קאָמוניסטן אויסגענוצט אף אָרגאַניזירן די אַרבעטערשע און פּויערשע מאַסן און פּראָפּאַגאַנדירן די אַגראַרע רעוואָליוציע. די צאָל אַרבעטער־מיטגלידער פון די פּראָפּאַרייגען האָט זיך אין איין יאָר פאַרדרייפאַכט (האָט דערגרייכט 3 מי־ליאָן), שטאַרק זיינען אויסגעוואַקסן די פּויערשע פאַרבאַנדן.

אין מאָמענט פון די גרעסטע דערפאָלגן פונעם צאָפנדיקן מאַרש האָט זיך די בורזשואזיע דערשראָקן פאַרן וווקס פון דער מאַסן־באַוועגונג און האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אף דער זייט פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע. דאָס האָט זיך, אַנעוו, אויסגעדריקט אין דעם פּאַראט פונעם הויפּט־קאָמאַנדיר טשאַן־קיי־שי.

אין אָט דעם קאָמפּליצירטן פעריאָד האָט אונדזער אָפּאָזיציע געמאַכט די כינעזישע פראַגע פאַר א געצייג אין קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון קאָמינטערן און פון אונדזער צ"ק. נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צאָפנדיקער מאַרש, האָט זי גענומען פאָדערן, אז די קאָמוניסטן זאָלן אַוועקגיין פון גאָמינדאַן, האַגאַם עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אז אין דעם געגעבענעם רעוואָליוציע־עטאַפּ קאָן די קאָמפּאַרטיי בלויז אַריינגייענדיק אין גאָמינדאַן פאַרווירקלעכן איר איינפלוס אף די קליינבירגערלעכע מאַסן און דעראָבערן זיי פון אינווייניק אף איר זייט.

טראָץ דער מיינונג פון דער אָפּאָזיציע האָט דער אויספירקאָם פונעם קאָמינ־טערן אָנערקענט, אז דער בלאָק מיט דער נאַציאָנאַלער בורזשואזיע איז פאַר דער קאָמפּאַרטיי געווען אבסאָליוט נויטיק אינעם פעריאָד פון צאָפנדיקן מאַרש. אָבער נאָך טשאַן־קיי־שיס פּאַראט, ווען די בורזשואזיע איז בעפיירעש אַריבער אין לאַגער פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע און דער לינקער פליגל פון גאָמינדאַן האָט א קער געטאָן צו דער רעאַקציע, האָט דערדראָזיקער בלאָק געמוזט צע־ריסן ווערן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איז נאָך מער דרינגענד געוואָרן פאַר דער כי־נעזישער פּאַרטיי דאָס אָרגאַניזירן די פּויערשע מאַסן און אָנפירן מיט זייער

ארבעט. די אגראַרע רעוואָלוציע איז געוואָרן דער גרונט־אינהאַלט פון דער גייער מקופע אין דער כינעזישער רעוואָלוציע.

די זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטער אין קאַמף פאַר מאַכט האָבן ענדגילטיק אָפּגעשטויסן דעם גאָמינדאַן אין לאַגער פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. דער לעצטער מעכטיקער שטורעם פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע איז געווען דער קאַנטאָנער אויפשטאַנד, וואָס איז געגאַנגען אונטערן לאָזונג פון סאָוועטן.

דער בלאָק פון די אימפּעריאַליסטן, בורזשואַזיע און פעאָדאַלן האָט דער־לאַנגט שווערע קלעפּ דעם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. הונדערטער קאָמוניסטישע פירער זיינען געקעפּט געוואָרן. נאָר דאָך האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּ שטענדיק צעקלאַפּן די כינעזישע רעוואָלוציע. אויך איצט האָבן מיר דאָרט אַ גרויסן מעכטיקן אופשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אָפּשאַצנדיק די לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין כינע, מוז מען אַנער־קענען, אַז די בורזשואַזי־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע איז ניט פאַרענדיקט ניט פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט (ווייל אין דעם גרעסטן טייל לאַנד איז ניט דורכ־געפירט געוואָרן די אגראַרע איבערקערעניש און עס איז ניט פאַרניכטעט געוואָרן די מאַכט פון די גוטבאַזיצער און די פעאָדאַלע פאַרהעלטעענישן), ניט פון שטאַנד־פּונקט פון נאַציאָנאַלן קאַמף פונעם לאַנד קעגן דעם אימפּעריאַליזם (עס איז ניטאָ קיין פאַרייניקונג פון כינע, עס איז ניט דעראָבערט געוואָרן איר אומאָפּ־העגניקייט).

די דריי־יאָריקע הערשאַפט פון דער רעאַקציע האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון די אַרבעטער און פּויערים. אין לאַנד איז דאָ העכער 50 מיליאָן הונגערנדיקע און אַ קאָלאָסאַלע אַרבעטלאָזיקייט.

אין 1930 י. איז, צוגלייך מיטן דויערדיקן קאַמף פאַר מאַכט צווישן די רעאַקציאָנערע גענעראַלן, וואָס ווערן אונטערגעשטיצט פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, געוואַקסן און געשטאַרקט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג האָבן באַקומען די דערפאָלגן פון דער רעוואָלוּ־ציע. אין דאָרעם־כינע. דאָ איז אין זומער פון 1930 שוין אַרומגעכאַפּט געווען מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג 241 אויעזדן. די אַלגעמיינע אָנפירונג איז געווען אין די הענט פון דער קאָמפּאַרטיי, וואָס האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אין דידאָזיקע ראַיאָנען 14 קאָרפּוסן פון דער רויטער אַרמיי און איינפירן אין 130 אויעזדן די ראַטנמאַכט.

אין אַלע ראַיאָנען, ווו ס'זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן סאָוועטן, איז די גאַנצע פּריציש ערד קאָנפיסקירט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּויערטום, דער פאַרמעגן פון וווכערניקעס, פּריצים א. ד. גל. איז רעקווירירט געוואָרן. ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַן 8 שאָ‏עיקער אַרבעט־טאָג, ס'איז דורכגעפירט גע־

װאָרן די גלײכבאַרעכטיקונג פון פרויען, ס'איז געשאַפן געװאָרן א רויטע אַרמײ, קלובן, שולן, צײטונגען א. אז. װ.

אָט די אויפטוען פון די כינעזישע רעװאָלוציאָנערן האָבן געמאַכט פון די פויערים און ארבעטער הײסע אָנהענגער פון דער ראטנמאכט. די דערפאָלגן פון דער כינעזישער רויטער ארמײ קען מען דערקלערן פריער פון אלץ מיט דעם ברײטן מיטגעפיל פון די ארבעטנדיקע.

פרילינג 1930 י. איז צונויפגערופן געװאָרן דער 1-טער סאָװעטן-צוזאַמענפאָר פון דאָרעם-כינע, װעלכער האָט מיטגעהאָלפן דער װײטערדיקער פארײניקונג און פארשטאַרקונג פון דער באַװעגונג.

דער קאמף פון די כינעזישע סאָװעטן גײט אונטערן לאָזונג פון אײניקײט מיטן װעלט-פראָלעטאריאט און מיט פסס"ר.

די דערפאָלגן פון דער כינעזישער רויטער אַרמײ האָבן אַרויסגערופן א צערודערונג אינעם אימפעריאַליסטישן לאגער. די אימפעריאַליסטן ארבעטן העפ-טיק אָף צו שאַפן אַן אײנהײטלעכן פראָנט אין כינע, קעדײ צו פירן אַן אָפענע מיליטערישע אינטערװענץ.

אָט דער װוקס פון דער כינעזישער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג, װאָס איז אויך פארבונדן מיטן װעלט-קריזיס, װעלכער רופט זיך שװער אָפּ אָף כינע, פארשװערט נאָך מער און צעװאַקלט די לאגע פון די אימפעריאַליסטן אפן מיזרעך און אין דער גאַנצער װעלט.

אינדיע

לויט דער צאָל באַפעלקערונג (350 מיליאָן מענטשן) און לויט אירע נאטור-רײכטימער איז אינדיע דער װיכטיקסטער טײל פון דער בריטישער אימפעריע.

דאָס ראָװ באַפעלקערונג באַשטײט פון פויערים, װאָס געפינען זיך אין א האלב-שקלאַפישער לאגע בא די פריצים. נאָך דער מילכאָמע זײנען שטארק אויסגעװאַקסן אײניקע אינדוסטריע-צענטרען (באָמבײ, קאלקוטא), עס זײנען אויסגעװאַקסן די פראָפארײנען און עס איז געשאַפן געװאָרן א קאָמוניסטישע פארטײ.

אינדיע איז אײנע פון די לענדער, װאָס װערן אַמשטאַרקסטן עקספּלואַ-טירט פון ענגלאַנד.

אינדיע צאָלט יערלעך ענגלאַנד, אלס געהאלט און פענסיע די ענגלישע טשינאָװניקעס און דער פאָליצײ, אלס פארנאָסע פון די אינדוסטריעלער, באַנ-קירן, סאָכרים, 2.200 מיליאָן רופּיס.

אין דערזעלבער צײט געפינט זיך דאָס פויערטום און די ארבעטער אין אומגלויבלעכע באַדינגונגען פון עקספּלואַטאַציע. די אינדוסטריעלע ארבעטער באַקומען דורכשניטלעך 5 קאָפּ. א שאָ, מעטאַליסטן באַקומען פאר א 14 שאָ-קן

אַרבעט־טאָג 30 קאָפּ. דערביי צאָלט מען, אלס קלאַל, די ענגלישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע פיל מער און מע שטעלט זיי נאָך אַף הויך־באַצאָלטע אַרבעטן.

נאָך ערגער איז די לאַגע פונעם אינדישן פויערטום, וואָס שטאַרבט אויס מיליאָנענווייז פון הונגער און קראַנקייטן. פון יעדערע 1.000 קינדער שטאַרבן 600—800 ביזן עלטער פון א יאָר. 80% באַפעלקערונג פון אינדיע לעבט אין ליימענע כאַלופּעס און עסט נאָר איין מאָל א טאָג.

ענגלאַנד האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו האַלטן דאָס לאַנד אין קנעכט־שאַפט און פינצטערניש. 93% פון דער באַפעלקערונג איז ניט גראַמאָטנע. נאָר 4% קינדער גייען אין שול.

דערפאַר אָבער גיט אויס ענגלאַנד אַסאַך געלט אַף אונטערהאַלטן די „אָר־דענונג“, ד. ה. די עקספּלואַטאַציע, אַף מיליטער, פּאָליציי, שפּיאָנען א. א. וו.

אין דערזעלבער צייט קויפט אויס ענגלאַנד די גרויסע פּריצים און פירשט־לעך (ראַדזשעס), קעדיי מיט זייער הילף צו אונטערדריקן דאָס לאַנד, און בלאָזט פאַנאַנדער מיט אַלע מיטלען דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן האַס צווישן די פילצאָליקע פעלקער פון אינדיע.

זי האָט אויך באַקעמפט אינדיע מיט דער הילף פון דער אינדיאַנישער באַפעלקערונג גופא, אויסנוצנדיק דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

די לעצטע יאָרן האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין אינדיע אָנגעהויבן שטאַרק צעוואַקסן. ס'האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט די צאָל און דער פאַר־נעם פון די אַרויסטרעטונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס (שטרייקן, דעמאָנסטראַ־ציעס א. א. וו.).

אין 1927 י. איז אין אינדיע פאָרגעקומען 129 שטרייקן מיט 131 טויזנט אָנטיילנעמער און 2 מיליאָן טעג זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען צוליב די שטרייקן, און אין 1928 י. זיינען שוין פאָרגעקומען 203 שטרייקן מיט א האַלב מיליאָן אָנטיילנעמער און 31½ מיל. פאַרלאָרענע אַרבעט־טעג. באַזונדערס פּראַקטיש איז דורך דער שטרייק פון די באַמבייער טעקסטילער, וואָס האָט זיך געצויגן עט־לעכע כאַדאָשים. אין 1929 י. איז פאָרגעזעצט געוואָרן דער פּראַקטישנטער שטרייק־קאַמף (פון 531 טויזנט אָנטיילנעמער), וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער.

אין 1930 י. איז די באַוועגונג אַוועק בארג אַרוף. אין א ריי שטעט און געגנטן האָבן זיך אָנגעהויבן אופשטאַנדן, מע האָט אָנגעהויבן פאַרכאַפּן די רעגירונג־געביידעס, ס'זיינען פאָרגעקומען עמעסע שלאַכטן קעגן מיליטער און פּאָליציי. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן מאַכנעס „רויטע העמדלעך“. מאַכנעס פון אַרבעטער־שוץ, פּאַרטיזאַנישע גרופּן. ס'איז ברייט אָנגעווענדעט געוואָרן דאָס מיטל פון באָיקאָטירן די ענגלישע מאַכט, ענגלישע סכוירעס א. א. וו.

די אינדישע נאציאנאליסטישע בורזשואזיע, מיט וועלכער ס'פירט אן גאנדי, האט געווארפן דעם לאזונג פון בירגערלעכער אומגעהארכזאמקייט און פאסיוון ווידערשטאנד. גאר פאקטיש זוכט זי וועגן, וויאזוי צונויפצורעדן זיך מיטן ענגלישן אימפעריאליזם. גאנדי האט מער ווי אלץ מוירע פאר א רעוואליוציע. ער איז פאקטיש געווארן א געווער פון די ענגלענדער אין זייער קאמף קעגן די ארבעטער= און פויערים=אופשטאנדן.

מאקדאנאלד'ס „ארבעטער"=רעגירונג צעשיסט די אינדישע ארבעטער און פויערים פון קוילנווארפער און פון עראפלאנען, נאך דער רעוואליוציאנערער קאמף פארשארפט זיך פון טאג צו טאג. די ענגלישע בורזשואזיע און איר מע= שארעס — די „ארבעטער"=רעגירונג — פארשטייען אויסגעצייכנט, אז פארלירן אינדיע הייסט פאר ענגלאנד פארלירן איר מעכטיקייט, אלס בריטאנישע אימ= פעריע. דעריבער וועט זי מיט אלע אכזאריעסדיקע מיטלען דערשטיקן די אינדישע רעוואליוציע.

מע דארף אויך וועגן די אופמערקזאמקייט אף דעם, אז דער קאמף אין אינדיע קומט פאר גלייכצייטיק מיט די רעוואליוציאנערע אנטיאימפעריאליס= טישע אופשטאנדן אין דער דערבייליגנדיקער אינדאָ=כינע (געהערט צו פראנק= רייך) און האָרעס=כינע (וואָס גרענעצט זיך מיט אינדאָ=כינע).

אזוי ארום, איז דער גאנצער דאָרעמדיקער און דאָרעס=מיזרעכדיקער טייל פון אזיע מיט א באפעלקערונג פון אסאך הונדערטער מיליאנען ארומגעכאפט איצט מיט רעוואליוציאנערן ברויז.

אין דעמדאָזיקן קאמף וויזן ארויס די ארבעטער און פויערים זייערע סימ= פאטיעס דעם סאוועטן=פארבאנד.

די „רויטע העמדלעך" טראגן די צייכנס פון „סערפ און האמער". די אינדישע פויערים מעלדן: „אויב דער קאמף קעגן די ווייסע הערשער, קעגן די פריצים, קעגן שטייערן און וווכערניקעס, אויב דער קאמף פאר א שטיקל ברויט, פאר א מענטשלעכן לעבן—הייסט באלשעוויזם, זיינען מיר באלשעוויקעס".

אט אזוי וואקסט און שטארקט זיך אין אזיע דער קאמף קעגן אימפעריא= ליזם.

דער אנוווקס פון די עלעמענטן פון רעוואליוציאנערן אופשטייג

אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער האט זיך איצט אנגעהויבן א נייער אופ= שטייג פון דער רעוואליוציאנערער באוועגונג. א גרויסער איבערבראך אין דער ארבעטער=באוועגונג האט זיך שוין געלאזט באמערקן אין הארבסט 1928 י., ראן ווען ס'האבן זיך פאנאנדערגעשפילט די קאלאסאלע שטרייקן אין דייטשלאנד, פוילן, פראנקרייך.

אין 1929 י. איז דער אופשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער כוואַליע אומע־טום פאָרגעזעצט געוואָרן. אין פראַנקרייך איז אין 1928 י. געווען בא 222 טויזנט שטרייקער, און אין 1929 י. — 470 טויזנט; אין ענגלאַנד איז אין די זעלבע יאָרן געווען 1924 ט. און 532 ט., אין 1930 י. האָט די צאָל שטרייקער געהאַלטן אין איין וואַקסן. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער גרויסער וווּקס פון שטרייקנדיקע אין כינע, אינדיע, אינדאָ־כינע א. אנד. אין כינע, צום ביי־שפּיל, איז אין 1928 י. געווען 400 ט. שטרייקער, און אין 1929—750 טויזנט.

די שטרייקן באַקומען אַלץ אָפטער און אָפטער א גרויסע פּאָליטישע באַדיי־טונג. עס וואַקסט די צאָל שטרייקן אויס סאָלידאַריטעט. די שטרייקן ווערן באַגלייט מיט דעמאָנסטראַציעס, באַוואָפנטן קאַמף מיט פּאָליציי און מיליטער. זיי פאַרכאַפּן גרויסע באַצירקן פונעם ווירטשאַפטלעכן פראָנט.

אין שפּאַניע האָבן די שטרייקן פון 1930 י. געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן־פּאָליטישן כאַראַקטער אַלס פּראָטעסט קעגן רעזשים פון דער דיקטאַטור. אין עסטרייך איז געווען ניט ווייניק שטרייקן קעגן די פאַשיסטן.

דער טאָג פון קאַמף קעגן אַרבעטלאָזיקייט אין לאָנדאָן. די פּאָליציי רײַסט אַרויס די פאָן בא די דעמאָנסטראַנטן

א גרויסן פאַרנעם האָט אָנגענומען די באַוועגונג פון די אַרבעטלאָזע, די אָרגאַניזירונג פון ספּעציעלע קאָמיטעטן פון אַרבעטלאָזיקע, דעמאָנסטראַציעס, אָנטייל פון די אַרבעטלאָזיקע אין דורכפירן שטרייקן א. א. וו.

די טעג פון 1־טן מיי און 1־טן אויגוסט (קעגן מילכאָמע) זיינען דורכגעגאַנגען די יאָרן מיט גרויס דערפאָלג. די מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון ארבעטער אין דיהאָזיקע און אנדערע טעג פון ארבעטער־אַרויסטרעטונגען (6־טער מאַרץ — דער טאָג פון קאַמף קעגן אַרבעטלאָזיקייט) האָבן אָנגענומען אַן אויסשליסלעך־גראַנדיעזן כאַראַקטער. די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן דאָס ערשטע מאָל אין 1929 און 1930 י. דערזען בא זיך אַזעלכע גרויסע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער, וואָס גייען נאָך די קאָמוניסטן.

אומעטום האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט די ווירקונג פון די קאָמ־פּאַרטייען. די דייטשישע קאָמפּאַרטיי וואָס ציילט אָן אין אירע רייען 120 טויזנט מאַן פירט נאָך זיך ביים די איבערוואַלן 3¼ מיליאָן מענטשן, ד. ה. אַז נאָך יעדן קאָמוניסט גייען 28—30 אַרבעטער. און פראַנקרייך זאַמלט אויף די 40 טויזנטיקע קאָמפּאַרטיי בא די וואַלן א מיליאָן שטימען. אין פּוילן, וווּ די פּאַרטיי איז אומלעגאַל, גייט בא די וואַלן נאָך יעדן קאָמוניסט א הונדערט אַרבעטער.

דער וווּקס פון פאַשיזם

אינעם קאַמף פאַר איינהאַלטן איר הערשאַפט באַנוצט די בורזשואַזיע (ווי ס'האָט אָנגעוויזן לענין) אָדער מיטלען פון אָפענעם גוואַלדטאַט, דיקטאַטור, אָדער מיטלען פון אונטערשמייכלען, מיטלען פון „ליבעראַליזם“.

איצט באַנוצט די בורזשואַזיע אַלץ מער די מעטאָדן פון גוואַלדטאַט, פאַ־שיזם, די סיסטעם פון אָפענער דיקטאַטור. פאַר די לעצטע יאָרן איז אין אַסאַך לענדער דורכגעפירט געוואָרן די פאַשיזירונג פונעם מעלוכע־אַפּאַראַט — אין יוגאָסלאַוויע, עסטרייך, רומעניע, פינלאַנד. אויך דייטשלאַנד דערנענטערט זיך צום פאַשיזם. עס פאַרשטאַרקן זיך די פאַשיסטישע קויכעס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, פאַרייניקטע שטאַטן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס הויפּט־אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע אי־נעם אַרבעטער־קלאַס, גייט אויך אַפן וועג פון פאַשיסטישן איבערגעבורט. זי רעדט שוין אָפן וועגן דעם, אַז מע דאַרף די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון פאַרהיטן די בורזשואַזע מעלוכע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער בורזשואַזיע, אַז זייער דייטשישער לידער, לעמאָשל, האָט געמאָלדן, אַז די סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע וועט אין פאַל ווען ס'וועט דראָען א פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע זיין דערפאַר, מע זאָל איינשטעלן אַ בורזשואַזע דיקטאַטור און זי וועט נעמען דעם סאַמע טעטיקסטן אָנטייל אינעם איינשטעלן דיזאָזיקע דיקטאַטור.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז גרייט אַף אַלץ, אבי נאָר איינהיטן דעם קאַפּיטאַליזם און די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

די מילכאָמע-געפאַר

קיינמאָל איז די געפאַר פון א נייער וועלט-מילכאָמע ניט געווען אזוי גרויס, ווי איצט. אַלע בורזשואזע לענדער גרייטן זיך שטאַרק צו א מילכאָמע. אין דער צייט פון וועלט-קריזיס בליט אומעטום אין אַלע לענדער נאָר איין צווייג פון דער אינדוסטריע — דער מיליטערישער.

וועגן דערדאָזיקער צוגרייטונג צו א מילכאָמע ריידן קלאָר ציפערן.

די גרויס פון די אַרמייען בא די פינף וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער (פאַריייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַניע און איטאַליע) איז פון 1913 י. ביזן 1929 י. געוואַקסן פון 1.846 טויזנט ביז 2.145 טויזנט. זייערע מיליטער-ביודזשעטן זיינען אויסגעוואַקסן פון 2⅓ מיליאַרד גאָלד-רובל אין 1913 ביז 5,7 מיליאַרד אין 1930 י. פראַנקרייך, פוילן, רומעניע גיבן אויס אַף צוגרייטן זיך צו דער מילכאָמע פון ⅓ ביז ½ פון די מעלוכע-איינקונפטן. אין 1928 י. איז אַף יעדער נעפעש פון דער באַפעלקערונג אויסגעקומען מיליטער-הויצאָעס: אין ענגלאַנד — 23 ר., אין פראַנקרייך — 18 ר., אין פסס״ר — 5 ר.

די לופט-פלאָטן האָבן זיך פאַרגרעסערט לעגאַבע דעם 1914 י. אין 10—12 מאָל. פראַנקרייך, למשל, האָט אין 1914 י. געהאַט 138 עראָפּלאַנען, אצינד האָט זי 5.200.

פאַר דער לעצטער צייט וואַקסט אויך די צאָל און די גרויס פון מיליטער שיפן, די צאָל טאַנקען, די מיטלען פון כעמישער שוץ א. א. וו.

מע דאַרף נאָך פאַרצייכענען, אז איינציייטיק ווערט אויך פאַרבעסערט די מיליטערישע טעכניק — די באָמבע-פירער קאָנען איצט פאַרכאַפּן אסאַך מער באָמבעס, אייִדער פריער, איין באָמבע קאָן כאָרעוו מאַכן עטלעכע קוואַרטאַלן, די קוילנוואַרפער לאָזן ארויס מער קוילן אין א מינוט, די נייע האַרמאַטן שיסן אסאַך ווייטער, אייִדער די פריערדיקע, די טאַנקען באַוועגן זיך מיט א גיכקייט פון 60—100 קילאָמעטער אין א שאָ א. א. וו. די נייע מילכאָמע וועט דערייבער מיט באַזונדערס שווערע אויפרייסלונגען און כורבונעס און מיט אומגעהויערע מענטשלעכע קאָרבאָנעס.

קעדיי צו פאַרדעקן זייער מילכאָמע-צוגרייטונג, קלייבן צונויף די אימפּעריאַליסטן פון צייט צו צייט אָנטוואָפענונג-קאָמיסיעס, אָבער די דאָזיקע קאָמיסיעס פון דער פעלקער-ליגע זיינען בלויז א פּאָשעטע שירמע. ווען די ראַטן-רעגירונג האָט אהינצו אַריינגעטראָגן איר פּראָיעקט פון ווירקלעכער אָנטוואָפענונג, האָבן אים די מעלוכעס באַגראָבן.

די אימפּעריאַליסטן פירן א מילכאָמע אין כינע, ניקעראַגוואַ, און האָנדוראַס, אז די פעלקער-ליגע האָט צו די דאָזיקע מילכאָמעס קיין שום שייכעס ניט. און עמעס טאַקע, די פעלקער-ליגע האָט קיינמאָל אפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן קעגן די מילכאָמעס, וואָס ווערן געפירט אין די קאָלאָניעס.

כאַראַקטעריזירנדיק די לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און די גאַנג פאַר פון אַ מילכאָמע האָט סטאַלין אפן XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר געמאַכט אַזאַ אויספיר:

„וועגן וואָס ריידן דידאָזיקע פאַקטן?

וועגן דעם, אַז צו דער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם קומט אַ סאָף.

וועגן דעם, אַז דער אופשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג וועט אָנוואַקסן מיט אַ נייער קראַפט.

וועגן דעם, אַז דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס וועט איבערוואַקסן אין אַ גאַנצער ריי לענדער אין אַ פּאָליטישן קריזיס.

דאָס הייסט, ערשטנס, אַז די בורזשואַזיע וועט זוכן אַן אויסוועג פון דער לאַגע אין דער ווייטערדיקער פאַשיזירונג אינעם געביט פון אינערלעכער פּאָליטיק, אויסנוצנדיק צוליב דעם אַלע רעאַקציאָנערע קויכעס, דערין אויך די סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

דאָס הייסט, צווייטנס, אַז די בורזשואַזיע וועט זוכן אַן אויסוועג אין אַ נייער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און אינטערווענץ אינעם געביט פון אויסערלעכער פּאָליטיק.

דאָס הייסט, ענדלעך, אַז, קעמפנדיק קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און דער מילכאָמע-געפאַר, וועט דער פּראָלעטאַריאַט זוכן אַן אויסוועג אין רעוואָליוציע“.

3. פסס״ר אין דער אַרומרינגלונג פון די קאַפּיטאַ-ליסטישע מעלוכעס

די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען

פסס״ר ווערט די הויפּט-געפאַר פאַרן אימפּעריאַליזם. בא אונדז האָט מען געמאַכט אַ טעל פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און מע בויט דעם סאָציאַליזם. אונדזער ביישפּיל גיט דעם פּראָלעטאַריאַט און די אונטערדריקטע פעלקער אַ גלויבן, אַז אויך פאַר זיי איז ניט ווייט דער ניצאָכן. אונדזער פּאַרטיי איז די אָנפירנדיקע פּאַרטיי פון קאָמינטערן. די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס וואָלטן מיט פרייד געוואָלט זען אונדזער סאָף.

אָבער איצט זיינען פיל קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס געצוווּנגען אונטערצו-האַלטן מיט אונדז עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַציונגען. פאַרוואָס?

פאַר די אייראָפּעישע מעלוכעס איז פסס״ר אַ וויכטיקער מאַרק אָף איינצו-קויפן רויוואַרג און ברויט און אָף אָפּזעצן זייער פּראָדוקציע. אין דער פאַרמיל-כאָמע-צייט פלעגט רוסלאַנד צושטעלן אָף די אייראָפּעישע מערק העכער אַ

פערטל פון אלע ברויט־פראָדוקטן, וואָס ווערן אריינגעפירט אין אייראָפּע, בא א פערטל געהילץ־מאטעריאל, 40 פּראָצענט פלאקס א. א. וו.

טמעס, איצט האָבן זיך דיזהאָזיקע צאָלן באַדייטנד פארקלענערט, קיין ברויט האָבן מיר פאר די לעצטע יאָרן ניט ארויסגעפירט אָבער האָד אנטוויקלט אונדזער פארבאנד זיין עקספּאָרט און האָט פאר אייראָפּע רייצנדיקע פּערספּעק־טיוון, אדאנק אונדזער שעפע פון אלע מינים רויוואַרג — גאָפּט, קוילן, מארגאנעץ, פּלאטינע, געהילץ, רויכוואַרג, פיצוכט־פּראָדוקטן, לאַנדווירטשאפט־לעכע א. א. וו.

פון דער אנדער זייט, זיינען מיר גאנץ לוינבארע קוינים. פאר אונדזער אינ־דוסטריע און לאנדווירטשאפט זיינען אונדז נויטיק מאשינעס און אויסשטאטונג, קאָלערליי רויוואַרג (בוימוואָל, קאוטשוק), וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן, אויס־שטאַטונג פאר די עלעקטרישע סטאַנציעס, טראַקטאָרס, אוטאָמאָבילן א. אַנד., א. אַנד.

אף וויפל מיר פירן די אופשטעלונג און רעקאָנסטרוקציע פון דער אינדוסטריע אין אן אָנגעשטרענגטן טעמפּ, וועלן אונדזערע באַשטעלונגען אין אויסלאַנד אינעם גאָענטסטן פעריאָד אלץ מוזן וואקסן.

פאר אונדז איז די ווירטשאפטלעכע פארבינדונג אויך זייער וויכטיק. אָן איר וואָלטן מיר איצט ניט געקאָנט באנייען די אויסשטאטונג פון דער אינדוסטריע, אופהויבן די לאַנדווירטשאַפט א. א. וו. מיר פארקויפן האָד איצט אין אויס־לאַנד קאָלערליי סכוירעס אומגעפער אַף אַ האַלבן מיליאַרד גאָלד־רובל.

יעטווידער פארגרעסערונג פונעם עקספּאָרט גיט אונדז א מעגלעכקייט צו קויפן אין אויסלאנד מער מאשינעס און דערמיט פארגיכערן די איבעראויסשטא־טונג פון דער אינדוסטריע. בוץ דעם דערלויבט דאָס אונדז צו פארגרעסערן אונד־זערע גאָלד־רעזערוון אין לאנד.

אין די יאָרן 1926—1927 האָבן מיר אַרויסגעפירט מער, איידער אַריינגעפירט, אף 58 מיליאָן רובל, ד. ה. מיר האָבן אַף דעהזאָזיקער סומע פארגרעסערט אונד־זער געלט־רעזערוו. אין 1927—1928 האָבן מיר, פארקערט, אַרויסגעפירט ווי־ניקער, איידער אַריינגעפירט, אַף 166 מיליאָן רובל. אין 1928—1929 ווירט־שאַפט־יאָר האָבן מיר ווידער געקאָנט ארויספירן מער איידער אַריינפירן.

די אייגנטימלעכקייט פון אונדזער אויסערן האנדל איז דאָס, וואָס מיר טרעטן אַרויס פאר אויסלאַנד אין אן איינהייטלעכן פראָנט און פירן די געשעפטן בלויז דורך אונדזער האנדלס־פּאָרשטייערשאפט. דערין איז דער מעהום פון דער מאָנאָפּאָל פונעם אויסערן־האנדל. די ראטן־מע־לוכע טרעט ארויס אלס אן איינהייטלעכער פארקויפער און קוינע (מאָנאָפּאָליסט). קיינער קאָן ניט קויפן פאר פסס"ר אָדער פארקויפן אונדזערע סכוירעס אבוץ דעם האנדלס־קאָמיסאריאט. אויסמיידנדיק דעריבער די קאָנקורענץ פון אונדזערע

אָרגאנען צווישן זיך, קאָנען מיר זיך דערשלאָגן בעסערע פרייזן און האלטן פעסט די פרייזן אף אונדזערע סכוירעס.

די מאָנאָפאָל פונעם אויסערן־האנדל היט אָפּ אונדזער גאנצע ווירטשאפט פון קאפיטאליסטישן אריינדרינגען, דעריבער טאקע קעמפן די אויסלענדער אזוי פארביטערט קעגן דערדאָזיקער מאָנאָפאָל.

קאָנצעסיעס

פאַר דער מילכאָמע איז אין דער רוסישער אינדוסטריע אריינגעלייגט געווען באַ אַנדערהאַלבן מיליארד גאָלד־רובל אויסלענדישע קאפיטאלן. נאַציאָנאַליזירנדיק די אינדוסטריע, האָבן מיר פארניכטעט די רעכט פון די אויסלענדער אף דידאָזיקע קאפיטאלן. עמעס, די קאפיטאליסטישע מעלוכעס טוען פון צייט צו צייט אַ שמועס מיקויעד די פרעטענזיעס פון געוועזענע אויסלענדישע באַזיצער פון דאָנעצער שאכטעס אָדער פון אוראַלער זאַוואָדן, אָבער מיר קלייבן זיך ניט אָנערקענען דידאָזיקע פרעטענזיעס.

מיר זיינען אָבער פארינטערעסירט, אַז די אויסלענדער זאָלן איצט אריינלייגן זייערע קאפיטאלן אין אונדזער אינדוסטריע — באַזונדערס אין יענע צווייגן אָדער אין יענע ראַיאָנען, ווו אונדז אַליין איז איצט שווער צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע. כוץ דעם, איז אונדז וויכטיק, אַז די אויסלענדער זאָלן אָרגאַניזירן די אונטערנעמונגען אפן פארפולקומסטן אויפן: מיט די בעסטע מאשינעס, מיט די בעסטע אינזשענערן, און אַזוי ארום זאָלן זיי אונדז לערנען אַוועקשטעלן דעם ביניען אף א מוסטערהאפטן, פון טעכנישן שטאנדפונקט, אויפן.

צוליב דעמדאָזיקן צוועק האָט די ראַטן־רעגירונג אָפּגעגעבן די אויסלענדער עטלעכע קאָנצעסיעס (מיר וועלן אָנרופן, לעמאָשל, די קאָנצעסיע אף די פיש־געווערבן אין פרימאָריע — באַ די יאַפּאָניער, די קאָנצעסיע „לענא־גאָלד־פילד“ אף די לענער גאָלד־פעלדער און אַנדערע).

לויט די קאָנצעסיע־אָפּמאכן ווערן דידאָזיקע ערד־גרובן אָדער זאַוואָדן אָפּגעגעבן אין ארענדע די אויסלענדער אף 30—50 יאָר. די קאָנצעסיאָנערן פארפליכטן זיך צו צאָלן אונדז אַ באַשטימטן געצאָלט (געוויינלעך אַ % פונעם אַלגעמיינעם ארויסבאַקום אָדער פון דער אויסאַרבעטונג), אריינלייגן באַשטימטע קאפיטאלן, אויסבויען זאַוואָדן, אריינפירן אויסשטאַטונג א. אַנד.

נאָכן סאָף פונעם טערמין גייען אַריבער די קאָנצעסיעס מיט אַלע אויסגעבויטע זאַוואָדן און אייזנבאנען אין פולשטענדיקן באַזיץ פון דער ראַטן־רעגירונג.

אַזוי ארום ברענגען די קאָנצעסיעס אונדזער אינדוסטריע און דער גאַנצער ווירטשאפט אַ בעפייערעשן נוץ. דאָס איז אויך איינע פון אונדזערע ווירטשאַפט־לעכע פאַרבינדונגען מיט דער קאפיטאליסטישער וועלט.

מע דאַרף באַמערקן, אַז אייניקע קאָנצעסיאָנערן האָבן אָנגעהויבן ניט אויס־פּילן די אָפּמאַכן און האָבן ביכלאַל נעפּרוווט שטערן דער אַרבעט פון די אונ־טערנעמונגען. דעריבער איז אויסגעקומען אייניקע אָפּמאַכן מיט די קאָנצעסיאָ־נערן באַטל מאַכן.

די פּאָליטישע פאַרבינדונגען

די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען געווען פאַרינטערעסירט אָנצוהויבן מיט אונדז אַ האַנדלס־אויסטויש, דעריבער איז זיי נויטיק געווען איינצושטעלן מיט אונדז אויך פּאָליטישע פאַרבינדונגען. לעכאַטבילע האָבן זיי אונדז אָנערקענט פאַר אַ פאַקטישער רעגירונג, ד. ה. אַלס רעגירונג, וואָס פירט אָן אין דער ווירק־לעכקייט („דע־פאַקטאָ") מיטן לאַנד. נאָכדעם האָט מען אונדז אָנערקענט אויך אַלץ געזעצלעכע רעגירונג, וואָס שטייט מיט רעכט („דע־יורע") בא דער מאַכט.

איצט האָבן בא 25 רעגירונגען איינגעשטעלט מיט אונדז אַזוינע שטענדיקע פאַרבינדונגען. מיר האָבן אין דיראָזיקע לענדער אונדזערע פולמעכטיקטע פאָר־שטייער, זיי האָבן בא אונדז זייערע געזאַנדטע. פון די גרויסע מעלוכעס האָבן ניט קיין פּאָליטישע פאַרבינדונגען מיט אונדז די פאַרייניקטע שטאַטן. פון די קלענערע מעלוכעס האָבן מיט אונדז ניט אויפגעשטעלט קיין פאַרבינדונג: שפּאַניען, רומעניע, באָלגאַריע, יוגאָסלאַוויע, האָלאַנד, בעלגיע און אייניקע אַנדערע.

מע דאַרף פאַרצייכענען, אַז דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט אונדז אָנערקענט, איז געווען אַפגאַניסטאַן. ביכלאַל געפינען מיר זיך מיט דעמדאָזיקן לאַנד, פונקט אַזוי ווי מיט אייניקע אַנדערע מיזרעך־לענדער (לעמאָשל, מיט טערקיי), אין פריינטלעכע באַציונגען.

נאָכדעם ווי מיר האָבן איינגעשטעלט נאָרמאַלע באַציונגען מיט די אויס־לענדישע מעלוכעס שטרעבן מיר צו דערשלאָגן זיך פעסטע גאַראַנטיעס, אַז זיי וועלן ניט אונטערשטיצן קיין פיינטלעכע אַקציעס קעגן אונדז און וועלן ניט אָנהויבן קיין מילכאָמע. דעריבער האָבן מיר פאַרגעלייגט אַלע לענדער אונטער־צושרייבן אָפּמאַכן וועגן ניט אָנפאַלן. אייניקע מעלוכעס (לעמאָשל, דייטשלאַנד, טערקיי, ליטע) האָבן אונטערגעשריבן אַזוינע פאַרפליכטונגען, אָבער א ריי אַנדערע דרייען זיך אויס אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, האַלטנדיק פאַר בעסער צו האָבן פרייע הענט (פוילן, לעטלאַנד, פינלאַנד א .אנד.). עמעס, זיי האָבן צוזאַמען מיט אונדז געכאַסמעט דעם „מאָסקווער פּראָטאָקאָל". ס'איז אָבער קלאָר, אַז דיראָזיקע „פּראָטאָקאָלן" ראַטעווען אונדז נאָך ניט פון מילכאָמע.

אין אונדזער אויסערן־פּאָליטיק שטרעבן מיר צו פאַרפעסטיקן פריינטלעכע פאַרבינדונגען צווישן די פעלקער און מיטהעלפן די האַנדלס־באַציונגען, וואָס זיינען נוצלעך פאַרן ווירטשאַפטלעכן וווקס פון פּסס"ר, מיר פירן אַ ענערגישן

קאַמף פאַר פאַרשטאַרקן דעם שאָלעם און מיר שטיצן אַלע מאָסמיטלען, וואָס זיינען הערצו געצילט.

אונדזער דיפּלאָמאַטיע קומט אויס צו פירן איר אַרבעט באַ קאָלאָסאַלע שוועריקייטן און געפאַרן. אַ ריי דיפּלאָמאַטן אונדזערע (וואָראָווסקי, וואָיקאָוו) זיינען אומגעקומען פון די קוילן פון נעדונגענע מערדער.

דער קאַמף קעגן פּסס"ר

אונדזערע פרידלעכע פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע באַציִונגען מיט די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס דאַרף מען באַטראַכטן בלויז אַלס צייטווייליקע, אַלס אַ געוויסן אָטעם-איבערכאַפּ. עס איז קלאָר, אַז די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס דולדן אונדז נאָך דערווייל בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך נאָך ניט אָנגענומען מיט קויכעס און זיינען ניט זיכער אינעם לייכטן גיצאָכן איבער אונדז.

אָבער די גאַנצע פּאָליטיק פון דער מערהייט פון דידאָזיקע מעלוכעס באַשטייט אין צוגרייטן אַן אָנפאַל אַף אונדז.

זיי זעען קלאָר, אַז דער האַנדל מיט אונדז, וואָס לוינט זיך, עמעס, אויך פאַר זיי, פירט צו אונדזער ווייטערדיקער פאַרשטאַרקונג. שוין איצט שטעלן מיר אוף אונדזער אינדוסטריע אַסאַך שנעלער, איידער אין אייראָפּע. אונדזער אינדוסטריע, לעמאָשל, האָט פאַרגרעסערט איר פּראָדוקציע פאַר די לעצטע יאָרן אַף 25—30 פּראָצענט אַ יאָר, און אין מיירעוו איז דערדאָזיקער וווּקס בלויז עטלעכע פּראָצענטן. דער פינפיאָר-פּלאַן, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַנטאַסטיש, פּזור וואַזא, וואָס קאָן אויסגעפילט ווערן בלויז אין 50 יאָר, ווערט באַ אונדז אויסגעפילט אין 4 יאָר.

כוץ דעם, זעען די קאַפּיטאַליסטן, אַז באַזונדערס פאַרשטאַרקט זיך גראָד דער סאָציאַליסטישער טייל פון אונדזער פאָלק-ווירטשאַפט (די אינדוסטריע, דער טראַנספּאָרט, די קאָאָפּעראַציע, די קאָלווירטן, ראַטווירטן א. אַגד.), ד. ה. באַ אונדז ווערט ווירקלעך פאַרפעסטיקט דער סאָציאַליזם.

דאָס דערפאָלגרייכע אויספילן דעם פינפיאָר-פּלאַן וועט אונדז מאַכן ניט נאָר פאַר איינעם פון די שטאַרקסטע אינדוסטריעלע לענדער אין דער וועלט, נאָר דאָס וועט אונדז אויך מאַכן פאַר אַ מעכטיקן ברויט-פאַרקויפער אפן וועלט-מאַרק. די קאַפּיטאַליסטן קוקן אַף אונדז מיט סינע און האַס, ווי אַף די געפערלעכסטע קאָנקורענטן אַף אַלע מערק פון דער וועלט.

ענדלעך, קאָנען זיי שוין ניט אָפּלייקענען, אַז מיר פירן איין דעם 7-שעיקן אַרבעט-טאָג, ביים אַלע מעלוכעס פאַרלענגערן דעם אַרבעט-טאָג, אַז דער אַר-

בעטלוין וואַקסט בײַ אונדז, און אונדזער אַרבעטער האָט זיך גענומען דערנערן און קליידן בעסער א. א. וו.

האָס איז אַ צו געפערלעכער בײַשפּיל פאַרן אייראָפּעישן אַרבעטער. די אימפּעריאַליסטן פאַרשטייען, אַז אויב מיר וועלן אַזוי וואַקסן אויך אַף ווייטער אָן אַ מילכאָמע — וועלן מיר באַווייזן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ נאָך מעכטיקערע סאָציאַליסטישע מעלוכע. זיי איילן זיך דעריבער וואָס גיכער צו בילדן אַ בלאָק (בונד) קעגן אונדז, קעדיי דורך אַ מילכאָמע, דורך בלאָקאַדע און אינערלעכע שווערקייטן אָרונטערצורייסן אונדזער אַנטוויקלונג, קעדיי אַף אונדזער כעזשבן פּאַטער ווערן פון זייערע אייגענע שווערקייטן.

די הויפּט-איניציאַטאָרן אין שאַפן אַ בונד קעגן אונדז איז געווען די רעגירונג פון די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן (די פּאַרטיי פון די גרויסע באַנקירן, אינדוסטריעלער און גוט-באַזיצער). דיזאָזיקע פּאָליטישע גרופּע האָט באַזונדערס פאַר אונדז מוירע, ווייל זי ציטערט פאַר אונדזער איינפלוס אפן מיזרעך. זי ווייס אַף אויב דער אופשטאַנד פון אירע אַזיאַטישע קאָלאָניעס (באַזונדערס אינדיע) וועט זיין דערפאָלגרייך, וועט גענומען אַ סאָף צו איר מאַכט. אַנשטאָט דער בריטישער אימפּעריע מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 400 מיליאָן מאַן, וועט בלייבן בלויז ענגלאַנד מיט 50 מיליאָן מאַן.

אַקשאָנעסדיק האָט ענגלאַנד זיך אונטערגעזוכט פאַרבינדעטע, וואָס זאָלן נאָר מאַסקים זיין צו גיין אין שלאַכט קעגן אונדז. אַזוי ווי זי האָט לויט איר געוווינהייט ליב צו פירן אַ מילכאָמע מיט פרעמדע הענט (אפילע אינדיע האָט זי דערהאָבערט מיט דער הילף פון אָרטגעבירטיקן מיליטער, צעפלאַקערנדיק די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע סינע), האָט זי באַזונדערס אויגערעכנט אַף דער הילף פון פּוילן, עסטלאַנד, לעטלאַנד, רומעניע א. אַנדערע מעלוכעס, וואָס גרענעצן מיט אונדז.

נאָך דעם, ווי ס'איז געפאַלן די קאָנסערוואַטאָרן-רעגירונג, האָט זיך בײַ דער מאַכט געשטעלט די אַרבעטער-פּאַרטיי. די נייע רעגירונג האָט באַגייט די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט אונדז. ענגלאַנד'ס קאַמף קעגן אונדז איז שוואַכער געוואָרן, נאָ רדערפאר זעצט פאָר נאָך מיט א גרעסערער קראַפט דעם קאַמף קעגן אונדז די פראַנצויזישע בורזשואַזיע, וועלכע באַוואָפנט קעגן אונדז אי פּוילן, אי רומעניע, אי לעטלאַנד.

אין 1929 יאָר האָבן די אימפּעריאַליסטן געמאַכט אַ פּרווו אַריינציען אונדז אין אַ מילכאָמע. די כינעזישע גענעראַלן האָבן אונטער זייער דרוק פאַרכאַפּט די מיזרעך-כינעזישע אייזנבאַן-ליניע. מיר האָבן זיך ניט געלאָזט אַף דער פּראָוואָקאַציע. אונדזער רויטער אַרמיי האָט באַוויזן פאַרטיידיקן אונדזער גרענעץ און

געבן די כינעזישע גענעראַלן און ווייסגוואַרדייִשע באַנדעס אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן אַלע זייערע פּאָזיציעס און אומגעקערט אונדז דעם וועג.

די אימפּעריאַליסטן האָבן זיך אָפּ דעם ניט באַרויִקט. מיט דער הילף פון פראַנקרייך האָט זיך אין רומעניע אומגעקערט און דערקלערט זיך פאַר א

די מיליטער-טייל פון דער באַזונדערער ווײַטמיזרעכדיקער אַרמיי אָף אַפּרו

קעניג דער פאַרטריבענער קעניג קאַרל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע פאַרשטאַרקן די רומענישע אַרמיי.

ער מאַכט ניט קיין סאָד, אַז ער גרייט זיך צו אַ מילכאָמע קעגן פּסס"ר. די פראַנצויזישע גענעראַלן האָבן זיך גענומען רעאָרגאַניזירן און לערנען זיין אַרמיי. ענגלישע אַדמיראַלן העלפן רומעניע אויסבויען אַ מיליטערישן פלאָט און האַפן.

אין פינלאַנד האָבן די פאַשיסטן באַהערשט דאָס לאַנד און פירן זיך אויף אַרויסרופעריש בענגעייע פּסס"ר.

אין פוילן גרייטן זיך אָפּן די פילסודסקיעס צו אַ מילכאָמע קעגן אונדז. די פוילישע פּרעסע באַהאַנדלט פלענער וועגן צעטיילן אוקראַינע און וועגן אַ נייער גרענעץ אָף מיזרעך. די פּראָוואָקאַציעס קעגן אונדזער געזאַנדטשאַפט אין וואַרשע הערן ניט אויף.

די אימפּעריאַליסטן גרייטן זיך אָנפאַלן אָף אונדז מיט דער הילף פון דעם מיליטער פון די גרענעץ-מעלוכעס און פרוּוון זיך געבן אונדז אַ טויט-קלאַפּ.

נאָר דער קאַמף פון די אימפעריאַליסטן קעגן אונדז באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס זיי ווילן אָנהויבן אַ מילכאָמע קעגן אונדז. זיי פרוּוון זיך אונטעררייסן אונדזער קראַפט מיט קאָלערליי מיטלען. זיי גיבן אונדז ניט קיין קרעדיטן, זיי פאַרשווערן אונדזערע פינאַנץ-אָפּעראַציעס, זיי באָיקאָטירן אָדער דערלאָזן ניט אונדזערע סכוירעס, זיי העלפן די יעניקע, וואָס מאַכן פאַלשע טשערוואָנצעס אָף אונטערצורייסן אונדזער וואַליוטע, זיי שטיצן אַלע פיינטלעכע קויכעס און אָרגאַניזאַציעס (ווייס-עמיגראַנטישע א. אַנד.), דורך כאַבאַר, מיט דראָונגען און פּראָוואָקאַציעס פרוּוון זיי צעשטערן אונדזערע אַפּאַראַטן אין אויסלאַנד. זיי פירן דורך דער פּרעסע אַ פאַרביסענע, רעכילעסדיקע קאַמפּאַניע קעגן דעם לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, זיי גרייטן און פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע פאַלשע דאָקומענטן קעגן אונדז, זיי נעמען אָף זייער אויסהאַלטונג פאַרשיידענע אויסוואָרפן, וועלכע מיר יאָגן אַרויס פון סאָוועטישע אַמטן, זיי סובסידירן יעדער מין שעדיקעריי, וואָס קומט פאָר באַ אונדז אין לאַנד.

מיט איין וואָרט, — די בורזשואַזיע באַנוצט אַלע מיטלען אָף צו אופרייסן און פאַרניכטן די אַרבעטער-מעלוכע, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם מיט אַזאַ דערפאָלג.

די וועלט-געשיכטע איז איצט אין אַן איבערבראָך-מאָמענט. פסס"ר געפינט זיך אין אופשטייג, דאָס לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פאַרשטאַרקט זיך שנעל און בויט אַ מעכטיקע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. אין דערזעלבער צייט האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַ קער געטאָן צו עקאָנאָמישער יערידע, צו אַ גרינטלעכן קריזיס, צו נייע שווערע אופטרייסלונגען.

באַ אַזעלכע באַדינגונגען איז די עקזיסטענץ פון פסס"ר און די פאַרשטאַרקונג זייַנע די גרעסטע דראָונג פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דאָס דערווייזט, אַז אָנשטאָט קאַפּיטאַליזם קומט אָן אַ נייע אָרדענונג, וואָס האָט זיך שוין פאַרפעסטיקט אין איין זעקסטכיילעק פון דער וועלט.

מיר דאַרפן וויסן, אַז די אימפעריאַליסטן וועלן אומפאַרמיידלעך וואַרפן זיך אין שלאַכט קעגן אונדז און וועלן אָנבינדן אַ מילכאָמע. פאַרשטאַרקנדיק אונדזערע פאַרבינדונגען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, דאַרפן מיר דעריבער שטענדיק זיין אָף דער וואַך. די אימפעריאַליסטן קאָנען אָנהויבן קעגן אונדז אַ מילכאָמע יעדן מאָמענט.

זייַ גרייט!

די וועלט-רעוואָליוציע וועט זיך צונויפגיסן פון צוויי שטראָמען: פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אין אייראָפּע און אַמעריקע און פונעם באַפרייונגס-קאַמף פון די פעלקער, וואָס דער קאַפּיטאַליזם דריקט און שטיקט זיי (אינדיע, כינע, אינדאָנעזיע, אַפריקע א. אַנד.). אין אָט די לענדער איז די

הויפט=מאַסע באַפעלקערונג דאָס פויערטום. אין אַ היפשן טייל טראָגן זיי אַף זייערע פלייצעס דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג. דער פראָלעטאַריאַט איז אין דידאָזיקע לענדער ניט קיין גרויסער, אָבער ער הויבט שוין אָן צו שפילן די ראָלע פון א פירער פון דער פויערשער באַוועגונג. פונקט ווי באַ אונדז אין לאַנד האָט זיך דער פראָלעטאַריאַט דערשלאָגן אַ ניצאָכן דורך דעם, וואָס ער האָט געפירט נאָך זיך דאָס אָרעמסטע פויערטום, אַזוי פירט אָן דער פראָלעטאַריאַט מיטן קאַמף פונעם פויערטום אויך אין די רעוואָליוציאָנערע וועלט=שלאַכטן.

דער אַרבעטער=קלאַס פון אונדזער פאַרבאַנד דאַרף אויפמערקזאַם אַכטונג געבן אַף דיהאָזיקע שלאַכטן פון זייַנע כאַווירים אין ברידער אין די איבעריקע וועלט=טיילן. די קאַפיטאַליסטן גרייטן אַ מילכאָמע קעגן אונדז. זיי ווילן דערשטיקן אין דער גאַנצער וועלט די אַרבעטערשע און פויערשע באַוועגונג, וואָס איז געצילט קעגן דער עקספלואַטאַציע, קעגן דעם אימפעריאַליזם, קעגן נייע מילכאָמעס.

יעדער פראָלעטאַריער דאַרף געדענקען, אַז בלויז אין ענגן בונד מיטן וועלט=פראָלעטאַריאַט און מיט די אונטערדריקטע פעלקער פון מיזרעך וועלן מיר זייַן בעקויעך צו פאַרטיידיקן אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד און אָפהאַלטן אַ פול=שטענדיקן ניצאָכן איבער דער הערשאַפט פון עקספלואַטאַציע.

עס איז נאָענט די שאָ פון אַנטשיידענעם שלאַכט. זיי גרייט!

קאָנטראָל-פראַגן

1. וועלכע אויפגאַבן שטייען פאַר די קאָמפאַרטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מילכאָמע=געפאַר, און באַזונדערס מיט דער געפאַר פון אַן אימפעריאַליסטישער אינטערווענץ אין פסס"ר?
2. פאַרוואָס איז איצט די רעכטע געפאַר די הויפט=געפאַר אין קאָמינטערן?
3. וועלכע מיטעס פאַרערגערן איצט אונדזער צווישנפעלקערלעכע לאַגע?
4. פאַרוואָס איז באַם אימפעריאַליזם אומפאַרמיידלעך א מילכאָמע?
5. אין וואָס באַשטייט די צוגרייטונג פון די אימפעריאַליסטישע לענדער צו מילכאָמעס?

פראַקטישע פאַרגעבונגען

1. זאָל דער פראָפאַגאַנדיסט אָרגאַניזירן, אַז די צוהערער זאָלן דערלערנען די גאַנצע אַרבעט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אַף די אונטערנעמונגען איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג פון די אַרבעטער=מאַסן (קאָמפאַניעס פאַר צווישנפעלקערלעכער פראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, פאַרטראַגן אַף צווישנ=פעלקערלעכע טעמעס, אויפקלער=אַרבעט וועגן דער מילכאָמע=געפאַר פון די פאַר=

טיישע אָרגאַניזאַציעס, קלובן, פּאַבקאָמען א. א. וו., קלאָר מאַכן די שטימונגען פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט א. ד. גל.). דעם צענויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל באַהאַנדלט אויף די לימודים, די אויספירן און ווינטשן פון די צוהערער ניט איבער דער ביוראָ פון קעמערל.

ליטעראַטור

1. לענין. — „פינף יאָר רוסלענדישע רעוואָליוציע און די פּערספּעקטיוון פון דער וועלט־רעוואָליוציע". לענין־ביבליאָטעק, ב. VII, ט. 2, (יידישע אויס־גאַבע), ז"ז. 73—88.

2. פּראָגראַם פון קאָמינטערן. VI פּאַנאַנדערטייל, פּאַראַג־ראַף 2: „די גרונט־אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק". (דער גאַנצער פּאַראַגראַף).

3. די כ"ב סטאַליבס און מאָלאָטאָווס פּאָרטראַגן אויפן XVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

ווערטער-טייטש

אָבשטשינא — ערד-געמיינדע — אזא אָרגאניזאציע פון פויערשן ערד-באַנוץ, וואָס בײַ איר איז די ערד דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון אַלע מיטגלידער און געפינט זיך בלויז צייטווייליק אין דעם באַנוץ פון די אינדיווידועלע פויערים.

אגראַרער — וואָס האָט אַ שייכעס צו ערד-באַזיץ, צו ערד-באַנוץ, בכלל צו ערד-פאַרהעלטענישן.

אַגראַרע באַוועגונג — אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס דער ציל איר איז צו ענדערן אָדער איינצוהיטן די ערד-פאַרהעלטענישן און די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די פאַרשיידענע שיכטן פויערטום (לאַנד-ווירטן) און דעם פּאָליטישן רעזשים, וואָס איז פאַרבונדן מיט די דאָזיקע פאַרהעלטענישן. לויטן קלאַסן-אינהאַלט קאָן די דאָזיקע באַוועגונג טראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן אָדער אַ רעאַקציאָנערן אינהאַלט. אין דײַטשלאַנד, למשל, פאַרטיידיקט די אגראַרע גרופּע (פּאַרלאַמענטישע פּאַרטיי) די אינטערעסן פון די גוטס-באַזיצער און פון די רײַכע פויערים און איז אָנהענגער פון דער מאָנאַרכיע. אין אונגאַרן פאַרטיידיקט די פּאַרטיי פון די אגראַרע דעמאָקראַטן די אינטערעסן פונעם קליינפויערטום, דאָרט איז זי קעגן דער אופשטעלונג פון דער מאָנאַרכיע.

אין צאַרישן רוסלאַנד האָט די אגראַרע באַוועגונג געטראָגן אַ שאַרף-אויסגעדריקטן רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער (דער קאַמף פון די פויערים קעגן די פּריצים).

אַוואַנגאַרד — פאָרגעשריטענער טייל, פאָדערשטע מחנה. גיין אין אַוואַנגאַרד הייסט גיין פאָרויס. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער-קלאַס, דאָס הייסט, דער פאָרגעשריטענער, דער סאַמע באַוווסטזיניקער דיסציפּלינירטער טייל זײַנער.

אַוואַנטיוריזם — אַ נטיע צו אויסערגעוויינלעכע ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, צו אומבאַגרינדעטע, ניט דורכגעטראַכטע אויספירן אָדער אַקציעס. אַוואַנטיוריזם אין דער פּאָליטיק באַשטייט אין ניט קאָנען און ניט וועלן דיסקאָנטירן די קרעפטן-פאַרהעלטענישן, אין פאַלן אונטערן איינפלוס פון קליינבירגערלעכע פראַזן.

א ו ג ו ס ט = ב ל אָ ק — פֿאַרייניקונג פֿון די טראָצקיסטן מיט די מענשעוויקעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אַווגוסט 1912 יאָר אויף דער קאָנפֿערענץ אין ווין (די הויפּט=שטאָט פֿון עסטרייך). די דאָזיקע קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אונטער טראָצקיס אָנפֿירונג, און איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין קעגנגעוויכט צו דער באָלשעוויסטישער קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאַנוואַר 1912 יאָר אין פּראָג. דער אווגוסט=בלאָק האָט געקעמפֿט קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן דערקלערט די ליקווידאַטאָרן אַלס אַזוינע, וואָס שטייען אויסער דער פּאַרטיי.

אַ ט ע י ז ם — דאָס אָפּלייקענען, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, אַפּיקאָרסעם.

א י ז אָ ל י ר ן — אָפּזונדערן, אָפּטיילן.

א י מ פּ אָ ר ט — דאָס אַריינפֿירן פֿון אויסלאַנד.

א י נ ד ו ס ט ר י ע — אַ צווייג פֿון דער פֿאָלקס=ווירטשאַפֿט. עס איז פֿאַראַן שווערע און לייכטע אינדוסטריע. צו דער שווערער אינדוסטריע געהערן די באַרג=אינדוסטריע, דאָס אויסשמעלצן און באַאַרבעטן מעטאַל, דער טראַנספּאָרט און א. וו.; צו דער לייכטער אינדוסטריע געהערן אַלע איבעריקע מינים אינדוסטריע, אין דער ערשטער ריי די אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט די מיטלען פֿון מאַסן=געברויך.

א י נ ט ע ר וו ע נ צ — דאָס באַוואָפֿנטע אַריינמישן זיך פֿון אַן אויסלענדישער מעלוכע אין די ענינים פֿון אַ צווייטער מעלוכע, כּדי צו פֿאַרווירקלעכן אירע פֿאָדערונגען, וואָס זי שטעלט אַרויס דער געגעבענער מעלוכע, אָדער כּדי אונטערצושטיצן איינעם פֿון די קלאַסן, וואָס פֿירן צווישן זיך אַ קריג אין דער געגעבענער מעלוכע. אַזוי האָט די אַנטאַנט (די פֿאַרבינדעטע: ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, אַמעריקע) זיך אַריינגעמישט בעיִם דעם בירגער=קריג אין די אינערלעכע ענינים פֿון ראַטן=רוסלאַנד, כּדי אַראָפּצוואַרפֿן די ראַטן=מאַכט. די פֿאַרבינדעטע האָבן אונטערגעשטיצט מיט אַלע מיטלען — מיט געלט, געווער און מיליטער — אונדזערע ווייסגוואַרדייִשע גענעראַלן, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דער רויטער אַרמיי.

א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל 1=טער — אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער=געזעלשאַפֿט — די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פֿאַרייניקונג פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן אין 1864 יאָר; דער אָנפֿירער פֿון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז אינעם גאַנצן פֿאַרלויף פֿון זיין טעטיקייט געווען קאַרל מאַרקס, וואָס האָט צונויפֿגעשטעלט די פּראָגראַם און דעם סטאַטוט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשטעלט פֿאַר זיין אויפֿגאַבע ברייט צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם (קאָמוניזם) און אָנצופֿירן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פֿון דעם אַרבעטער=קלאַס פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון קאַפּיטאַליסטישן יאָך. אַחוץ דעם, וואָס די אַרבעטער=באַוועגונג אין דאָס ראָוו לענדער אין יענעם פּעריאָד איז אָקאָרשט אויפֿגעקומען, זיינען צום אינטערנאַציאָנאַל צוגעשטאַנען צוגלייך מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן (מאַרקסיסטן) אויך פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און ריכטונגען, וואָס קעגן זיי האָט מאַרקס געפֿירט אַן אַנטשיידענעם קאַמף. אַ באַזונדערס פֿאַרביטערטן קאַמף האָט מאַרקס געפֿירט קעגן די אַנאַרכיסטן, וואָס בעראָש פֿון זיי איז

געשטאַנען באַקונין. ווערנדיק אַרונטערגעריסן פון אינווייניק דורך די אַנאַרכיסטן, ניט האָבנדיק קיין אָנשפּאַר אין פעסטע סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, וואָרעם דעמאָלט זיינען אַזוינע נאָך ניט געווען, איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל אין 1876 יאָר צעפאַלן געוואָרן. אַף זיין צעפאַלונג האָט אויך מיטגעווירקט די אָפּשוואַכונג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער מאַפּאָלע פון דער פּאַריזער קאָמונע (זע דאָסדאָזיקע וואָרט ווייטער). די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט דערין, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט דעם יעסאָד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער-קלאַס און האָט אויך געלייגט דעם יעסאָד פון די היינטצייטיקע רעוואָליוציאָנערע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אַ ריי לענדער.

אינטערנאַציאָנאַל 2-טער — איז געשאַפן געוואָרן אין 1889 יאָר, אין יענעם פּעריאָד, ווען אין די הויפּט-לענדער פון מיירעוו-אייראָפּע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו שאַפן נאַציאָנאַלע אַרבעטער-פּאַרטייען. אין אונטערשייד פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל ניט געווען געבויט לויטן פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם — יעדע סעקציע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט פולע זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט (אַוטאָנאָמיע). די רעזאָליוציעס, וואָס די קאָנגרעסן פלעגן אָננעמען, זיינען ניט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די סעקציעס. אַזאַ געבוי פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט פאַרייניקט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען פאַרשיידן לויט זייער באַשטאַנד און כאַראַקטער, האָט אָפּגענומען באַם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל דעם כאַראַקטער פון אַ באַהעפטער, אַקטיווער אָרגאַניזאַציע און פלעגט ברענגען צו קאָמפּראָמיסלעכע, אומבאַשטימטע, האַלביקע באַשלוסן קימאַט איבער אַלע פראַגן.

האָגאַם אַף די קאָנגרעסן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פלעגן אָנגענומען ווערן קלינגענדיקע רעזאָליוציעס קעגן מילכאָמע, האָבן די לידערס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, פאַראַטן דעם אַרבעטער-קלאַס און יעדער אין זיין לאַנד האָט געשטימט פאַר די מילכאָמע-קרעדיטן און גערופן צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. אַזוי אַרום האָט די מילכאָמע געמאַכט אַ סאָף צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אינעם פּעריאָד פון דער וועלט-מילכאָמע זיינען אין יעדער פּאַרטיי, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל געשאַפן געוואָרן דריי שטרעמונגען: די רעכטע, וואָס האָבן זיך אָפּן געשטעלט אַף דער זייט פון די רעגירונגען און אונטערגעשטיצט די מילכאָמע; די לינקע שטרעמונג, וואָס האָט פאַרייניקט די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן מיט אַ צייט שפּעטער געשאַפן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל (קאָמינטערן); די צענטער-שטרעמונג (זע דאָס וואָרט צענטריזם), וואָס האָט צוערשט פאַרנומען אַ וואַקלדיקע האַלביקע פּאָזיציע צווישן די רעכטע און די לינקע און האָט זיך נאָכדעם ענדגילטיק אַראָפּגעקייקלט צו די רעכטע.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז בעיִס דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע צעפאַלן געוואָרן, איז נאָך דער מילכאָמע, אין 1919 יאָר, אופגעשטעלט געוואָרן. פון דעם מאָמענט, וואָס ער איז אופגעשטעלט געוואָרן, פירט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אַ ווילדן קאַמף קעגן דער קאָ-

מוניסטישער באַוועגונג, העלפט אָפן דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן דעם אַרבעטער=קלאַס, האַלטנדיק, אַז דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דער בורזשואַזיע און דער בורזשואַזער מעלוכע איז איינע פון די דירעקטע אויפגאַבן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אַמניסטיע — באַגנעדיקונג פון די פאַרורטיילטע מיצד דער העכסטער מאַכט.

אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל — אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון די פראָפפאַריינען, וואָס געפינט זיך אונטערן סאָציאַל=דעמאָקראַטישן איינפלוס און אָנפירונג, זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919 יאָר. דער אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל שטייט אויפן שטאַנדפונקט פון פאַרגלעטן די קלאַסן=ווידערשפרוכן און פון מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע. די גאַנצע טעטיקייט פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל איז געצילט אויפן אונטערשטיצן די בורזשואַזיע און צו באַשווינדלען און פאַראַטן דעם אַרבעטער=קלאַס. ער פירט אַ קאַמף קעגן די קאָמוניסטן. די לעצטע צייט באַנוצט ער ברייט די פּראַקטיק פון אויסשליסן די קאָמוניסטן פון זיינע פראָפפאַריינען און די פּראַקטיק פון שטרייק=ברעכעריי.

אַנאַליז — דאָס פאַנאַנדערלייגן אַ גאַנצעס אויף זיינע באַשטאַנד=טיילן; אַנאַליזירן הייסט פאָרשן, פאַנאַנדערקלייבן זיך אין פּראַטים.

אַנאַרכאָ=סינדיקאַליזם — איינע פון די שטרעמונגען פון אַנאַרכיזם, וואָס האַלט דעם סינדיקאַט (פראָפפאַריין) אַלס די איינציק=צוועקמעסיקע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אינעם קאַמף פאַר איבערבויען סאָציאַליסטיש די געזעלשאַפט. דער אַנאַרכאָ=סינדיקאַליסט שטעלט זיך פאָר די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפּט אויף אַ געוואַלדזאַמען אופן די מעלוכע=מאַכט אונטער דער אָנפירונג פון דער רעוואָליוציאָנערער פאַרטיי, נאָר אַז די פראָפפאַריינען פאַרכאַפּן די פּראָדוציר=מיטלען (די פאַבריקן, זאַוואָדן, שאַכטעס א. ד. גל.) דורך אַן אַלגעמיינעם שטרייק. פון דאַנען נעמט זיך דאָס, וואָס די אַנאַרכאָ=סינדיקאַליסטן לייקענען אָפּ דעם פּאָליטישן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין דיקטאַטור.

אַנאַרכיזם — אַ געזעלשאַפטלעך=פּאָליטישע לערע, וואָס לייקנט אָפּ יעטוועדער צוואַנגמאַכט (אין דער ערשטער ריי די מעלוכע=מאַכט) און שטעלט זיך פאָר די צוקונפטיקע געזעלשאַפט אַלס פרייען בונד פון פרייע געמיינדעס, וואָס וועלן געשאַפן ווערן מיטאַמאָל, גלייך נאָכן אַראָפּוואַרפן די מאַכט פונעם קאַפּיטאַליזם. זייענדיק קעגן יעטווידער מעלוכע=מאַכט, לייקנט אָפּ דער אַנאַרכיזם אויך די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דער אַנאַרכיזם טיילט זיך איין אויף עטלעכע שטרעמונגען (אַנאַרכאָ=אינדיווידואַליסטן, אַנאַרכאָ=סינדיקאַליסטן, אַנאַרכאָ=קאָמוניסטן א. א. וו.). לויט זיין טאָך איז דער אַנאַרכיזם די אידעאָלאָגיע פונעם קליינבירגערטום און פון דעם לומפּן=פּראָלעטאַריאַט (דעקלאַסירטן פּראָלעטאַריאַט).

אַנאַרכיע — אָנהערשאַפט, אומאָרדענונג.

אַנולירן — דערקלערן פאַר ניט גילטיק, אָפּשאַפן די עקזיסטירנדיקע פאַרפליכטונגען, דעריקער פון געלט=כאַראַקטער. אַזוי, למשל, האָט די ראַטנ=

מאַכט אַנולירט די פאַרמילכאָמעדיקע און מילכאָמעדיקע כויוועס, וואָס די צאַרישע מעלוכע איז געווען שולדיק די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן.

אָפּאָרטוניזם — די אומפעיקייט צו רעוואָליוציע, צו אַקציע, די פּשאָרעמאַכעריי, דאָס אַרויסדרייען זיך פון אַנטשיידענעם קאַמף. דער אָפּאָרטוניזם אין דער אַרבעטער=באַוועגונג איז דער אויסדרוק פון בורזשואַזן איינפלוס אויפן פּראָלעטאַריאַט און איז דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער מאָדערנער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע און פון דער טאַקטיק פון די פּאַרטייען, וואָס גייען אַריין אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. מיטן אָפּאָרטוניזם שטעקן זיך אָפּטמאָל אָן, אונטערן בורזשואַזן איינפלוס, אויך געוויסע שיכטן פון אונדזער פּאַרטיי, לעמאָשל, דער רעכט=אָפּאָרטוניסטישער אָפּנויג.

אַקטיוויסט — אַ טעטיקער, ענערגישער געזעלשאַפטלעכער טוער.

אַקטיוויקייט — טעטיקייט, ענערגיע. פּאָליטישע אַקטיווקייט הייסט באַטייליקן זיך אין לייזן די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אינעם פאַרווירקלעכן זיי.

אַרבעטער=פּאַרטיי פון ענגלאַנד (לייבאָר=פּאַרטיי) — געגרינדעט געוואָרן אין 1900 יאָר. די אַרבעטער=פּאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין פּינקט=ציל=איינשטעלונגען, דערלויבנדיק אַלע מיטגלידער אירע צו האָבן אבסאָליוט ציל איינשטעלונגען, דערלויבנדיק אלע מיטגלידער אירע צו האָבן אבסאָליוט פאַרשיידענע אָנשויונגען איבער די פּראָגראַמאַטישע און טאַקטישע פראַגן. די אַרבעטער=פּאַרטיי איז דורך און דורך אָפּאָרטוניסטיש און האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרבונדן מיטן מאַרקסיזם. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער אַרבעטער=פּאַרטיי איז זייער אַן אייגנאַרטיקע: ביז 1918 האָט די אַרבעטער=פּאַרטיי געוווּסט בלויז פון קאָלעקטיווער מיטגלידערשאַפט. די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געוואָלט אָנשליסן זיך אָן דער פּאַרטיי (טרעדיוניאָנען, קאָאָפּעראַציע) פלעגן בא זיך דורכפירן אַן אָפּשטימונג, און אויב די מערהייט פלעגט זיך אַרויסזאָגן פאַר אָנשליסן זיך, פלעגט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פאַררעכנט ווערן אין די רייען פון דער אַרבעטער=פּאַרטיי. פון 1918 יאָר אָן איז צוזאַמען מיט דער קאָלעקטיווער מיטגלידערשאַפט איינגעפירט געוואָרן אויך אינדיווידועלע. די אַרבעטער=פּאַרטיי רופט זיך אויך אָן לייבאָר=פּאַרטיי, און אירע מיטגלידער — לייבאָריסטן. דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער אַרבעטער=פּאַרטיי איז די צייטונג „דעילי העראַלד“.

באַזע — פונדאַמענט, יעסאָד.

באָיקאָט — סיסטעם פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף קעגן אַ וואָסערער ניט איז פּערזאָן, אונטערנעמונג אָדער מעלוכע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון איבערייסן מיט זיי פולשטענדיק יעטווידע באַציִונגען. דאָס וואָרט באָיקאָט שטאַמט פון דעם נאָמען פון דעם אירלענדישן אַרענדאַטאָר **באָיקאָט**, וואָס האָט מיט זיינע מייסים אַרויסגערופן קעגן זיך דעם אַלגעמיינעם האַס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט איבערגעריסן מיט אים יעטווידער באַציִונג און האָט אים אַזוי אַרום געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

באַנקראָט — די אומפעיקייט פאַר אַ פּערזאָן אָדער אונטערנעמונג צו צאָלן די כויוועס. דאָס וואָרט ווערט אויך באַנוצט אין אַן אַנדער

(פיגוראַלן) זין און באַטייט יעטווידער אומפּעניקייט, אומעגלעכקייט אויס־צופילן די פאַרפליכטונגען, וואָס מע האָט אַף זיך גענומען. אין דעמדאָזיקן זין זאָגן מיר, לעמאָשל, אַז דער רעכטער אָפּאָרטוניזם האָט אינגאַנצן באַנקראָטירט.

באַרבאַרישער — גראָבער, אומקולטורעלער, ווילדער.

באַריקאַדעס — גאַסן־פאַרצאַמונגען, וואָס ווערן געמאַכט אין איילעניש פון יעטווידער מאַטעריאַל, וואָס מאַכט זיך נאָר אונטער די הענט, מיטן צוועק צו באַשיצן זיך אין דער צייט פון אופשטאַנדן, פון גאַסן־שלאַכטן. אַזוי, לעמאָשל, האָבן אופגעשטעלט באַריקאַדן די אופגעשטאַנענע בעיס דער פּאַריזער קאָמונע (זע דאָסדאָזיקע וואָרט ווייטער), אין מאָסקווע בעיס די רעוואָליוציעס פון 1905, 1917 יאָר.

בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע — מאַרקס און לענין האָבן געלערנט, אַז די בורזשואַזע רעוואָליוציע קאָן זיך פאַרענדיקן פאַרשיידן: זי קאָן זיך פאַרענדיקן צום נוצן בלויז פון אַן ענגן קרייז בורזשואַזיע — פון דער גרויס־בורזשואַזיע, און זי קאָן זיך פאַרענדיקן אין די אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן קליינבירגערטום, אין דער ערשטער ריי פון דעם פּויערטום. מיט איין וואָרט, דער פאַרנעם פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע קאָן זיין אַ פאַרשיידענער. די בורזשואַזע רעוואָליוציע פון גרעסטן פאַרנעם, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעצויגן די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן און וואָס ווערט געמאַכט אין די אינטערעסן פון דידאָזיקע מאַסן, ווערט אָנגערופן בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע. גראָד דער אָנטייל פון די ברייטע מאַסן פּויערטום אונטער דער אָנפירונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז פּעניק צו דערפירן די בורזשואַזע רעוואָליוציע ביזן סאָף און פאַרוואַנדלען זי אין אַ דעמאָקראַטישע (פאָלקיסטישע) רעוואָליוציע, קעגנשטעלנדיק זיך דער האַלביקער רעוואָליוציע פון דער בורזשואַזיע, וואָס שטרעבט, צוליב דעם מוירע פאַר די מאַסן, צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער פריצישער מעלוכע.

בורזשואַזע רעוואָליוציע — אַ רעוואָליוציע, וואָס די בורזשואַזיע מאַכט, און וואָס שטעלט דעם ציל צו פאַרניכטן די פעאָדאַלע אָרדענונג (זע ווייטער דאָס וואָרט פעאָדאַליזם), וועלכע שטערט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. דער היסטאָרישער זין און באַדייטונג פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע באַשטייט אין דעם, וואָס זי באַזייטיקט פון דער מאַכט דעם קלאַס גרויסע ערד־באַזיצער (אַדעליקע — פעאָדאַלן) און שטעלט איין די פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, רייניקט אָפּ די וועגן פון די רעשטן פריצישער אָרדענונג פאַר דער מער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. אַ ביישפּיל פון אַ בורזשואַזער רעוואָליוציע איז די פראַנצויזישע רעוואָליוציע אין 1789 יאָר, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די אַלטע מאַכט פון די אַדעליקע און האָט פאַרניכטעט די רעשטן פעאָדאַליזם אין פראַנקרייך.

ביודזשעט — רעשימע פון די האַכנאָסעס און הויצאָעס פון די מעלוכע־מיטלען, פון די מיטלען פון אַן אונטערנעמונג, אָדער פון אַ פריוואַטער פערזאָן.

בלאָק — צייטווייליקע פאַרשטענדיקונג פון אָרגאַניזאַציעס, אָדער פערזאָנען, וואָס פירן געוויינלעך צווישן זיך אַ קריג, מיטן צוועק צו דערגרייכן געמיינזאַם אַ וועלכן ניט איז אָנגעמערקטן ציל.

בלאָקאַדע — דאָס ארומרינגלען מיט מיליטערישער קראפט א וואָסערע ניט
איז פעסטונג, געגנט, אָדער א גאַנץ לאַנד, מיטן צוועק איבערצורייסן אירע
באַציִונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט, ניט דערלאָזן צופירן דערנערונג,
די נויטיקע סכוירעס און אנדערע. עקאָנאָמישע אָדער „פרידלעכע“ בלאָקאַדע
האָבן די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס געשאפן אמאָל קעגן דעם ראַט=
פאַרבאַנד.

בעקאָן=זאַוואָד — א זאַוואָד אף איבעראַרבעטן כאַזער=פלייש.

בערנשטיין עדוארד -- (געבאָרן געוואָרן אין 1850) — איינער פון די
אָנגעזעענסטע טוער פון דער דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, פירער פון
רעפאָרמיזם (זע ווייטער). אין 1899 יאָר האָט בערנשטיין אָנגעשריבן דעם
בוך: „די פאָרהאַנאָכעס פונעם סאָציאַליזם און די אופגאַבן פון דער סאָציאַל=
דעמאָקראַטיע“, ווו ער האָט ראַדיקאַל איבערגעקוקט (רעווידירט) מאַרקס
לערע (פון דאַנען נעמט זיך רעוויזיאָניזם). די גרונטלאַגן פון בערנשטיינס
רעוויזיאָניזם באַשטייט אָט אין וואָס. מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַ=
ליזם ווערן די קלאַסן=ווידערשפּרוכן ניט פאַרשאַרפט, ווי מאַרקס האָט באַ=
הויפּט, נאָר זיי ווערן פאַרגלעט. קיין שום קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל קומט
אויך ניט פאָר, נאָר פאַרקערט, די קליינע אונטערנעמונגען ווייזן זיך ארויס
שטאַנדהאַפּטיק און לעבנספעִיק. די אנאַרכיע און די קריזיסן ווערן פאַרקלע=
נערט, די לאַגע פונעם אַרבעטער=קלאַס ווערט ביסלעכווייז פאַרבעסערט, בע=
האַדראָגע דעראָבערט זיך דער אַרבעטער=קלאַס דעם איינפלוס אין פאַרלאַ=
מענט און דאָס גיט אים א מעגלעכקייט אף א לעגאַלן אופן צו דערשלאָגן
זיך די נויטיקע רעפאָרמעס און בעהאַדראָגע דורך דידאָזיקע רעפאָרמעס
איבערצובויען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין א סאָציאַליסטישע. פון
דאַנען נעמט זיך דער צווייטער נאָמען פון בערנשטיינס „טעאָריע“ —
רעפאָרמיזם. בערנשטיינס אָנשויונגען זיינען אצינד די אָפיציעלע אָנשויונגען
פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל=דעמקאָראַטיע.

גאָמינדאַן — כינעזישע פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912 יאָר.
דער גאָמינדאַן איז געוועזן א פאַרזעצונג פון דער נאַציאָנאַל=רעוואָליוציאָנערער
פּאַרטיי, וואָס האָט עקזיסטירט אין כינע פון 1905—1911. די פּאַרטיי גאָ=
מינדאַן האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער כינעזישער רעוואָליוציע אין
1911 יאָר און אין די שפּעטערדיקע געשעענישן. א באַזונדערס וויכטיקע
ראָליע האָט די פּאַרטיי גאָמינדאַן באַקומען אין 1922 יאָר, ווען איר פירער
סון=יאַט=סען האָט א קערעווע געטאָן דעם קורס פון דער פּאַרטיי אף דער=
נענטערן זיך מיט די אַרבעטער=פּויערשע מאַסן און מיט דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי. דער גאָמינדאַן איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַרטיי פון א וואָסער
ניט איז איין קלאַס, ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פּאַרטיי, וואָס פאַריי=
ניקט די מיטעלע און קליין=בורזשואַזיע און אויך דעם פּראָלעטאַריאַט און
דאָס פּויערטום. אדאַנק דעם האָבן די קלאַסן=ווידערשפּרוכן און דער קאַמף,
וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַנד צווישן דידאָזיקע קלאַסן, געבראַכט צו קע=
סיידערדיקע איבערגרופּירונגען און צו קאַמף אין דער פּאַרטיי גופע, וואָס
האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו איר צושפּאַלטונג. אין 1927 יאָר איז
מאַקע אין גאָמינדאַן אָנגעקומען דידאָזיקע צושפּאַלטונג, ווען די בורזשואַזיע
האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מאַסאָווער אַרבעטער=פּויערשער באַוועגונג, מיט

וועלכער די קאָמוניסטן פירן אָן און איז אוועק פון דער רעוואָליוציע, צונויפשליסנדיק איר פראָנט מיט די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן. אין 1927 יאָר האָט דער רעכטער פליגל פון גאָמינדאַן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם מיטגליד פון דער פּאָליטביוראָ פון גאָמינדאַן טשאַן־קיי־שי, געמאַכט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש און געשאַפן א רעכט־גאָמינדאַנישע רעגירונג. פון 1928 יאָר אָן ווערט דער גאָמינדאַן פארוואנדלט אין א קאָנטררעוואָליוציאָנערע בורזשואזע פארטיי, וואָס האָט זיך פארשטענדיקט מיט די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן. פונקט אזא קאָנטררעוואָליוציאָנערע ראָליע שפּילט אויך דער לינקער גאָמינדאַן, ניט געקוקט אף זיין אָפּאָזיציע צום רעכטן פליגל.

דער גאָמינדאַן פירט א פארביטערטן, א בעעמעס ווילדן קאַמף קעגן יעטווידער ארויסטרעטונג פון די ארבעטערשע און פויערשע מאסן און קעגן זייער פירער — דער כינעזישער קאָמוניסטישער פארטיי.

דאָס וואָרט גאָמינדאַן איז אף כינעזיש צונויפגעשטעלט פון די דריי ווערטער: גאָ — מעלוכע, מין — פאָלקישע, דאַן — פארטיי.

דאָלער — געלט־אייגס אין די צאָפן־אַמעריקאנישע פאראייניקטע שטאַטן, באטרעפט א רובל 94 קאָפּ.

דארווין טשארלז (1807—1882) — זייער א גרויסער ענגלישער געלערנטער, וואָס האָט געשאפן די לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג און אנטוויקלונג פון די באַלעכייִים און געוויקסן. לויט זיין לערע (דארוויניזם), זיינען די מינים באַלעכייִים און געוויקסן ניט קיין אומפארענדערלעכע, נאָר זיי נעמען זיך פון א בעהאַדראָגעדיקער ענדערונג פון אנדערע מינים (עוואָליוציע). די אַלע מינים באַלעכייִים און געוויקסן, וואָס מיר קענען, זיינען א רעזולטאט פון א פילדוירעסדיקן פּראָצעס פון צופאסן זיך צו דער ארומיקער סוויווע. דאָסדאָזיקע צופאסן זיך קומט פאָר אין די באַדינגונגען פון אכזאָריעסדיקן קאמף פאר עקזיסטענץ, וואָס אלס רעזולטאט זיינעם לעבן אויס און האלטן זיך איין די שטארקערע און מער צוגעפאסטע צום לעבן אין די געגעבענע באַדינגונגען. די מער שוואכערע און ניט צוגעפאסטע קומען אום. דאָס האָט דארווין אָנגערופן נאַטירלעכער אָפּקלייב. יענע אייגנטימלעכקייטן פון די לעבעדיקע אָרגאַניזמען, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר מער צוגעפאסט פאר זייער עקזיסטענץ, זאמלען זיך אָן, פארפעסטיקן זיך און ווערן איבערגעגעבן בעירושע די וויטערדיקע דוירעס.

לויט דארווינס לערע איז אויך דער מענטש, פונקט אזוי ווי אַלע אנדערע באַלעכייִים, שטאמט פון באַלעכייִים, דעם מענטשנס אורעלטערן זיינען דיזעלבע ווי בא די מאַלפּעס, וואָס זיינען ענלעך צו די מענטשן.

דיסקוסיע — דאָס באהאנדלען א וואָסערע ניט איז געוויינלעך פּרינציפּיעלע שטרייטיקע פראגע. דעבאַטירן, דיסקוסירן — הייסט שטרייטן, באהאנדלען.

דיפערענצירונג — פאנאנדערטיילן זיך אין שיכטן.

דירעקטיוו — אָנפירנדיקע אָנווייזונג איבער א וועלכער ניט איז פראגע.

דעגראַדאַציע — יערידע, באַוועגונג אף צוריק.

דעזאָרגאַניזאַציע — דאָס צעשטערן די איינגעשטעלטע אָרדענונג.

דעמאגאָג — א מענטש, וואָס סטאַרעט זיך דערגרייכן דעם צוטרוי פון די מאַסן און צוזאָגן זיי אַף זיין זייט דורך בעפערעש ניט אויספירבאַרע האַפּטאַנעס, דורך צופאַסן זיך צו די לייַדנשאַפטן און שטרעבונגען פון דעם וויניק באַוווסטזיניק טייל פון די מאַסן.

דעקאַבער-אויפשטאַנד — אין מאָסקווע (9—17 דעקאַבער 1905 יאָר) — באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג פון די מאָסקווער אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. (באָלשעוויקעס) און פּוגעם מאָסקווער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן, וואָס איז אַנטשטאַנען איגעם גאַנג פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק. דער דעקאַבער-אויפשטאַנד איז געווען דער סאַמע בוילעטער מאָמענט פון דער ערשטער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. די מאַפּאַלע פון דעם דעקאַבער-אויפשטאַנד האָט מיט זיך באַצייכנט דעם אָנהייב פון דער מאַפּאַלע פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. אין דער צייט, ווי די באָלשעוויקעס האָבן אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאַנד און האָבן אים גאָבדעם דערקלערנט אַלס אויסשליסלעך וווּרטפולע דערפאַרונג איגעם באַוואָפנטן קאַמף פון די אַרבעטער קעגן דער בורזשואַזיע, האָבן די מענשעוויקעס אין געשטאַלט פון פּלעכאַנאָוון דערקלערט, אַז מע האָט זיך ניט געדאַרפט נעמען פאַרן געווער, און זיי האָבן אים פאַרורטיילט.

דעקלאַראַציע — פּראָקלאַמירונג, אָפיציעלע דערקלערונג פון א פּראָגראַם-כאַראַקטער.

הידראָטאָרף — בוכשטעבלעך „וואַסער-טאָרף“, דאָס הייסט טאָרף, וואָס באַקומט זיך פון דורכשווענקען די טאָרף-מאַסע מיט א שטראָם וואַסער און איבערפּאָמפּען דידאָזיקע מאַסע דורך רערן און ווייטער באַאַרבעטן זי און טריקענען.

העגעמאָניע — אָנפירערשאַפט. די העגעמאָניע פון פּראָלעטאַריאַט — איז די אָנפירנדיקע ראָל פּוגעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָליוציע. אונדזער פּאַרטיי האָט פאַרטיידיקט די העגעמאָניע פּוגעם פּראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע.

העקטאָליטער — א מאָס פאַר פליסיקייטן, וואָס באַטרעפט 100 ליטער (אביסל מער פון 8 עמער).

העקטאַר — א מאָס פון ערד-שעטעך. א העקטאַר באַטרעפט 10 טויזנט קוואַדראַט מעטער (בא 9/10 פון אן אַמאָליקער דעסיאַטין).

וואַליוטע — 1) ווערט-זאַך; 2) גרונטיקע כעזשבן-מאַטבייע אין געלט-אומלויף פון א וואָסער ניט איז לאַנד, לעמאָשל, א גאָלד-רובל, א דאָלער.

וואַנדערוועלדע עמיל (געבוירן געוואָרן אין 1866 יאָר) — דער פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. א טיפּישער פּשאָרע-מאַכער. ער איז דער ערשטער פון די סאָציאַליסטן אַריינגעטראָטן אין דעם כאַמע אָנהויב אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע אין א בורזשואַזן מיניסטעריום. ער איז געווען פאָרזיצער פון מיניסטאָרן-ראַט און אויסערן-מיניסטער אין דער בורזשואַזער רעגירונג פון בעלגיע (פון דאַנען גענומט זיך זיין צונעמעניש „קעניגלעכער מיניסטער“). איצט איז ער פאָרזיצער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

ווערסאַלער אָפּמאַך — דער שאָלעם=אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און די לענדער=זיגער, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט=מילכאָמע 1914—1918. דער ווערסאַלער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 28 יוני 1919 יאָר אין ווערסאַל (נעבן פּאַריז). די גרונט=באַדינגונגען פון דעמדאָזיקן אָפּמאַך זיינען: 1. אַנטוואָפּענען דייטשלאַנד — די צאָל פון דער דייטשישער אַרמיי ווערט פאַרקלענערט ביז 100 טויזנט מאַן; די קריגס=מאַכשירים דאַרפן איבערגעגעבן ווערן די פאַרבינדעטע אָדער פאַרניכטעט ווערן; דייטשלאַנד ווערט פאַרווערט צו בויען קריגס=שיפן און אַ מיליטערישן לופט=פלאָט; 2. בא דייטשלאַנד ווערט אָפּגענומען לעטוויוועס די פאַרבינדעטע אַלע אירע קאָלאָניעס; 3. דייטשלאַנד גיט אָפּ פראַנקרייך עלזאַס=לאָטאַרינגען, וואָס איז רייך מיט אייזן=אַרץ, און וואָס דייטשלאַנד האָט אַמאָל געהאַט אָפּגענומען בא פראַנקרייך; כוץ דעם גיט אָפּ דייטשלאַנד פראַנקרייך אַף 15 יאָר די אומגעהויער רייכע קוילן=פלאַסטן אין סאַאַרער געגנט, ווייל דאָס עלזאַס=לאָטאַרינגער אַרץ קאָן ניט אויסגענוצט ווערן אָן סאַאַרער קוילן; 4. קעדיי צו דעקן, קלוימערשט, אַלע הויצאָעס, קעדיי אופשטעלן די געגנטן, וואָס האָבן געליטן פון דער מילכאָמע בא די לענדער=זיגער, פאַרפליכטעט זיך דייטשלאַנד צו באַצאָלן זיי — פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיע, אַמעריקע — אַ קאָלאָסאַלן מיליטערישן צינז (רעפּאַראַציע=צאָלונגען) אַף 132 מיליאַרד גאָלד=מאַרק. אַלס באַוואָרענונג, אַז דייטשלאַנד וועט אויספירן דעם ווערסאַלער אָפּמאַך, אָקופּירט דאָס מיליטער פון די פאַרבינדעטע, דאָס הייסט דאָס מיליטער פאַרנעמט אַף אַ באַשטימטן טערמין, די ריינישע געגנט, דערביי דאַרף דייטשלאַנד נעמען אַף זיך אויסהאַלטן די אָקופּאַציע=אַרמיי. ענדגילטיק איז דאָס מיליטער עוואַקוירט געוואָרן, דאָס הייסט, אָפּגערופן געוואָרן פון דער ריינישער געגנט דאָ גאָר ניט לאַנג.

טאַקטיק — אַרט האַנדלונג, מעטאָדן, וואָס זיינען געצילט אַף צו דערגרייכן אַ וואָסער ניט איז ציל. מיליטערישע טאַקטיק — הייסט די וויסנשאַפט וועגן אויסנוצן די מיליטערישע מיטלען אַף צו דערגרייכן שלאַכט=צילן. פּאָליטישע טאַקטיק — אַקציע=אויפאַנים, וואָס מיט זיי באַנוצט זיך אַ קלאַס און זיין פּאַרטיי אַף צו דערגרייכן זיינע צילן, רעכענענדיק זיך מיט די אומשטענדן, בא וועלכע עס קומט אויס אַרויסצוטרעטן.

טכום — אַזוי האָט זיך אָנגערופן אינעם פאַר=רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד די גרענעץ, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט איינגעשטעלט אין די גובערניעס, אין וועלכע מע האָט דערלויבט צו וווינען די יידן. אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון דעם טכום האָט מען דערלויבט בלויז דער יידישער בורזשואַזיע און אַ טייל אינטעליגענץ.

טעמפּ — גראַד שנעלקייט, דאָס באַצייכענען די שנעלקייט פון באַוועגונג.

טעראָר — (בוכשטעבלעך שרעק) — אַ סיסטעם פון אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען און אין דער ערשטער ריי טויט=שטראָף, וואָס ווערן באַנוצט, קעדיי צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם סוינע, אָפּשרעקן אים. די קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע גענעראַלן פלעגן אין די יאָרן פונעם בירגער=קריג באַנוצן דעם ווייסן טעראָר אין די געגנטן, וואָס זיי האָבן פאַרנומען. די ראַטן=מאַכט האָט אין 1918 יאָר, קעדיי אָנצושרעקן די בורזשואַזיע און מאַכן אַ סאָף

צו די אָנגעדלעכע אטענטאטן אף די אקטיווע קעמפער פון דער רעוואָליוציע, געמוזט זיך באנוצן מיטן רויטן טעראָר.

טערמידאָר — לויטן קאַלענדאר פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע פון 1789 יאָר דער נאָמען פון דעם 11-טן כוידעש פון דער רעוואָליוציע, וואָס אנטשפרעכט לויט דער צייט די כאדאָשים יולי—אווגוסט. דעם 9-טן טערמידאָר (27-טן יוני) 1796 יאָר האָט די רעאקציאָנערע בורזשואזיע אראָפגעווארפן די דיקטאטור פונעם קליינבירגערטום, וואָס בעראָש פון איר זיינען געשטאנען די יאקאָבינער (די פארטיי פונעם רעוואָליוציאָנערן קליינבירגערטום און פונעם האנטווערקער-פראָלעטאריאט). אלס רעזולטאט פון דינערדאָזיקער איבערקערעניש איז נאָך דער עפּאָכע פון רעוואָליוציאָנערן אופשטייג אָנגעקומען א עפּאָכע פון רעאקציע, וואָס איז באוווסט אונטערן נאָמען טערמידאָריאנישע. דער 9-טער טערמידאָר איז א ווענד-פונקט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, דער סאָף פון דער הערשאפט פונעם קלייןבירגערטום און דער אָנהויב פון דער בורזשואזער רעאקציע און שפּעטער — פון דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע.

טערמידאָריאנעריי — פּאָליטישער איבערגעבורט. די באשולדיקונג, וואָס טראָצקי האָט ארויסגעשטעלט קעגן דער אלק"פ(ב). לויט טראָצקיס מיינונג קייקלט זיך אראָפ די פארטיי פון די פּאָזיציעס פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט און פאלט ארונטער אונטערן איינפלוס פון דער קלייגבירגערלעכער סטיכיע. דידאָזיקע באשולדיקונג האָט טראָצקי גענומען בא די מענשעוויקעס, וואָס האָבן זי ארויסגעשטעלט קעגן דער אלק"פ(ב) נאָך אין 1921 יאָר און שפּעטער (1921 און 1925) האָט דעמדאָזיקן געדאנק אנטוויקלט דער בורזשואזער פּראָפעסאָר, געוועזענער מיטגליד פון קאָלטשאקס רעגירונג, אוסטריאלאָוו.

טראדיציע — מינהעג, וואָס איז פון לאנג איינגעפירט געוואָרן; טראָדיציעס קאָנען זיין פּאָליטישע, מישפּאָכעדיקע, רעליגיעזע.

טרעדיוניאָן (אַף ענגליש „אַרבעטער-פאריין“) — אַזוי רופן זיך אָן די פראָפאריינען אין ענגלאנד. די כאראקטעריסטישע שטריכן פון די טרעדיוניאָנען זיינען זייער אויסערגעוויינלעכע צעשטויבטקייט און די פשאָרעמאכעריי מיט דער בורזשואזיע. די טרעדיוניאָנען זיינען אָרגאַניזירט לויט די פאכן און לויטן פּראָדוציר-פּרינציפּ (ווי אין ראטנפארבאנד), דערביי פאריייניקן זיי הויפּטזאכלעך דעם אויבערשטן טייל ענגלישע ארבעטער, די ארבעטער-אַריסטאָקראַטיע. דער צוטריט אין די טרעדיוניאָנען איז זייער פארשווערט. א לאַנגע צייט האָט מען אין די טרעדיוניאָנען ניט צוגעלאָזט קיין פרויען. די אַלענגלישע פאריייניקונג פון די טרעדיוניאָנען איז געשטאַלט פון דעם גענעראַל-ראט עקזיסטירט בלויז פון 1921 י., ביז יענער צייט איז ניט געווען קיין אָרגאַן, וואָס זאָל פאריייניקן די טרעדיוניאָנען.

טרעסט — קאפּיטאליסטישער טרעסט — אזא פאריייניקונג פון גרויסע קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס בא איר פארלירט יעדערע פון דידאָזיקע אונטערנעמונגען איר זעלבשטענדיקייט און ווערט פארוואלטעט פון אן איינהייטלעכע פארוואלטונג. דער ציל פון דער טרעסטירונג איז צו פארייניקן אלע אונטערנעמונגען פון דעם געגעבענעם צווייג, קעדיי צו דערשטיקן די

קליינע אונטערנעמונגען, פארקלענערן די קאָנקורענץ און דערשלאָגן זיך די פולשטענדיקע מאָנאָפּאָל-הערשאַפט אף די מערק.

אין ראַטנפארבאַנד איז דער טרעסט א מעלוכע-אָרגאניזאציע, וואָס פארייניקט עטלעכע אונטערנעמונגען, וועלכע ארבעטן אויף איינאַרטיקע זאכן.

טשאַרטיזם — (נעמט זיך פון דעם וואָרט „טשאַרטער“, וואָס באַטייט דאָקומענט, גראַמאָטע). דער טשאַרטיזם איז געווען א מאַסאָווע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין ענגלאַנד אין 30—40 יאָרן פון דעם 19-טן יאָרהונדערט. דער טשאַרטיזם האָט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון דעם אַלגעמיינעם, גלייכן וואַלרעכט, באַצאָלן די דעפּוטאַטן פאַר זייער אַרבעט, אַרויסגעבן פאַבריק-געזעצן און א גאַנצע ריי אַנדערע מאָסמיטלען אף פארבעסערן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די ארבעטער. דער פארלאַמענט האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פאָדערונגען, וואָס עס האָבן אים אַרויסגעשטעלט און אונטערגעשריבן העכער 2 מיליאָן בירגער, די טשאַרטיסטן האָבן גענענטפערט אף דעמדאָזיקן אָפּזאָג מיט א מאַסן-באַוועגונג, מיט דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, וואָס זיינען אונטערדריקט געוואָרן מיט באַוואָפנטער קראַפט. דער טשאַרטיזם איז געווען די ערשטע פּאָליטישע מאַסן-באַוועגונג פון דעם ארבעטער-קלאַס.

לאָקאַוט — פאַבריקאַנטן-שטרייק, ווען זיי פארמאַכן ציטווייליק, לויט א פארשטענדיקונג צווישן זיך, די אונטערנעמונגען, קעדיי ארויסוואַרפן די ארבעטער אפן גאַס.

ליבעראַלער — בוכשטעבלעך פרייהייט-ליבהאָבער, „לינקער“ און אין דער ווירקלעכקייט אַזוינער, וואָס איז אן אָנהענגער פון פרייהייט פאַר דער בורזשואַזיע.

ליבעראַליזם — פרייהייטלעכקייט, „לינקייט“, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזיע אין דעם פעריאָד, ווען זי האָט געקעמפט פאַר מאַכט קעגן די פאָרשטייער פון דעם גרויסן ערד-באַזיץ. בא היינטיקן טאָג עקזיסטירן ליבעראַלע פארטייען קימאַט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אָבער זייער באַדייטונג און איינפלוס האַלט אין איין פאַלן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פארשאַרפונג פון דעם קלאַסן-קאַמף צווישן דעם פראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. אזוי, לעמאָשל, אין ענגלאַנד האָט די ליבעראַלע פארטיי (נאַציאָנאַל-ליבעראַלן), וואָס ווערט אָנגעפירט פון לאָיד-דזשאָרדזש, בא די וואַלן אין 1924 באַקומען בלויז 43 ערטער (די לעצטע צייט האָבן די שאַנסן פון די ליבעראַלן זיך אביסל אופגעהויבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס די קליינע און מיטעלע בורזשואַזיע איז אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון די „האַרטקעפּיקע“, אָבער דאָך זיינען זיי שוין ניט בעקויעך ארויסצוטרעטן זעלבשטענדיק און זיי בלאָקירן זיך (פארשטענדיקן זיך) מיט דער ענגלישער ארבעטער-פארטיי). אין אייניקע לענדער רופן זיך די ליבעראַלן אָן ראַדיקאַלן.

לידער — פירער פון א פּאָליטישער פארטיי.

לייבאייגנטום-רעכט — א פארגעזעצלעכער צושטאַנד, בא וועלכן די פויערים זיינען עקאָנאָמיש און פערזענלעך אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זייערע באַזיצער — פריצים. די פויערים פלעגן צוגעפעסטיקט ווערן צו יענעם ערד-בײלעק, אף וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, און פלעגן ווערן דאָס פולשטענדיקע

אייגנטום פון די פריצים, וואָס האָבן געהאַט רעכט צו טאָן מיט די פויערים אַלץ, וואָס זיי האָט זיך פאַרוואָלט (פאַרקויפן, אויסטויש, כאַסענע מאַכן, פאַרשטייםן ביזן טויט א. אז. וו.). די פריצישע פויערים זיינען געווען מעכויעוו אָדער צו טאָן די אַרבעט אָף דער פריצישער ערד (פּאַנשטשינע), אָדער צאָלן דעם פּאָרעץ א באַשטימטע געלט-סומע, אָדער פּראָדוקטן (אָבראָק). זייענדיק אין א באַשטימטן היסטאָרישן פעריאָד (ביז דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם) ווירטשאַפטלעך גויטיק, הויבט אָן דאָס לייבאייגנטום-רעכט שוין אינעם 19-טן יאָרהונדערט צו שטערן דער ווייטערדיקער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט, דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. אַלס רעזולטאַט פונעם קאַמף פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע קעגן די פריצים, איז דאָס לייבאייגנטום-רעכט פאַרניכטעט געוואָרן.

ל ע ג א ל — וואָס איז געזעצלעך דערלויבט.

מ אָ נ אָ פּ אָ ל — (אָף גריכיש „מאָנאָס“ — איינס, „פּאָליין“ — פאַרקויפן) — דאָס אויסשליסלעכע רעכט אָף צו באַנוצן זיך מיט וואָס ניט איז, לעמאָשל, מיט האַנדל, מיט געווערבן א. א. וו. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אין דער עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם, פאַרשטענדיקן זיך גרופּעס קאַפּיטאַליסטן, מיטן צוועק צו פאַרקלענערן די קאָנקורענץ, ווענן אַרויסטרעטן געמיינזאַם אָפן מאַרק מיט זייערע סכוירעס, שטעלן איין גלייכע פרייזן אָף דידאָזיקע סכוירעס (מאָנאָפּאָל-פרייזן). מאָנאָפּאָל איז מעגלעך אין אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אָף דער באַזע פון קאָנצענטרירן די פּראָדוקציע.

מ אָ נ אָ פּ אָ ל פ ו ן א ו י ס ע ר ן - ה אַ נ ד ל אין ראַטן-פאַרבאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס די מעלוכע אַליין פאַרווירקלעכט די אויסערן-האַנדל דורך אַ ספּעציעל געשאַפענעם אָרגאַן (פאָלקאָמהאַנדל).

מ אָ ר א ל — די קלאָלים פון אויפירונג, די נאָרמעס פון קעגנזייטיקער באַציונג צווישן די מענטשן, וואָס וואַקסט אויס אָף דער באַזע פון באַשטימטע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. דידאָזיקע נאָרמעס (קלאָלים) פון אויפירונג (מאָראַל) זיינען ניט קיין אַלמענטשלעכע און איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינגעשטעלטע (ווי דאָס פּרווט זיך פאָרשטעלן די בורזשואַזיע), נאָר זיי ענדערן זיך צוזאַמען מיט די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. די מאָראַל טראָגט שטענדיק א קלאַסן-כאַראַקטער און דינט אָף צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

מ א ר אָ ק ע — פאַרייניקטער נאָמען פון די קאָלאָניעס פון פראַנקרייך און שפּאַניע אין צאָפן-אַפריקע. די אָרטיקע באַפעלקערונג פון מאַראָקע פירט א קאַמף קעגן דער פראַנצויזישער און שפּאַנישער הערשאַפט. באַזונדערס אַקשאָנעסדיק קעמפן פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט די בערבערישע באַרגשוואָטים און דער שייוועט ריפן. פאַר מאַראָקע גייט א קאַמף צווישן די אימפּעריאַליסטן, ווייל אירע רווואַרג-רייכטימער און די גינסטיקע געאָגראַפישע לאַגע ברענגט אין א שאַרפן צוזאַמענשטויס די אינטערעסן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, שפּאַניע און טיילווייז פון איטאַליע.

מיטע־שאַכטע — דער איניען וועגן דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער שעדיקער־אָרגאַניזאַציע פון די באַרג־אינזשענערן און טעכניקער, וואָס איז אופגעדעקט געוואָרן אין שאַכטער־ראיאָן פון דאָנבאַס און וואָס די געריכט־אָרגאַנען פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן באַטראַכט אין 1928 יאָר. א גרופּע אינזשענערן און טעכניקער פון דער קוילן־אינדוסטריע האָבן אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן פעריאָד פון דער ראַטנמאַכט סיסטעמאַטיש ארונטערגעריסן די אַנטוויקלונג פון דער קוילן־אינדוסטריע לויטן אופטראָג און פאַר דער באַלוינונג פון די געוועזענע שאַכטעס־אייגנטימער פון דאָנבאַס. סיסטעמאַטיש פלעגן פאַרגאַסן ווערן די שאַכטעס. מ׳פלעגט קאַליע מאַכן די מאַשינעס און אויסשטאַטונג, מ׳פלעגט פאַרשאַרפן די באַציונגען מיט די אַרבעטער א. א. וו. דערדאָזיקער איניען האָט באַקומען א קאָלאָסאַלע באַדייטונג דערפאַר, ווייל ער האָט אופגעדעקט די נייע פאָרמען און מעטאָדן פון דעם קאַמף פון דער בורזשואַזער קאָנטר־רעוואָליוציע קעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. מיט א צייט שפּעטער האָט מען אופגעדעקט שעדיקער־אָרגאַניזאַציעס קימאַט אין אלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, אין טראַנספּאָרט, אין דער מיליטערישער אינדוסטריע און אזוי ווייטער.

מיליטאַריזם — די פּאָליטיק פון די מאָדערנע בורזשואַזע רעגירונגען, וואָס שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן פון דעם גרויסן קאַפּיטאַל, און איז געצילט אף צו פאַרשטאַרקן דעם וווּקס פון דער באַוואָפענונג.

מימעאָגראַף — האַנט־אַפּאַראַט אף דרוקן און פאַרמערן פלוג־בלעטלעך און מאַנוסקריפּט־טעקסט.

מעטראָפּאָליע — א קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע, וואָס האָט קאָלאָניעס.

מעליאָראַציע — די פאַרבעסערונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, דאָס באַוואַסערן, אויסטריקענען דעם באָדן, פאַרניכטן די גריבער, פאַרבעסערן די וועגן און אזוי ווייטער.

נאַציאָנאַלע האַכנאָסע — דער גאַנצער סכום מאַטעריעלע ווערטן, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין פאַרלויף פון א באַשטימטן טערמין (געווײנלעך פאַר א יאָר) אין דעם געגעבענעם לאַנד.

נאַציאָנאַלע האַכנאָסע הייסט אויך דער סכום אינדיווידועלע האַכנאָסעס פון אלע איינוווינער פון דעם געגעבענעם לאַנד פאַר א באַשטימטן טערמין (געווײנלעך פאַר א יאָר).

נייטראַליזירן — באַזייטיקן, אָפּהאַלטן פון אריינמישן זיך, פאַרגעפאַרלאָזיקן די אומגעוווּנטשענע אייגנשאַפטן פון א וואָסער ניט איז דערשיינונג. לענין פלעגט זאָגן, אז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט גענומען די מאַכט, דאַרף נייטראַליזירן דאָס מיטלפויערטום, דאָס הייסט, אָפּהאַלטן עס פון ארויסטרעטונגען אף דער זייט פון דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט.

נייטראַליטעט — דאָס ניט אריינמישן זיך.

סאַבאָטאַזש — מעטאָד פון קאַמף, וועלכער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס דער אַרבעטנעמער טוט אָדער א ניט נויטיקע, צוועקלאָזע אַרבעט, אָדער ער אַרבעט אומיסטן לאַנגזאַם, נאָר לעפּאָנים וועגן; דאָס פּאַסיווע אָפּזאָגן זיך צו אַרבעטן מיטן צוועק צו שעדיקן.

ס ט א ב י ל י ז א צ י ע — דאָס פארפעסטיקן, איינשטעלן א גלייכגעוויכט, שטאנדהאפטיקייט.

ס ט א נ ד א ר ט י ז א צ י ע — אויסארבעטן אינדוסטריעלע זאכן לויט אן איינהייטלעכן, איינגעשטעלטן מוסטער (א באגרעניצטע צאָל איינארטיקע סאָרטן).

ס ט ר א ט ע ג י ע — די קונסט צו פירן מילכאָמעס אָדער א פּאָליטישן קאמף — דער אלגעמיינער פּלאן פון קאמף.

ס י ט י — דער נאָמען פון דעם געשעפט־צענטער אין לאָנדאָן, ווו עס געפינען זיך די הויפּט־בענק און קאָנטאָרן.

ס י נ ד י ק א ט — 1) אין די קאפּיטאליסטישע לענדער איז דאָס א פאראייניקונג פון די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, בא וועלכער די באזונדערע אונטערנעמונגען, וואָס גייען אַריין אין דער פאראייניקונג, בלייבן זעלבשטענדיק אין געביט פון פּראָדוצירן סכוירעס, אָבער זייער האנדל מיט דידאָזיקע סכוירעס ווערט געפירט אונטער דער אָנפירונג פון דער אלגעמיינער פארוואלטונג, וואָס טיילט פאנאנדער די אָפּזאץ־מערק; 2) אין ראטנפארבאנד איז דער סינדיקאט א פאראייניקונג פון א גרופּע גלייכע טרעסטן (זע דעם וואָרט אויבן) פאר אָפּזעצן אף אן אָרגאניזירטן אויפן זייער פּראָדוקציע; 3) דער נאָמען פון די פּראָפאראיינען פון די ארבעטער אין פראנקרייך, שפּאניע און אין אנדערע לענדער.

ס י נ ד י ק א ל י ז ם — (סינדיקאט—פּראָפאריין) — א באזונדערע ריכטונג אין דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באוועגונג. די גרונטלאגן פון דעם סינדיקאליזם זיינען דאָס קעגנשטעלן דעם סינדיקאט דער פארטיי, דאָס אָפּזאָגן זיך פון געמיינזאמע אקציעס מיט די סאָציאליסטישע פארטייען, דאָס ניט וועלן אָנערקענען די אָנפירונג פון דער פארטיי. דער סינדיקאליזם וואַרפט אָפּ מארקס אידייע וועגן דעם, אז עס איז נויטיק דער פּראָלעטאריאט זאָל פארכאפּן די פּאָליטישע מאכט און זאָל איינשטעלן די פּראָלעטארישע דיקטאטור, און שטעלט קעגן דערדאָזיקער אידייע דעם אלגעמיינעם שטרייק, וועלכן ער האלט אלס גרונטיקן קאמף־מעטאָד. דעם פארלאמענטארישן קאמף לייקנט אָפּ דער סינדיקאליזם. בא היינטיקן טאָג איז דער סינדיקאליזם ארייגגעטראָטן אין א יערידע־פּעריאָד, די לינקע סינדיקאליסטן שליסן זיך אָן אָן דעם פּראָפינטערן, א קליינער טייל סינדיקאליסטן פאלט ארונטער אונטערן איינפלוס פון דער סאָציאל־דעמאָקראטישער פארטיי (זע אויבן דאָס וואָרט אנארכאָ־סינדיקאליזם).

ס ע ק ט אָ ר — טייל, באצירק, אָפּשניט, אין דער מאטעמאטיק רופט זיך אָן סעקטאָר דער טייל פון דעם קרייז, וואָס געפינט זיך צווישן צוויי ליניעס (ראדיוסן), וועלכע גייען פונעם צענטער פונעם קרייז צו צוויי פונקטן פונעם קרייז.

ס ע ק ט ע — א גרופּע פּערזאָנען, וואָס זיינען פאראייניקט דורך דער געמיינזאמקייט פון די אָנשויונגען, וועלכע אונטערשיידן זיך פון די אלגעמיין־אָנגענומענע רעליגיעזע, אָדער פּאָליטישע לערערס. א סעקטע כאראקטעריזירט זיך מיט דעם אויסערגעווייגלעכן שמאָלן קרייז אָנטייל־נעמער אירע, וועלכע זיינען ניט פארבונדן מיט די מאסן.

עטאַפּ — 1) אַן אָרט, ווו עס שטעלן זיך אָפּ אין וועג אַרעסטאַנטן; 2) פּונקטן פון דער אַנטוויקלונג פון אַ וואָסער ניט איז באַוועגונג, פון אַ פּראָצעס.

עפּאָכע — אַ פּעריאָד אין דער געשיכטע, וואָס אונטערשיידט זיך מיט זײַנע באַזונדערע שטריכן, אָדער וואָס איז פֿאַרצײַכנט מיט וואָס פֿאַר אַ ניט איז גרויסע געשעעניש, לעמאָשל, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע, די עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע א. א. וו.

עקאָנאָמיזם — אַזוי האָט זיך אָנגערופן די פּשאָרע־מאַכערשע שטרעמונג אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין סאָף פון 90־ער און אין אָנהויב פון די 900־ער יאָרן. די עקאָנאָמיסטן האָבן אָפּגעלייקנט דעם פּאָליטישן קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס, זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון די אַרבעטער איז צו קעמפן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער מאַטעריעלער לאַגע (עקאָנאָמישער קאַמף), אָנפירן אָבער מיטן פּאָליטישן קאַמף דאַרף די בורזשואַזיע.

עקבער־מאַשין (ווורובאָווע מאַשין) — אַ מאַשין אַף אַרויסצובאַקומען קוילן, זי פאַרבייט דעם קוילנהאַקערס האַנט־אַרבעט אין דער שאַכטע.

עקספּאָרט — דאָס אַרויספירן סכוירעס אָדער קאַפּיטאַלן קיין אויסלאַנד.

עקספּראָפּריאַציע — אָפּנעמען מיט געוואַלט דאָס פּריוואַט־אייגנטום פאַרן געזעלשאַפטלעכן באַנוץ.

פּאַקט — אָפּמאַך צווישן רעגירונגען פון פאַרשיידענע מעלוכעס.

פּאַראַליזירן — אָפּשטעלן די ווירקונג פון וואָס ניט איז, אָפּנעמען די קראַפט.

פּאַריזער קאָמונע — (פּאַריז — די הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך) — 18־טן מאַרט—20 מיי 1871 יאָר — דער ערשטער פּרווו אין דער געשיכטע צו פאַרווירקלעכן די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. נאָך דער מאַפּאָלע פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אין דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מילכאָמע אין 1871 יאָר און נאָכדעם, ווי, אַלס רעזולטאַט דערפון, איז צעקלאַפּט געוואָרן די מאָנאַרכיע פון נאַפּאָלעאָן דעם 3־טן, האָבן די פּאַריזער אַרבעטער, אויפגערעגטע פון דער פאַרעטערישער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע, געמאַכט אַן אויפשטאַנד דעם 18־טן מאַרט 1871 יאָר. די בורזשואַזע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין ווערסאַל (פּאַריזער פּאָרשטאָט). די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון דער צענטראַלער קאָמונאַלער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע (די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז באַשטאַנען פון פּאַריזער באַוואָפנטע אַרבעטער). אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די צענטראַלע קאָמונאַלע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איבערגעגעבן די מאַכט דער קאָמונע, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַפן סמאַך פון דעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט.

באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס די אַרבעטער האָבן ניט פאַרפאָלגט די אַנטלאָפענע רעגירונג און זײַנען אין פאַרלויף פון 10 טעג געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן און דורכפירן די וואַלן אין דער קאָמונע, האָט די בורזשואַזיע, וואָס האָט באַקומען אונטערשטיצונג פון פּרייסן, אָנגעהויבן אַן אָנגריף אַפן רעוואָליוציאָנערן פּאַריז. ניט געקוקט אַף דער העלדישער פאַרטיידיקונג, איז דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט ניט געווען בעקויעך אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם אָנגריף פון דער בורזשואַזיע און דעם 20 מיי 1871 יאָר האָט דאָס

רעגירונג=מיליטער פאַרנומען פּאַריז. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע
געקעמפּס אָן די אַרבעטער, די בלוטיקע מיי=וואָך, ווען מע האָט די קאָמונאַרן
צעשאָסן מאַסנווייז (דערין אויך פרויען און קינדער) אָן אַ געריכט. ניט
געקוקט אַף דעם, וואָס די פּאַריזער קאָמונע האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט
(72 טעג), האָט זי דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל=
עקאָנאָמישע מאָסנאָמען, ווי: די אַלגעמיינע באַוואָפענונג פונעם פאָלק, די
אויסגעוויילטקייט פון אַלע אַמט=פּערזאָנען (ציווילע און מיליטערישע), דאָס
אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע און דאָס נאַציאָנאַליזירן דאָס קירך=אייגנ=
טום, דאָס אָפּטיילן די שול פון דער קירכע, אַרבעטשוץ=מאָסנאָמען, דאָס
אויסגלייכן דעם אַרבעט=לוין פון די אַרבעטער מיט די אַמט=פּערזאָנען און
אַ ריי אַנדערע מאָסנאָמען. דער הויפּט=פעלער פון דער פּאַריזער קאָמונע
איז געווען דאָס, וואָס, אָנשטאָט אויסנוצן די אָפּהענטיקייט פון
דער בורזשואַזיע און גיין מאַכן אַן אָנגריף אַף ווערסאַל, האָט זי זיך באַ=
גרענעצט מיט פאַרטיידיקונג. די פּאַריזער קאָמונע האָט אויך ניט פאַרכאַפּט
צו זיך אין די הענט דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן באַנק און האָט אַזוי אַרום
איבערגעלאָזט בא דער בורזשואַזיע אין די הענט קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע
מיטלען, האָט ניט באַוויזן איינצושטעלן פאַרבינדונגען און צוציען אַף איר
זייט דאָס פּויערטום. דיזאָזיקע פעלערן דערקלערן זיך דערויקער מיט זער
ניט=צוגעגרייטקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט און מיט דעם, וואָס עס איז ניט
געווען קיין עמעסע רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט מיט אַ
קלאָרער קאַמף=פּראָגראַם. ניט געקוקט אַף די פעלערן פון דער קאָמונע און
אַף איר מאַפּאַלע, איז איר באַדייטונג אַ קאָלאָסאַלע. זי איז געווען די פאָר=
געשטאַלט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, די ערשטע אַרבעטער=
רעגירונג. די דערפאַרונג פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט אַ קאָלאָסאַלע באַ=
דייטונג פאַר דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג. דיזאָזיקע דערפאַ=
רונג האָבן אויסגענוצט מאַרקס און לענין באַם פאַנאַנדעראַרבעטן די טעאָריע
פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

פּלאַטפאָרם — אָנשויונגס=סיסטעם פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי איבער באַ=
שטימטע פראַגן.

פּראָבלעם — אויפגאַבע, אַ ניט געלייזטע פראַגע, אָדער אַ פראַגע, וואָס ס'איז
שווער צו לייזן.

פּראָטעקציאָניזם — פּראָטעקציע=פּאָליטיק פון אַ וועלכן ניט איז לאַנד.
באַשטייט דערין, וואָס, קעדיי צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע פון איר לאַנד,
סטימולירט די רעגירונג דיזאָזיקע אַנטוויקלונג אין לאַנד גופע, באַשיצנדיק
זי פון אויסלענדישער קאָנקורענץ. די מאָסנאָמען פון דעם פּראָטעקציאָניזם
זיינען: דאָס באַשטייערן די סכוירעס, וואָס ווערן אַריינגעפירט פון אויסלאַנד,
מיט גרויסע אָפּצאָלן, דאָס געבן דער אָרטיקער אינדוסטריע פאַרשיידענע
לגאָטעס: געלט=סובסידיעס, שטיצע, רעגירונגס=באַשטעלונגען א. א. וו.

פּריווילעגיע — בכוירע, אויסשליסלעכע רעכט, וואָס ווערן געגעבן אין סיי=
דער פון מאַכן אַן אויסנאַם פון די אַלגעמיינע קלאָלים.

פּרינציפּ — אָנפירנדיקער קלאַל פון דער טעטיקייט, גרונטלאַגע, וואָס דאַרף
אָפּגעהיט ווערן בא יעדן באַזונדערן, אַפילע קלענסטן מאָסטיטל.

פּרעסטיזש — אויטאָריטעט, איינפלוס, באַדייטונג.

פאַלסיפיקאַציע — פעלשונג.

פאַשיזם — (דאָס וואָרט „פאַש“ באַטייט אַף איטאַליעניש בינטל) — אָפענע, ניט פאַרדעקטע דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. דער פאַשיזם איז איינע פון די קלאַסן־פאָרמען פון דער קאָנטר־רעוואָליוציע אינעם פעריאָד פון דער צעפאַלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און פון פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציעס. קעדיי צו זיכערן פאַר זיך אַ גרעסערע שטאַנדהאַפטיקייט פון דער מאַכט און די פעסטקייט אירע, גייט אריבער די בורזשואַזיע פון דער פריערדיקער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם צו אַ פאַשיסטישן מעטאָד, — דאָס הייסט צום מעטאָד פון אָפענער טעראָריסטישער דיקטאַטור. אויסנוצנדיק די אומצופרידנקייט פון דעם שטאָטישן און דאָרפישן קלייבירגערטום און פון דער אינטעליגענץ, שטרעבט דער פאַשיזם אין דערזעלבער צייט אריינצודרינגען אויך אין דער אַרבעטער־סוויווע, ווערבירנדיק די סאַמע אָפּגעשטאַנענע שיכטן אַרבעטער און אויך די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די הויפּט־אויפגאַבע פונעם פאַשיזם איז צו צעקלאַפּן דעם רעוואָליוציאָנערן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד, דאָס הייסט די קאָמוניסטישע שיכטן פּראָלעטאַריאַט און זייער אָנפירנדיקן באַשטאַנד. באַ היינטיקן טאָג נעמט אָן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ פאַשיסטישן כאַראַקטער און ווירקט מיט דערמיט סיי די צוגרייטונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור און סיי איר פאַרווירקלעכונג.

דער פאַשיזם איז צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען אין איטאַליע. אַציַנד זיינען פאַראַן פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס קימאַט אין אַלע בורזשואַזע מעלוכעס, האָבנדיק פאַרשיידענע נעמען („שטאָלענער העלם“ — דייטשלאַנד; „פראָנטלייט“ — עסטרייך; „קו־קלוקס־קלאַן“ — צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַריייניקטע שטאַטן א. ד. גל.). כוץ איטאַליע זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פאַשיסטישע איבערקערענישן אויך מיטן אָנטייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פּוילן, עסטרייך, פינלאַנד, רומעניע און טיילווייז אויך אין דייטשלאַנד. די פאַשיזירונג פון אַלע לענדער גייט מיט שנעלע טריט.

פעאָדאַליזם — (פעאָד באַטייט ערד־ביילעק) — געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז געווען פאַרן קאַפּיטאַליזם. דער פעאָדאַליזם כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער הערשאַפט פון דעם גרויסן פּריצישן ערד־באַזיץ. באַם פעאָדאַליזם איז דאָס לאַנד געווען איינגעטיילט אַף אַבסאָליוט־זעלבשטענדיקע ערד־באַזיצן פון די גרויסע פעאָדאַלן, אין יעדן באַזיץ אַזאַ זיינען געווען אייגענע פּאַראַנדקעס, געוווינהייטן, אַן אייגן מיליטער א. א. וו. אין זיין באַזיץ איז דער פעאָדאַל געווען אַ פולשטענדיקער באַלעבאָס, אַבסאָליוט אומאָפּהענגיק, אונטערוואַרפנדיק זיך בלויז דעם קעניג, וואָס איז דאַן געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער גרעסטער, דער מעכטיקסטער פעאָדאַל.

מיטן וווּקס פון דעם האַנדל און פון דער האַנטווערקעריי האָבן די פעאָדאַלע פּאַראַנדקעס אָנגעהויבן שטערן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט. אַזוי, לעמאָשל, האָט די אָפּגעזונדערטקייט פון די פעאָדאַלע באַזיצן געשטערט די אַנטוויקלונג פון די האַנדלס־באַציונגען; די לייבאייגנטימערשע, פאַרקנעכטעטע פּויערים האָבן ניט געקאָנט זיכערן די נויטיקע אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט אין די אויפגעקומענע פאַבריקן. דער נייער קלאַס קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָט געהאַלטן אין אויפקומען, האָט ניט געקאָנט שאַלעם

מאכן מיט די פעאָדאַלע פּאָראַנדקעס, וואָס האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג. פון קאַפּיטאַליזם. אַלס רעזולטאַט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס די בורזשואַזיע האָט געפירט קעגן די פּריצים און זייער מעלוכע, האָט דער פעאָדאַליזם — די פּריצישע אָרדענונג — געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

פעדעראַציע — א פאַרייניקונג פון עטלעכע זעלבשטענדיקע געגנטן אָדער מעלוכעס אין איין פּאָליטישן בונד אונטער אַ געמיינזאַמער צענטראַלער מאַכט; יעדערער פון די פעדעראַטיווע אייגסן איז אין זיינע אינערלעכע פאַרוואַלטונגס-איניאָנים זעלבשטענדיק און די באַזונדערס וויכטיקע אַלגעמיין-מעלוכישע איניאָנים (פראַגן פון מילכאָמע און שאָלעם, מיליטערישע פּאָליטיק א. ד. גל.) לייזט די צענטראַלע מאַכט פונעם גאַנצן פאַרבאַנד.

פעלקער-ליגע — פאַרייניקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער מילכאָמע אין די יאָרן 1914—1918 (אָפיציעל האָט זיך די ליגע געעפנט אין 1920) מיטן ציל, קלוימערשט, צו „זיכערן די אינטערנאַציאָנאַלע מיטאַרבעט, שאָלעם און נעפאַרלאָזיקייט דורך איינשטעלן אָפענע, יושרדיקע און ערלעכע באַציונגען צווישן די פעלקער" (פון דעם סטאַטוט פון דער פעלקער-ליגע). אין דער ווירקלעכקייט, אָבער, האָט די בורזשואַזיע אַרויסגערוקט דיזאָזיקע אידייע פון אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלן בונד אָף אָפּהיטן דעם שאָלעם, קעדיי אָפּצונאַרן די ברייטע מאַסן פּראָלעטאַריאַט און קליינבירגערטום מיט צוויעסדיקע פראַזן וועגן אַלגעמיינעם שאָלעם, קעדיי צוגרייטן אין דער צוקונפט מילכאָמעס. די פעלקער-ליגע דינט אַלס מאַסקע פאַר די אימפּעריאַליסטן אָף צוגרייטן נייע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס און אַרויסצוטרעטן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין דער פעלקער-ליגע גייען אַריין קימאַט אַלע גרויסע אייראָפּעישע מעלוכעס און אויך די בריטישע דאָמיניאָנען (ענגלישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן אַן אייגענע פאַרוואַלטונג), וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אין דער פעלקער-ליגע, קעדיי צו שאַפן דאָרט פאַר ענגלאַנד א דאָמינירנדיקע לאַגע. דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פעלקער-ליגע אין 1925 יאָר, די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן האָבן זיך נים אָנגעשלאָסן אָן דער פעלקער-ליגע, אונטערשטרייכנדיק דערמיט, אַז די אימפּעריאַליסטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן אָנערקענען נים און דערלאָזן נים דאָס אַריינמישן זיך אין זייערע איניאָנים מיצאַד די אייראָפּעישע מעלוכעס. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך, פאַרשטייט זיך, נים אָנגעשלאָסן אָן דער פעלקער-ליגע, אָן דעמדאָזיקן „בורזשואַזן אינטערנאַציאָנאַל", ווו אַלע פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק ווערן געלייזט, אַרויסגייענדיק פון די ריין-אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון די איינצלנע מעלוכעס, דעריקער פון ענגלאַנד און פון פראַנקרייך. נים געקוקט אָף דעם, וואָס די פעלקער-ליגע איז א מאַסקע פון דער ראָצכישער פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, לויבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אָט דיזאָזיקע אָרגאַניזאַציע, אַלס דאָס וויכטיקסטע מיטל אָפּצוהיטן דעם שאָלעם.

פערמער — קליינער און מיטלער ערד-באַזיצער אין מיירעוו-אייראָפּע און אַמעריקע. א פערמער איז אָדער אַן אייגנטימער פון אַן אייגענעם ערד-פּלאַץ, אָדער אַן אַרענדאַטאָר; אי אין דעם, און אי יענעם פאַל הענגט אָפּ

דער פערמער פונעם גרויסן קאפּיטאל. די פארשיידנארטיקייט פון די אינטערעסן פון דעם פערמער און פון דעם גרויסן קאפּיטאליסט שטויסט די פערמערס צו שאפן זייערע אייגענע פּאָליטישע פּארטייען, וואָס פארנעמען געווינלעך א וואקלדיקע פּאָזיציע צווישן די בורזשואזע און אַרבעטערשע פּאַרטייען.

פּראקציע — האָט צוויי באדייטונגען: 1) פאראייניקונגען פון אלע פּארטיי-מיטגלידער, וואָס גייען אריין אין באשטאנד פון א וועלכן ניט איז אויסגעוויילטן אָרגאן. (לעמאָשל, פּראקציע פון צוזאמענפאָר, פּראקציע פון זאווקאָם, אויספּירקאָם א. א. וו.); 2) א גרופּע פּארטיי-מיטגלידער, וואָס זייגען ניט מאסקים מיט דער פּארטיי-ליניע און וואָס רוקן ארויס אין קעגנגעוויכט צו דער פּארטיי-ליניע איבער וועלכע ניט איז פּראגן זייער אייגענעם שטאנדפּונקט, שאפן בא זיך א דיסציפּלין (פּראקציע-דיסציפּלין) אין קעגנגעוויכט צו דער אַלגעמיין-פּאַרטייִשער דיסציפּלין, שטעלן זיך קעגן דער פּארטיי און קעמפן קעגן איר. דער סטאטוט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פארווערט די עקזיסטענץ פון פּראקציעס אין דער פּארטיי, ווייל זיי שוואכן אָפּ די פּארטיי-דיסציפּלין און ווירקן מיט דער אלגעמייגער אָפּשוואכונג פון דער פּארטיי. די פאָדערונג פון פּראקציע-פרייהייט איז געווען איינע פון די פאָדערונגען פון די טראָצקיסטן.

צימערוואלדער קאָנפערענץ — די קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאטיוו פון דער איטאליענישער סאָציאליסטישער פּארטיי. די קאָנפערענץ האָט געדארפט פארטרעטן די סאָציאליסטן, וואָס האָבן ניט געשטימט פאר די מילכאָמע-קרעדיטן. זי איז פאָרגעקומען דעם 5-טן סענטיאבער 1915 יאָר אינעם שווייצארישן דערפל צימערוואלד. אף דער קאָנפערענץ זייגען געווען פארשטייער פון די סאָציאליסטישע פּארטייען פון דייטשלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד, פּוילן, שוועדן, נאָרוועגיע, האָלאנד, שווייץ און פון די באלקאנישע לענדער. אף דער קאָנפערענץ איז געגאנגען א קאמף צווישן דער צענטריסטישער מערהייט און די פאָרשטייער פון דעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם (וואָס בעראָש פון זיי איז געשטאנען לענין). די ראַדיקע רעוואָליוציאָנערע מינדערהייט האָט זיך אויסגעפורעמט אין פראקציע ("צימערוואלדער לינקע"). אינעם נאָמען פון דער "צימערוואלדער לינקער" איז ארייגגעטראָגן געוואָרן א רעזאָליוציע, אין וועלכער עס איז נעגעבן געוואָרן אן אויסשעפּנדיקע כאראקטעריסטיק פון דער מילכאָמע און עס איז ארויסגערוקט געוואָרן די גרונטלאגע, אז דאָס איינציקע מיטל ניט צו דערלאָזן ווייטער די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע איז דער קאמף קעגן דעם קאפּיטאליזם פאַרן סאָציאליזם. פון דאנען זייגען אויך ארויסגעדרונגען די פּראקטישע אויפגאבן, וואָס זייגען געשטאנען פאר די פּארטייען און וואָס זייגען באשטאנען אין דער נויטיקייט צו פארוואנדלען דעם בירגער-פרידן, וואָס וועגן אים האָבן געטרוימט די צענטריסטן, אין א בירגער-קריג. דער רעכטער (צענטריסטישער) פליגל פון דער קאָנפערענץ האָט זיך ארויסגעזאָגט קאטעגאָריש קעגן דער ליניע פון די לינקע, וואָס איז געווען געצילט אף איינרייסן מיט די אָפּאָרטוניסטן און אף שאפן א דריטן אינטערנאציאָנאל. נאָך א לאנגדויערנדיקן קאמף איז אף דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן א מאניפעסט, וואָס איז געווען אסאך ווייניקער קלאָר און אנטשיידן, איידער

די רעזאָליוציע, וועלכע ס'האָט פאָרגעלייגט די „צימערוואַלדער לינקע". די באַדייטונג פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ באַשטייט דעריקער אין דער שטעלונג פון דער „צימערוואַלדער לינקער", וואָס איז געוואָרן דער יאָדער פונעם צוקונפטיקן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אינגיכן נאָך דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען די קינטאַלער קאָנפערענץ (זע דאָסדאָזיקע וואָרט ווייטער).

צ י נ י ז ם — אומפאַרשעמטקייט, גראָבע אָפנהערציקייט.

צ ע נ ט נ ע ר — א וואָג=מאָס, וואָס באַטרעפט 100 קילאָגראַם, 0,1 פון א טאָן, באַטרעפט אומגעפער 6 פוד.

צ ע נ ט ר י ז ם — א שטרעבונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער און באַזונדערס אין דער דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע. אין דעם קאַמף פון די רעכטע און לינקע אין דער דייטשישער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע האָבן די פירער פון דעם „צענטער" פאַרנומען א וואַקלדיקע, האַלביקע פּאָזיציע, ניט באַשליסנדיק זיך אָפן צוצושטיין ניט צו די רעכטע, ניט צו די לינקע. באַם „צענטער" איז די הענט איז געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי, אָבער דער פּשאָרעמאַכערישער „צענטער" איז ניט געווען פעיק אָפּצוהיטן א לאַנגע צייט א צווישנדיקע פּאָזיציע צווישן די ביידע עקסטרעמע גרופּעס. מיט דער צייט זיינען די צענטריסטן איבערגעבאָרן געוואָרן און האָבן זיך פּאַמעלעך דערנעענטערט צו די רעכטע. די רעכטע האָבן ביסלעכווייז, אָנשפּאַרנדיק זיך אָפן וואַקלדיקן „צענטער", אריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די מאַכט אין דער פּאַרטיי. באַזונדערס בוילעט האָט זיך אַנטפּלעקט דער אָפּאָרטוניזם פון די צענטריסטן ערעוו און בעיס דער מילכאָמע. מיקויעד דער ראָליע פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל בעיס דער מילכאָמע האָט קאַוטסקי, דער פירער פון דעם צענטער, דערקלערט: „דער אינטערנאַציאָנאַל איז ניט קיין ווירקנדיקער מיטל בעיס דער מילכאָמע, וואָס איז אין מאָך גענומען אן אינסטרומענט פון דער פרידנס=צייט". אלס אונטערשייד פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן ארויסגערוקט דעם לאָזונג צו פאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אין א בירגער=קריג, האָבן די צענטריסטן ארויסגעלאָזט דעם לאָזונג — שאַלעם אָן אַנעקסיע און קאָנטריבוציע, ניט רופנדיק דעם פּראָלעטאַריאַט אראָפּצוּוואַרפן זיינע רעגירונגען. דער דורכפירער פון די קאַוטסקיאַנישע אָנשויונגען (פון דעם צענטריזם) אין רוסלאַנד איז געווען טראָצקי.

ק אָ א ל י צ י ע — צייטווייליקער בונד פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, וואָס פאַרייניקן זיך אויף א געמיינזאַמער פּלאַטפאָרם. קאָאַליציע באַטייט קלאַל ניט, אז אלע פּאַרטייען, וואָס זיינען אריינגעטראָטן אין דער קאָאַליציע, אין דעם בונד, אין דער פאַרשטענדיקונג, זיינען אין א גלייכער מאָס מאַקריוו זייערע אינטערעסן, קעדיי צו געפינען א געמיינזאַמע שפּראַך. אויב האָס איז נאָך צו באַמערקן צווישן די בורזשואַזע פּאַרטייען, באַטייט אָבער די קאָאַליציע פון די ארבעטער=פּאַרטייען מיט די בורזשואַזע, אז די ארבעטער=פּאַרטייען זאָגן זיך פולשטענדיק אָפּ פון זייערע קלאַסן=אינטערעסן און פאַלן ענדגילטיק אריין אין געפאַנגענשאַפט צו דער בורזשואַזיע. דעריבער איז די פאַרשטענדיגונג, די קאָאַליציע פון די ארבעטער=פּאַרטייען מיט דער בורזשואַזיע א פּאַראַט פון די ארבעטער=אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

קאוטסקי קארל (געבאָרן געוואָרן אין 1854 יאָר) — אָנגעזעעגסטער טעאָ-
רעטיקער און טוער פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פונעם
צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. זייענדיק אין אָנהויב פון זיין טעטיקייט א רעוואָ-
ליוציאָנערער מאַרקסיסט און קעמפנדיק קעגן בערנשטיינען, וואָס האָט זיך
געפרוווט רעווידירן מארקסן (זע אויבן דאָס וואָרט בערנשטיין)., האָט קאוט-
סקי שפּעטער אָנגעהויבן אָוועקצוגיין פון דער רעוואָליוציאָנערער מאַרקסיס-
טישער פּאָזיציע. ווען די מילכאָמע איז אָנגעקומען, האָט קאוטסקי פאַרנומען
א האַלביקע, וואַקלדיקע פּאָזיציע און האָט זיך באמיט מיט אַלע טעאָרעטישע
שפּיצלעך צו דערווייזן, אז פאַרטיידיקן דאָס אייגענע פאָטערלאַנד הייסט
קלאַל ניט פאַראַטן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם. ער איז געשטאַנען בעראָש פון
דער צענטריסטישער שטרעמונג פון דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע
(זע דאָס וואָרט צענטריזם). די לעצטע צייט האָט ער זיך אינגאנצן אראָפּגע-
קייקלט צו בערנשטיינס רעכטע רעאַקציאָנערע אָנשויונגען. צו דער אָקטיאַ-
בער-רעוואָליוציע באַציט ער זיך זייער פיינטלעך, ביז היינטיקן טאָג שטיצט
ער אונטער די פּאָדערונג וועגן אן אינטערווענץ אין ראַטנפאַרבאַנד. אין זיין
לעצטן ווערק וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זאָגט ער זיך גאַנץ אָפּן
אָפּ פון ווי וויכטיקסטע גרונטלאַגן פון דעם מאַרקסיזם.

קאָלאָניע — אן עקאָנאָמיש-אָפּגעשטאַנען לאַנד, וואָס איז פאַרקנעכט און
ווערט עקספּלואַטירט דורך די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע באַקומען
אין דער קאָלאָניע ביליקן רויוואַרג, פאַרקויפן דאָרט זייערע סכוירעס (קאָלאָ-
ניע איז דער מאַרק פון רויוואַרג און אָפּזאַץ), פירן אַרויס אהינצו זייערע
קאַפּיטאַלן, בויען דאָרט פאַבריקן און זאַוואָדן, אויסנוצנדיק זיך דערמיט,
וואָס דאָרט זיינען פאַראַן ביליקע אַרבעט-הענט און רויוואַרג. צווישן די
גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס גייט א פאַרצווייפלטער קאַמף פאַר די-
דאָזיקע קאָלאָניעס.

קאָמבינאַט — דאָס פאַרייניקן אין די הענט פון איין קאַפּיטאַליסטישער
פאַרייניקונג פאַרשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וואָס שטעלן מיט זיך
פאָר אָדער די קעסיידערדיקע שטופעס פון באַאַרבעטן רויוואַרג (לעמאָשל,
אויסשמעלצן טשוהון פון ערץ און איבערמאַכן דעם טשוהון אין שטאָל און
דאָסווייטערדיקע פּראָדוצירן די אָדער יענע פּראָדוקטן פונעם שטאָל),
אָדער וואָס שפּילן אַ באַהילפיקע ראָל איינע פאַר די אַנדערע (לעמאָשל,
דאָס באַאַרבעטן דעם אָפּפאַל אָדער די זייטיקע פּראָדוקטן, דאָס פּראָדוצירן
פּאַק-מאַטעריאַלן א. א. וו.).

קאָנווייער — א ברייטער באַוועגלעכער פאַס, אָדער קייט, וואָס ווערט איינ-
געשטעלט אין אונטערנעמונגען מיטן צוועק, אז די אַרבעט זאָל גיין אָן
אויפהער, ווי אן אָנגופהערלעכער שטראָם. בא א קאָנווייער שטייען די אַרבע-
טער אף איין אָרט און די זאַך, וואָס ווערט באַאַרבעט, באַוועגט זיך פאַרביי
זיי אף א באַוועגנדיקער סטענגע, יעדער אַרבעטער מאַכט בלויז זיין, שטרענג
באַשטימטן, טייל אַרבעט, שטענדיק איינעם און דעמזעלבן, דערביי מיט אזא
שנעלקייט, אז ער זאָל קאָנען באַווייזן צו מאַכן אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק, קאָל-
זמאַן די זאַך באַוועגט זיך פאַרביי אים.

קאָנטראַקטאַציע — אין ראַטנפאַרבאַנד — אַן אַפּריערדיקער אָפּמאַך פון די מעלוכישע פאַרגרייטונגס־אָרגאַניזאַציעס מיט די פויערים, אַז די פויערים זאָלן אַף באַשטימטע באַדינגונגען צושטעלן די פּראָדוקטן, וואָס זיי פּראָדוצירן (לעמאָשל, בורעקעס, ליין, טווע, בוימוואָל און אַנדערע). דאָס נעמט זיך פון דעם וואָרט קאָנטראַקט, וואָס באַטייט אָפּמאַך.

קאָנספּירירן — אַרבעטן געהיים, אומלעגאַל, אונטערערדיש, פאַרבאַהאַלטן פון די סאָנים. מיט קאָנספּיראַציע האָבן זיך באַנוצט די רעוואָליוציאָנערן אין רוסלאַנד אין דער עפּאָכע פון קאַמף קעגן דעם צאַרישן רעזשים. מיט קאָנספּיראַציע באַנוצן זיך אויך אַצינד די קאָמפּאַרטייען אין יענע לענדער, וו זיי זייַנען אומלעגאַל.

קאָנפיסקאַציע — דאָס אָפּנעמען אָן געצאָלט דאָס פּריוואַט־אייגנטום לעטוּוועס דער מעלוכע, לויטן אורטייל פון געריכט, פאַר א פאַרברעכן, אָדער אַלס אַלגעמיין מאָסמיטל אין דער צייט פון דער רעוואָליוציע. אין דעם פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע באַקומט קאָנפיסקאַציע די באַדייטונג פון אַ מיטל פון קלאַסן־קאַמף: עס ווערן קאָנפיסקירט באַשטימטע קאַטעגאָריעס אייגנטום (פאַבריקן, פאַרמעגן און ד. גל.) בא באַשטימטע פּערזאָנען — גרויסע קאַפּיטאַליסטן.

קאָנפליקט — שטרייט, צוזאַמענשטויס.

קאָנצענטראַציע — צונויפזאַמלען אין איין פּונקט, פאַרייניקן. **קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל** — הייסט צונויפזאַמלען די קאַפּיטאַלן אין די הענט פון ווייניקע באַזיצער, דערביי ווערט די צאָל באַזיצער אַלץ קלענער, און די גרויס פון די קאַפּיטאַלן, וואָס ווערן אָנגעזאַמלט אין זייערע הענט, פאַרגרעסערט זיך אַלץ.

קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע — דאָס קאָנצענטרירן די פּראָדוקציע אין ווייניקע גיגאַנטישע אונטערנעמונגען און דאָס אַרויסשטופּן די קליינע אונטערנעמונגען, וואָס האַלטן ניט אויס די קאָנקורענץ.

קאָנצעסיע — דאָס אָפּגעבן מיצאַד דער מעלוכע אין לאַנג־טערמיניקער אַרענדע צו פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, דעריקער אויסלענדישע, אַ וואָסערע ניט איז מעלוכישע אונטערנעמונג; אַ דערלויבעניש, וואָס די רעגירונג גיט א פּריוואַטער פּערזאָן אַף עפּענען אונטערנעמונגען, וואָס האָבן א געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער (וואַסער־לייטונג, טראַמוויי א. א. וו.). אין ראַטנפאַרבאַנד ווערן קאָנצעסיעס געגעבן אַף יענע אונטערנעמונגען, וועלכע די קריפטן פון דער מעלוכע קאָנען ניט אויסנוצן, און ביטנאַי, אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן אַלע קענגזייטיקע פאַרהעלטענישן, וואָס זייַנען אייַנגעשטעלט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד צווישן די אַרבעטער און אונטערנעמער.

קאַרטעל — אַזאַ פאַראייניקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, בא וועלכער די אונטערנעמונגען האָבן די פולע זעלבשטענדיקייט און פאַרשטענדיקן זיך איין צווישן זיך בלויז וועגן די פּרייזן, אַף וועלכע עס ווערט פאַרקויפט די סכוירע.

קילאָגראַם — 1000 גראַם (בא 2,44 פון דעם אַלטן פונט).

קינטאַל — דער נאָמען פון דעם שווייצאַרישן דערפל, וו עס איז פאָרגעקומען די קינטאַלער קאָנפערענץ דעם 24—30 אַפּרעל 1916 יאָר. אין דער־

ראָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט די אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּעס קימאַט פון אלע איירָאָפּעיִשע לענדער, מיטן אויסנאַם פון ענגלאַנד (ווייל די רעגירונג פון ענגלאַנד האָט אָפּגעזאָגט די דעלעגאַטן אַרויסצוגעבן אויסלענדישע פּאַספּאָרטן). די גרונט-פראַגן פון דער קינטאַלער קאָנפערענץ זיינען געווען די פראַגן: 1) וועגן דער באַציִונג צו דער מילכאָמע און 2) וועגן איינרייסן מיט די אָפּאָרטוניסטן. איבער דער פראַגע וועגן מילכאָמע האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ רעזאָליוציע וועגן דער נויטיקייט צו קעמפן פאר א באַלדיקן שאָלעם אָן אַנעקסיע און קאָנטריבוציע.

איבער דער פראַגע וועגן איינרייסן מיט די אָפּאָרטוניסטן האָבן אַף דער קינטאַלער קאָנפערענץ זיך שאַרף צונויפגעשטויסן צוויי שטאַנדפונקטן: דער שטאַנדפונקט פון די צענטריסטן, וואָס האָבן געשטרעבט אופשטעלן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און אַ צווייטער — דער שטאַנדפונקט פון די לינקע מיט כאַווער לענינען בעראָש (די אַזוי גערופענע „צימערוואַלדער לינקע“, זע דאָס וואָרט „צימערוואלד“), וואָס האָט אונטערגעשטראָכן דעם פולשטענדיקן קראַך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געשטעלט די פראַגע וועגן איינרייסן מיט אים און וועגן שאַפן אַ נייעם, אַ דריטן אינטערנאַציאָנאַל. קיין פולשטענדיקן ניצאָכן האָט זיך די לינקע ניט איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן און די קאָנפערענץ איז ניט אַוועק אַף אַן ענדגילטיקן איינרייס מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דאָך אָבער איז דידאָזיקע קאָנפערענץ געווען אַ באַדייטנדיקער טריט פאָרויס אין דער פאַרייניקונג פון די רעוואָליוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען מיט אַ צייט שפּעטער געוואָרן דער יאָדער פונעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פראָדוקציע — טעכניש-אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָסמיטלען אַף צו פאַרבעסערן, פאַרייגפאַכערן און ביליקער מאַכן דעם פראָדוציר-פראָצעס. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פראָדוקציע באַגלייט מיטן קאָלאָסאַלן וווּקס פון די פּראָפיטן פון די קאַפּיטאַליסטן אפן כעזשבן פון דעם פאַרשטאַרקטן דרוק אַף די ארבעטער (פאַרגרעסערונג פון ארבעט-טאָג, פאַרקלענערונג פונעם ארבעט-לוין, וווּקס פון דער אַרבעטלאָזיקייט א. א. וו.).

אינעם ראַטנפאַרבאַנד באַשטייט די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פראָדוקציע אין דעם סאַמע צוועקמעסיקן אויסנוצן די טעכנישע מיטלען, אין אַראָפּזעצן דעם קערן-קאָסט פון דער פראָדוקציע, אין פאַרברייטערן די אינדוסטריע, וואָס שאַפט א פעסטע באַזע פאַר דער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד.

רעאַקציע — אין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן לעבן — דאָס אומקערן זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט, דאָס אופשטעלן די פריערדיקע אָפּגעשטאַנענע געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע פאָרמען און פאָראַנדקעס, אין דאָס ראָוו פאַלן, אַלס רעזולטאַט פון צעקלאַפּן, פון דערדריקן די רעוואָליוציע.

רעאָרגאַניזאַציע — איבערבויען.

רעוויזיאָניזם — (זע אויבן דאָס וואָרט בערנשטיין).

רעזשים — 1) פאַרוואַלטונג-פאָרם (לעמאָשל, דער צארישער רעזשים); 2) ביכלאַל אָרדענונג, לעבנשטייגער.

ר ע נ ע ג אַ ט — אַנטרונענער, פאַרעטער, איינער, וואָס האָט פאַראַטן זיינע איבערצייגונגען, און איז אַריבער אַף דער זייט פון די סאָנים. אַ בוילעטן ביישפיל פון רענעגאַטישקייט שטעלן מיט זיך פאָר די פירער פון די סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פאַרטייען, וואָס זיינען אַריבער אַף דער זייט פון דער בורזשואַזיע און האָבן פאַראַטן די אינטערעסן פון דעם פראָלעטאַריאַט. אַ טיפישער רענעגאַט איז אויך טראָצקי.

ר ע פ אָ ר ם — דאָס ביסלעכווייזע איבעראַנדערשן, דאָס טיילווייזע ענדערן.

ר ע ק אָ נ ס ט ר ו ק צ י ע — דאָס איבערבויען, איבערויסשטאַטן, ראַדיקאַלע איבערבויונג.

ש ט ר י י ק ב ר ע כ ע ר — די אַרבעטער, וואָס גייען אַרבעטן אָנשטאָט די שטרייקנדיקע אַרבעטער. די בורזשואַזיע שאַפט ספעציעלע שטרייקברעכערישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זי האַלט אויס (די אַזוי גערופענע אָרגאַניזאַציע פאַר טעכנישער הילף). די לעצטע צייט שפילט די סאָציאַל=דעמאָקראַטיע אַ שטרייקברעכערישע ראָלע.

אינהאלט

זײַט

קאפיטל 8. די יעסודעס פון פארטיי-סטאטוט 3

1. די אָרגאניזיר-פרינציפּן פינעם באָלשעוויזם 4
2. די פארטיי בא דער מאכט 9
3. וויאזוי איז געבויט די פארטיי 19
4. די פליכטן פון א פארטיי-מיטגליד 24

קאפיטל 9. דער קאמף קעגן מענשעוויזם 31

1. די באָלשעוויקעס וועגן דער רעוואָלוציע 32
2. די מענשעוויקעס וועגן דער רעוואָלוציע 43
3. דער קאמף פאר דער פארטיי אין פעריאָד פון רעאַקציע 46
4. נײַער אופשטײַג 52
5. דער פעריאָד פון דער וועלט-מילכאָמע 57

קאפיטל 10. דער קאמף פאר דער פארטיי 65

1. אף מאָרגן נאָכן פאלן פון דער מאָנארכיע 66
2. די צעפאלונג פון דער סאָציאל-באשיצלערײַ 71
3. דער קאמף איבערן בריסקער שאָלעם 75
4. דער קאמף אין דער פארטיי באם אריבערגיין צום נעפ 78
5. די דיסקוסיע פון די יאָרן 1923—1924 82
6. דער קאמף קעגן אָפּאָרטוניזם אף דעם 14-טן צוזאמענפאָר 86
7. פון א פראקציע ביז א צווייטער פארטיי 93

קאפיטל 11. דער קאמף קעגן רעכטן אָפּנויג און „לינקע" קנייטשן . . . 102

1. וועגן באלעגוף 103
2. וועגן די קעגנזײַטיקע באציִונגען מיטן פויערטום 107
3. דער קאמף קעגן דער פארטיי 110
4. צווישן דער XVI קאָנפערענץ און XVI צוזאמענפאָר 112

קאפיטל 12. דער אימפּעריאליזם איז די לעצטע שטופע פון קאפּיטאליזם . 120

1. פינאנץ-קאפּיטאל 120
2. קאמף פאר דער וועלט-הערשאפט 126
3. די צעפאלונג פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט . . . .

קאַפּיטל 13. קאָמינטערן 138

1. די פּראָגראַם און סטאַטוט פון קאָמינטערן 138
2. דער קאַמף פאַר די מאַסן 148
3. קאָמינטערן און דאָס פּויערטום, די קאָלאָניאַלע פּראַגע 154
4. דער קאַמף קעגן אָפּנויגן אין קאָמינטערן 157

קאַפּיטל 14. דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פסס"ר 166

1. דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס 166
2. דער אָנוווקס פון פּאָליטישן קריזיס 172
3. פסס"ר אין דער אַרומרינגלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס 186

ווערטער-טײַטש 196

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ. ס. ר.

מאָסקווע, צענטער, ניקאָלסקאַיאַ, 10

ליטעראַטור וועגן 16-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר

פּרייז

י. סטאַלין — פּאָליטישער באַריכט פונעם צ. ק. 208 ז. . 25 ק

ל. מ. קאַהאַנאָוויטש — אָרגאַניזאַציאָנעלער באַריכט פונעם צ. ק. 144 ז. . . . . 18 ק.

י. יאַקאָוולעוו — די קאָלווירטישע באַוועגונג און דער אופשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט. 152 ז. . . . . 22 ק.

וו. מ. מאָלאָטאָוו — באַריכט פון דער דעלעגאַציע פון אל. ק. פּ. (ב.) אין אויספירקאָם פונעם קאָמינטערן, 111 ז. . . . . 20 ק

ס. אָרדזשאָניקידזע — באַריכט פון דער צ. ק. ק. — אַרבעטער-פּויערשער אינספּעקציע. 136 ז. . . . . . . 20 ק.

וו. וו. קויבישעוו — וויאַזוי עס ווערט אויסגעפילט דער פינפיאָריקער פּלאַן פון דער אינדוסטריע. 160 ז. . . 25 ק.

נ. מ. שווערניק — די אופגאַבן פון די פּראָפאַריינען אינעם רעקאָנסטרוקטיון פּעריאָד. 128 ז. . . . . 20 ק.

רעזאָלוציעס פונעם XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. 136 ז. . 22 ק.

נ. יעליזאַראָוו — די קאָלווירטישע באַוועגונג און דער אופשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט. 88 ז. . . . . 25 ק.

באָיאַרסקי — דער 16-טער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר וועגן דער אַרבעט פון די פּראָפאַריינען, 56 ז. . . . . 20 ק.

פּ. כאַווין — אפן שוועל פונעם דריטן יאָר פונעם פינפיאָר (וואָס האָט באַשטימט דער XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר וועגן דער אינדוסטריע) 56 ז. . . . . 25 ק.

וו. סאַבאָליעוו — די געבוריק-קאָאָפּעראַציע און די באַשלוסן פונעם 16-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. 16 ז. . . 5 ק.

ל. טאַנדיט — וואָס האָט באַשלאָסן דער XVI צוזאַמענפאָר פון אלק"פּ (ב). 56 ז. . . . . 15 ק.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

1) Москва, Центр, Никольская, 10, Центриздат
2) Москва 9, Кузнецкий мост, 4, Книгопочта Центриздата

און אין אַלע אָפּטיילונגען פונעם פארלאג אף די ערטער

צענטראלער פעלקער-פארלאג
באם פרעזידיום פון צ. א. ק. פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע, צענטר, ניקאָלסקאַיאַ 10

עס געפינט זיך אין פארקויף:

1. פארייניקטער פלענום פון צ. ק. און צ. ק. ק. אל. ק. פ. (ב.). דעקאבער 1930. רעזאָלי-ציעס וועגן: פאָלקווירטשאפטלעכן פלאן אפן 1931 יאָר (קאָנטראָל-ציפער); דער פלייש- און גרינס-באַזאָרגונג; דער ארבעט פון דער געברויך-קאָאָפעראַציע; די איבערוואלן אין די ראטן. 56 ז. . . . . 7 ק.
2. וו. קויבישעוו — דער פלאן פונעם סאָציאַליסטישן אָנגריף אין 1931 יאָר. 32 זײַטן.
3. פ. שפראך — צום 3-טן יאָר פונעם פינפיאָר. 48 ז. . 15 ק.
4. א. ק. אזיזיאן — דער פינפיאָריקער פלאן פון אנטוויקלען די פאָלקווירטשאפט. 116 ז. . . . . 40 ק.
5. אי. בולאטאָוו — דער קריזיס פונעם קאפיטאליזם און די מילכאָמע-געפאר. 52 ז. . . . . 10 ק.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

1) Москва, Центр, Никольская, 10, Центриздат
2) Москва, 9, Кузнецкий мост, 4, Книжпочта Центриздата

און אין אלע אָפטיילונגען פונעם פארלאג אף די ערטער